1)105

דער נסתר
געדאַכט
ערשטער באנד:

די הילע געצייכנט פון י. טשאַיקאָוו.

205

דער נסתּר

# געדאַכט

ערשטער באַנד

Alle Rechte, insbesondere der Uebersetzung,
vorbehalten.

---

Copyright by the „Jewish Literature Publishing Co.
Ltd. (Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H.)“
Berlin, 1922.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941 : 11958

# דער נזיר און דאס ציגעלע.

ס׳איז אַ ליכטיגע און פּראָסטיגע ווינטער־נאַכט געווען, לבנה און שטערן אין הימל, שניי, געבעטעטער שניי אין פעלדער, און פון וועגן קיין קלאַנג: — קיין פערד און שליטן, קיין גלאָק אויף שליאַכן, נאָר פעלד און רוה, רוה און שניי אויף ווייטן.

זענען אין אַ רעדל פון שטרוי געמאַכט, מיט אַ ליכטל אין דער מיט, „יענע לייט״ געזעסן; דאָס זענען חוזק, לץ און נישט־גוטער געווען, געזעסן, אויף די פיס געבויגן, די דאַרע גופים פון קעלט געניאָרעט, אויף עפּעס געוואַרט און אַרויסגעקוקט און דערווייל, אָהן אַרבעט, געקוקט און געשוויגן, מיט אַ־מאָל רופט זיך חוזק אָן און זאָגט:

— שדים, הערט: לבנה קוקט, לבנה שטערט, און שניי איז ווייט, און קיינער רייט, און שד אָהן אַרבעט... פון מענש קיין שפורן — נישט געגאַנגען, נישט געפאָרן, קיין גלאָק צו הערן; מען דאַרף באַקלערן, — בין איך חוזק נישט, אויב איך טראַכט עפּעס נישט צו!...

— עפּעס צו... — זאָגט לץ.

— אַוודאי, העלפט נישט־גוטער, נו?

און חוזק וואַרט אַ ווײַלע, נאָר באַלד דערנאָך טוט ער זיך מיט אַמאָל פון אָרט אַ הויב, אויף די פיס אַ שטעל, מיטן פנים צו פעלד געקערט, אַ טראַכט, און באַלד פון רעדל אַרויס, און — טאַך און טאַך: פעלד און פיס, פיס און פעלד און אין ווייטן האָריזאָנט פאַרשוואונדן.

שטיל. אַ פּאָר מינוט גייט אַוועק, אַ פּאָר מינוט נישטאָ...
און חוזק האָט זיך ווידער אויפן האָריזאָנט באַוויזן, און אַהער, אַהער און גיך און שוין נישט אַליין, שוין נישט צו פוס: — חוזק האָט אויף אַ צאַפּ געריטן. מיט אַלע פיר אויפן צאַפּ געלעגן, מיט די פיס אַרום בויך און מיט די הענט ביי זיין באָרד זיך געהאַלטן. אַזוי געלאָפן, זיך געטראָגן און גיך און מיט אימפּעט צום רעדל צו. און חוזק איז פון צאַפּ אַראָפּגעגאַנגען, אים פאַרן האָרן אָנגענומען, אין רעדל אַריינגעפירט, זיך אַנידערגעזעצט, אים דערווייל געגלעט, אָפּגעאָטעמט און אַזוי געזאָגט: „צאַפּ, צאַפּ, ציגן־באָק, הערסט דו נישט פון ווייט אַ גלאָק? ווייסט דו נישט, ווי ווייט ס'וואוינט אונזער אַלטע, וואָס געקרוינט, וואָס צו שאַפן, וואָס צו זאָגן האָט אויף ווייבער בעתן טראָגן, קימפּעטאָרנס אין די בעטן, יונגע קעצעלאַך צו גלעטן, און פון שלאָף די מאַמעס וועקן, מיט חלומות זיי צו שרעקן: חלום־וואַסער און געוויסער, חלום־פייער, חלום־שרפה, — אונזער אַלטע מכשפה?"...
האָט דער צאַפּ מיט קאָפּ אַ דריי געטאָן, מיט הערנער אין דרערד געקלאַפּט:
יאָ, ער ווייס:
— ווי מען וויל און ווען מען וויל, ווינטער־נאַכט, לבנה־שטיל, שנייען־ווייס און סטעפּעס־קלאָר — מכשפה פאַר די האָר גרייט איז ער צו ברענגען... האַרן שדים, אַייער גנאָד, לאָזט אַרויס מיך נאָר פון ראָד — כ'האָב אַ וואָרט, איך האָב אַ שפּרוך, ציגן־באַק און צאַפּ־גערוך — ברענג איך זי נישט אויגן־בליק, צי פון טייך און צי פון בריק, ברענג איך זי נישט אַייך צו באַלד, צי פון פעלד און צי פון וואַלד, צי פון לאָך פון טויבן־שלאַק, — נעם אויף זיך דעם שדים־פסק: — פאַר דער באָרד מיך הענגען...
אויסגעהערט האָבן שדים דעם ציגן־באָק, אַ ווײלע זיך

איבערגעקוקט, ווי זיך מיט די אויגן געשובט, און איבערטראַכטנדיג באַשלאָסן:

— דעם צאַפּ אַרויסלאָזן אום די מכשפה צו באַקומען...

האָט דער לץ דעם צאַפּ פאַרן האָרן אָנגענומען, אים פון רעדל אַרויסגעפירט: גיי...

— און איר — האָט זיך דער צאַפּ אויסגעדרייט און צום לץ געזאָגט — וואַרט.

און אומגעקערט האָט זיך דער לץ צו זייניגע, ווייטער זיך איינגעגניאָרעט, די פיס אַיינגעבויגן, זיך אויפן ראנד פון רעדל שטרוי געזעצט, און אינאיינעם מיט יענע שטיל און געדולדיג וואַרטן גענומען.

שטיל און ליכטיג האָט זיי לבנה איבער די קעפּ געלויכטן, העל און קלאָר אין רעדל אַריינגעשיינט און אין לויטערן און אין נאַכטיגן ווינטער־הימל צווישן שטערן געשוואומען. גאָלדענער לבנה־שטויב האָט זיך אין איר שווימען געשאָטן; אַרום איר איז אַ גרויסע און ווייסע ראָד געוועזן, און אויבער־שטערן און אונטער־שטערן האָבן זי אין וועג באַגלייט.

שטיל. לבנה־נאַכט און פעלד־ביינאַכט...

פלוצלונג — און פון הינטער לבנה, פון איר הויכער און ליכטיגער הויכקייט, האָט זיך די מכשפה אויף אַ לאַנגן בעזים רייטנדיג באַוויזן: — פון הויך אַראָפּ, פון הויך אראָפּ און נעהענטער און נעהענטער און אין שדים־רעדל אויפן בעזים אַריין. אָפּגעאָטעמט, פון הימל, נאַכט און הויך געקומען, האָט זי זיך צו חוזקן געווענדט:

— חוזק, וואָס האָסטו מיך גערופן? און צו וואָס מיר מיין נאַכט און מיין פליהען געשטערט?...

און חוזק האָט איר געענטפערט:

— מכשפה גנעדיגע, ס׳איז אומעטיג, און שדים — איך און לץ און נישט־גוטער — אָהן אַרבעט...

– טאָ וואָס־זשע ווילסטו?

– אַ מעשה, מכשפֿה ליבע, פֿון וואָס געזעהן, פֿון וואָס געהערט...

– למשל?

– פֿון אַלץ, אַבי נישט פֿון חוזק.

– און דו, לץ?

– פֿון אַלץ, נאָר אָהן ליצנות.

און נישט־גוטער האָט צוגעגעבן:

– אַלץ גוט, נאָר נישט מיט גוטן געענדיגט...

און די מכשפֿה האָט אָנגעהויבן:

– אין א ווייטן ווילדן וואַלד האָט אַמאָל אַ נזיר געוואוינט. יאָרן איין, יאָרן אויס, מיט גראָזן און קערנדלאַך זיך געשפּייזט און פֿון נאָהענטן און פֿאַרבאָרגענעם וואַלד־ברונעם וואַסער געטרונקען. יאָרן לאַנג פֿון ישוב אָפּגעוואוינט – אין וואַלד און אין הייל געזעסן – איז דער נזיר ווילד און פֿאַרוואַקסן געוואָרן און ווי אַ ווילדע חיה מיט אַ מענשליך פּנים אויסגעזעהן.

און ס'פֿלעגט זיין, אַז דער בער אָדער דער וואָלף פֿלעגן זיך אַמאָל מיט אים צווישן די בוימער טרעפֿן, אָפּשטעלן פֿלעגן זיי זיך אין מיטן, פֿאַרהאַלטן אַ ווייל און נישט גערירט, געקוקט אויף אים און געקוקט, און דערנאָך שטיל און מיט חיה־אָפּשיי אים דעם וועג אָפּטרעטן.

האָט זיך צום נזיר אַ ווילד וואַלד־ציגעלע צוגעשלאָגן און מיט אים אינאיינעם אין הייל געוואוינט. פֿון זיין האַנט געגעסן, ביי זיין זייט געשלאָפֿן, געטאָגט און גענעכטיגט און באַשטענדיג אין אַלע זיינע וואַלד־געגנג אים באַגלייט. האָט זיך דער נזיר מיט דער איינציגער שטומער און כּשרער בריאה זיין וועלט געטיילט: גערעדט און זיך אויסגערעדט, דערציילט און אויסדערציילט און זיינע ריינע געפֿונענע פֿריהמאָרגן־אמתן און פֿאַרנאַכט־געדאַנקען איר געטרויט און אויסגעזאָגט.

און עס פֿלעגט טרעפֿן — אַמאָל, זומער נאָך האַלבן טאָג, אין וואַלד און צווישן בוים און בלעטער — דער נזיר פֿלעגט דעמאָלט אויף דער ערד זיצן, און נעבן אים איז דאָס ציגעלע געשטאַנען... פֿלעגט ער דאָס פֿאַרן קעפּעלע נעמען, דאָס פּנימל צו זיך אויסדרייען, לאַנג־לאַנג, שמייכלענדיג און תּמעוואַטע דעם אין די ווילדע, תּמימותדיגע און כּשרע אויגעלאַך אַריינקוקן און אויף זיין ביסל נשאר־לשון צו דעם שטאַמלען, קוקן און שטאַמלען:

— ציגעלע, ציגעלע, מיין ציגעלע...

אַזוי אַ יאָר, אַזוי צוויי: האַלבע טעג אויף די קני אין תּפֿלות געשטאַנען, אין זיין הייל אינם וואַלד פֿאַר אַלץ, וואָס אויסער וואַלד געבעטן, און נאָר מיט ציגעלע מיט זיינע איינציגע ווערטער און ריינע מחשבות זיך געטיילט.

איינמאָל — ס'איז אַ זומער־טאָג געווען, און דער נזיר האָט זיך אַליין עפּעס ווייט פֿון זיין הייל געהאַט אָפּגעטיילט און אין וואַלד פֿאַרגאַנגען, ווי ס'מאַכט זיך אמאָל: שטיל און פֿאַרטראַכט, פֿון בוים צו בוים, פֿון איין ארט צום צווייטן, ביז ער איז אין אַ פֿרעמדער געדיכטעניש אַריין, און ווי ער האָט זיך גענומען דעם אומבאַקאַנטן אָרט באַטראַכטן, זיך שוין אויסדרייען געוואָלט און צוריק זיך אומקערן, האָט זיך פּלוצים פֿאַר אים אַ מענש באַוויזן — ווי פֿון דער ערד אויסגעוואַקסן, האָט אויף אים דער מענש מיט שטומע און באַפֿוילנדיגע אויגן אַ קוק געטאָן און אַ זאָג געטאָן:

— נזיר, מען רופֿט.

— ווער?

— קיין ענטפֿער.

— וואוהין?

און דער מענש האָט דעם שווייגנדיגן און פֿרעמדן רוקן געוויזן און דעם נזיר אויף זיך נאָכצוגיין אַ צייכן געגעבן...

אויסגעדרייט אויף אַ ווײַלע האָט זיך דער נזיר, אויף צוריקוועגס אַ קוק געטאָן, אין מחשבה מיט הייל און וואַלד און זײַן ציגעלע זיך געזעגנט, און באַלד זיך ווייטער אומגעקערט, און נישט איבערפּרעגנדיג, ווי אָהן אַ דעה און אונטערגעגעבן, שוין דעם מענשן נאָכגעגאַנגען. געגאַנגען און געגאַנגען אַ שעה און צוויי, און דער מענש האָט די גאַנצע צייט זיך צוריק נישט אומגעקוקט, דעם נזיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר זיכער און גלייך זײַן וועג געגאַנגען און בטוח און מיט ווילן דעם נזיר נאָך זײַן פּלייצע געפירט. פון אָרט צו אָרט, פון שטילן וואַלד אין שטילן וואַלד, וואו מענשן טרעטן נישט, נאָר ערד און וואָרצל, שטילע ערד אין וואַלד אין טיפן.

נאָר אָט איז דער פאַרנאַכט אָנגעקומען. די זון האָט אין אַלכסון שוין אין וואַלד אַרײַנגעשיינט. שטילע און גאָלדענע זונען־פּאַסן זענען ווייט צווישן בוימער פאַרגאַנגען און אויסגעצויגן געלעגן, און אַיינגענומען און רוהיג איז דער וואַלד געשטאַנען. און דער מענש מיטן נזיר זענען אַלץ טיפער און טיפער געגאַנגען, און אָט האָט אָנגעהויבן שטילער און טונקעלער ווערן. די גאָלדענע זונען־פּאַסן האָבן זיך פּאַמעלאַך־פּאַמעלאַך אַרויסרוקן גענומען; האָט אין וואַלד עפּעס אַ זיפץ געטאָן, און שטיל איז געוואָרן. שטיל און וואַלד, פאַרנאַכט אין וואַלד, און אין דער שטילקייט האָט זיך פאַר מענש און נזיר אַ קאַרליק באַוויזן... קליין און קאַלט און רוהיג, מיטן קאַלטן סריס־פּנים, איז ער זיך אַזוי געגאַנגען, די הענט אין די קעשענעס, דאָס קאַפּעלושל העכער שטערן אַרויפגערוקט און אויף דער פּאָטיליצע געלעגן, און ברייט און הרחבותדיג צווישן בוים און בוים שפּאַצירט. אָפּגעשטעלט האָט זיך אים אַנטקעגן דער מענש און אים אַ פרעג געטאָן:

– קאַרליק, פון וואַנען?

– פֿון כסדר, האָט ער אַן ענטפֿער באַקומען.
– און וואוהין?
– וואו אַלע תּמיד...
– און וואָס אַזוי אויפֿגעלייגט?
– ס'איז דאָ פֿון וואָס.
– פֿון וואָס אַזוינס, קאַרליק?
– אַז וואַנדערער וואַנדערן און גייערס גייען, נאַראָנים זוכן און הייליגע בעטן, נזירים פֿאַסטן און מכשפֿים שפּרעכן
– און ווייסן... ווייס קאַרליק!...
– אַז וואָס?
– אַז פֿאַראַן איז אַ באַרג, אין באַרג איז אַ הייל, אויף הייל איז אַ שטיין, און דער שטיין איז געחתמעט...
– און אין דער הייל?
– אין דער הייל — אַ מגילה, אין מגילה שטייט געשריבן...
– אַז?
– אַז — פֿרייד אין די פֿליגלען און אָדלער אין וואָלקן, אויגן אין קאָפּ און ווייטקייט פֿאַר אויגן, און אמת — נישט הויך און נישט ווייט...
– און וואו?
– אמת אין דער ערד.
– אמת?
– יאָ, אמת איז דאָס קערנדל...
– און דאס אָרט?
– איז אַ סוד.
– און ווייסן ווייס דערפֿון?
– אָטאָ דעמס... ציג!

און דאָ האָט דער קאַרליק אויפֿן נזיר אָנגעוויזן און זיך ווייטער, די הענט אין די קעשענעס, קאַלט און קליין און בײַ דר'ערד, רוהיג זיין וועג געגאַנגען.

אויסגעדרייט האָט זיך שוין דעמאָלט אויך דער מענש צום נזיר און אַ זאָג געטאָן:

– נזיר, הער: אויף דיר איז מוטל, אויף דיר געפאַלן, זאָלסט ציגעלע אָפּזוכן, דאָס קערנדל געפינען און דעם קאַרליק זיין רוה שטערן... נאָר זעה: היט דיך פון עצות, דערווייטער זיך פון באַגעגענישן... דיין ווילן איז דיין שונא, דיין איילן – פאַרפירער, דער צופאַל – דיין פריינט, און געדולד – דער, וואָס ליבט דיך... און דאָס פויגעלע וועט דיין וועגווייזער זיין...

אָפּגעזאָגט, זיך אויסגעדרייט און אין דער זייט, פון וואַנען קאַרליק איז געקומען, אַהין אַוועקגעגאַנגען און פאַרשוואונדן.

שטיל איז די נאַכט צוגעפאַלן. גראָזן און שטילע גראָזן, צווייגן און העכער צווייגן, בלעטער, בוימער זענען דאַן אין שטילקייט, ווי אין דער לופט, הענגען געבליבן – קיין ריר און קיין שאָרך, קיין פויגל, קיין פיפס פון פויגל און קיין באַוועגונג. דער וואַלד איז דאַן אָהן אָטעם געשטאַנען, און שטיל און טונקל איז אין אים דער פאַרנאַכט אַריינגעגאַנגען: – ווי שטיל און באָרוועס, און פון קודש אין קודש־קדשים, און אין וואַלד צו מנחה און אין רוה פון מנחה דעם נזיר אויף די קני געטראָפן...

געקניט האָט דער נזיר און געבעטן:

– האַר פון וואַלד און פון מנחה אין וואַלד, באַוויז מיר מיינע וועגן... שיק מיר מיין ציגעלע צו – מיין היטער און מיין באַגלייטער... און היט מיך פון טעותן, פון שטרויכלונגען און אָנשיקענישן... און מאַך מיך דעם פויגלס קול הערן – מיין באַשערטן און מיין וועגווייזער... איצט אין וואַלד און אין רוה פון וואַלד זאָל דער צייכן זיין...

אָפּגעבעטן האָט דער נזיר, און פון קניען נאָך נישט אויפגעשטאַנען. שטילער און טונקעלער איז שוין דער וואַלד

געשטאַנען און מיט בוימער און גראָזן ווי אויף אַן עת־רצון געוואַרט. און אַ קול האָט זיך דערהערט, פונם וואַלד און פון דער טיף, פון פאַרנאַכט, און פון זיין שטילקייט האָט זיך אַ פויגל אויף זיין העלזל צעלאָזט: —

— „פיט און פיט — אַ דאַנק פאַר היינט, אַ פרייד אויף מאָרגן, די זון פאַרגייט, די זון וועט אויפגיין, און ליכט אין הימל און שפייז אויף ערדן און וואַלד צו שיצן די נעסט און פויגלען... און נזיר דו, נישט זאָרג, פאַרבלייב דאָ, פאַרבלייב אויף נאַכט, און פריה צו מאָרגן — און אַלץ ווערט קלאָר מיט זונען־אויפגיין, און זיכער זיי און רוהיג בלייב, דער פויגל דיך וועט נישט פאַרלאָזן...”

אָפגעשפילט, שטיל און מיט די פליגעלאַך אַ מאַך געטאָן, אַ פליה געטאָן און נישט געבליבן.

איז דער נזיר דאַן פון קניען אויפגעשטאַנען, אַן אָרט אויף נאַכטלעגער זיך אויסגעזעהן, רוהיג און פאַמעלאַך זיך אַרומקוקן גענומען, אויסגעקליבן, שטיל זיך אַראָפגעלאָזט און זיך אַנידערגעלייגט.

גוט און זיכער איז דער נזיר יענע נאַכט אָפגעשלאָפן. און אין דער פריה, אַז די זון איז שוין הויך אין הימל געשטאַנען און אין וואַלד דעם ערשטן גאָלדענעם פאַסען־שיין אַריינדער־לאַנגט, האָט זי זיך אויפן נזירס פנים געטראָפן, אים געוואַרעמט און געוואַרט, געוועקט און געוואַרעמט און לסוף — געטריי און גוט און ליכטיג — אים צום פריהמאָרגן דערוועקט. און אַז דער נזיר האָט די אויגן געעפנט, האָט ער פלוצים און אומגעריכט אין דער שויס ביי זיך זיין ציגעלע ליגן דערזעהן. נאָהענט ביי אים און שטיל ביי אים איז דאָס ציגעלע מיט אָפענע אויגן געווען, פריהמאָרגנדיג און איבערגעגעבן אים אין די אויגן געקוקט און ווי פון לאַנג, פון פאַרטאָג אויף זיין אויפשטיין געוואַרט. און דער נזיר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן,

זיך אויפֿגעזעצט, דאָס ציגעלע פֿאַרן קעפּעלע אָנגענומען און ליב און גליקלאַך געהאַלזט און געגלעט עס: ציגל, ציגעלע, געקומען ציגעלע...

האָט שוין דער פֿויגל אויפֿן נזיר צווישן בלעטער געוואַרט און באַלד אַ שפּיל געטאָן:

„פּיט און פּיט — און אַלץ איז קלאָר, דער טאָג איז ביי, באַגלויבט הבטחה, דעם פֿויגלס וואָרט געזאָגט האָט נעכטן... ער היט, ער האַלט, ער וועט נישט נאַרן, און איצט שטיי אויף, אין וועג זיך לאָזן"...

איז דער נזיר פֿון זיין געלעגער אויפֿגעשטאַנען און פֿריה און פֿריי מיט וואַלד און מיט בטחון זיך אַוועקגעגאַנגען...

איז דער נזיר געגאַנגען, וואַלד־אויס און וואַלד־אַיין, פֿון איין געדיכטעניש צום צווייטן, מיט ציגעלע ביי זייט, מיט ציגעלע באַגלייטער, פֿון אָרט צו אָרט, און צום וואַלד איז קיין סוף און צו בוימער — קיין גרענעץ.

און א צייט איז אַוועקגעגאַנגען, וואו געטאָגט, נישט גענעכטיגט, באָרוועס און אָפּגעריסן, האָט ער זיך אַזוי גאַנצע טעג אויף דער שטילער וואַלד־ערד געשפּאַנט, צווישן פֿוילע און ווייכע ערד־בלעטער און דאַרע בוימער־צווייגן זיך אַ וועג געמאַכט און שטיל, פֿאַרטראַכט, אומגערן און נישט וועלענדיג די וואַלד־שלענגלאַך געשראָקן, האָבן העזעלאַך און וועווערעקלאַך זייערע טריט דערהערט, פֿלעגן זיי מיט אַמאָל די אויערלאַך אָנשטעלן, אויף בוים און הינטער בוים זיך פֿאַר־האַלטן, איבערגעשראָקענע קוקן און זיך איינהערן און מיט אַמאָל אַ היפּע און אַ שפּרונג טאָן און צווישן בוים און צוויי־גן פֿאַרשוואונדן ווערן.

און ווייטער זענען נזיר מיט ציגעלע געגאַנגען — איינער ביים אַנדערן, אַמאָל איינער הינטער אַנדערן, קיין וואָרט נישט גערעדט, קיינמאָל זיך נישט איבערגעקוקט, זיך אָפּ־

געלאָזן — יעדערער מיט זיך פֿאַרנומען און איינס אָן אַנדערן פֿאַרגעסן. פֿאַרגעסן האָט אָן זיי אויך דאָס פֿויגעלע: פֿאַר דער גאַנצער צייט זיי קיין איין מאָל אין וועג נישט דערמאָנט, קיינמאָל נישט — נישט אין דער פֿריה און נישט פֿאַרנאַכט — זיך אויף קיין בוים נישט באַוויזן, אויף טאָג נישט געוועקט, אויף נאַכט נישט געטרייסט און מיט גרוס און שלום זיי פֿאַר דער גאַנצער צייט נישט באַפֿוילן. · · אומעטיג און אָהן וועג־ווייזער האָבן זיי ווי דעם וועג און דעם ציל פֿאַרגעסן, ווי סתּם און אָהן זכרון געשלעפּט זיך און אויף קיין אויסוועג שוין נישט אַרויסגעקוקט.

נאָר איינמאָל — ס׳איז אַ שטילער און אָנהויבדיגער וואלד־פֿריהמאָרגן געווען. די זון איז נאָר וואָס אין וואַלד אַריינ־געקומען. איז געווען, ווי דער נזיר מיטן ציגעלע האָבן זיך געהאַט אין וועג געלאָזט, זענען זיי באַלד עפּעס אויף אַ קליינעם פֿרייען פלאַץ אַרויס. · · פֿון וואַלד אַרומגענומען, פֿון בוימער פֿריי, נאָר מיט הויכן און גרינעם גראָז באַוואַקסן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט, און עפּעס ביי, נישט געוואוינט און מיט הנאה דעם פֿרייען אָרט באַטראַכט. און ווי זיי זענען אַזוי געשטאַנען, איז פֿון וואַלד, פֿון דער אַנטקעגן־זייט דער קאַרליק אַרויסגעגאַנגען און זיי אַנטקעגן געקומען. · · צוגעגאַנגען און דעם נזיר אַ פֿרעג געטאָן:

— נזיר, וואוהין מיטן ציגעלע?

האָט אים דער נזיר פֿאַרטראַכט געענטפֿערט:

– וואוהין? וואוהין מען רופֿט. · ·

– און וואָס אַזוי אומעטיג?

— דער וועג איז אומבאַקאַנט. און דאָס פֿויגעלע קומט נישט.

איז דער קאַרליק דאַן האַרט צום נזיר צוגעטרעטן, אים שטרענג און פֿון אונטן אַרויף אין די אויגן אַ קוק געטאָן און אַזוי געזאָגט: —

– נזיר נאַר! דאָס פֿויגעלע איז געשטאָרבן! דו וואַרטסט אומזיסט!...

– נו?

– גלויב דעם קאַרליק, וואַלד איז דעם קאַרליקס, און וואַלד איז אַן עדות: דער מענש – אַ פֿאַרפֿירער, דער מענש אַ פֿאַרשטעלטער... ס׳איז חוזק מיט אַרבעט, ס׳איז לץ, האָט געשפּעט ער: געמיינט דיך פֿאַרקריגן מיט קאַרליק אין וועלדער. די אַרבעט אומזיסטע!... שפּיי אויס און ווייס: – און דאָ איז קאַרליק נאָך האַרטער צוגעטרעטן און נאָך שטרענגער אין נזירס אויגן געקוקט – ווייס, דיין פֿויגעלע וואָלט אַפֿילו געלעבט, איז ביי קאַרליק אַ נעץ, פֿאַר קליין און פֿאַר גרויס, און דינערס אָהן צאָל, וואָס טוען זיין ווילן און גרייטע צו פֿאָלגן אויף שליחותן אַלע – דער פֿויגל נישטאָ שוין, דער פֿויגל איז טויט!

– איז וואָס?

– טו אַ קוק... און דער נזיר האָט די אויגן אויפֿגעהויבן און דערזעהן: –

אויפֿן אָרט פֿון פּלאַץ פֿון ליידיגן איז אַ וואונדער־שיינער פּאַלאַץ געשטאַנען... אין דער פֿריה און אין דער שיין פֿון אינדערפֿריה און מיט טיר און מיט פֿענסטער... האָט דער הויף און דער פּאַלאַץ און אַלע בנינים פֿון פּאַלאַץ אין פֿריהמאָרגן גערוהט, געשטאַנען און מיט רוה און מיט שלום צו זיך אורחים אָנגעבדרייט. שטיל איז דער פּאַלאַץ געווען. אויפֿגעראַמט און צוגעגרייט איז דער הויף אַרום געשטאַנען און ריין און ליידיג, האָט מיט ליידיגקייט געקלונגען. גרייט און אויפֿגעעפֿנט איז אויך דאָס קליינע טויער־פֿאָרטקעלע געשטאַנען... און דער קאַרליק האָט דעם נזיר אויפֿן פֿאָרטקעלע אָנגעוויזן און ברייט און גוטהאַרציג אַ זאָג געטאָן:

– אַריין!

געוואַלט האָט דער נזיר באַלד דעם קאַרליק פּאָלגן, באַלד אין הויף אַריינטרעטן, אין פּאַלאַץ אַריינגיין און פון לאַנגן וועג און מידקייט די גלידער אויסרוהען... איז ער נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי געטראַכט און זיך איבערגעלייגט... נאָר פּלוצים האָט ער זיך אָן מענשנס אָנזאָג, וואָס פאַר זיין אַוועקגיין, דערמאָנט: „היט זיך פון באַגעגענישן", — און ער האָט זיך מיט אַמאָל און מיט כּוח אויף צוריק אַ דריי געטאָן, אויף גיך און מיט אימפּעט דאָס ציגעלע מיט די אויגן אַ זוך געטאָן. דאָס דערזעהן, האָט ער דאָס פאַרן האָרן אָנגענומען און אַ זאָג געטאָן:

— ציגעלע, קום.... נישט דאָ איז זיך אונז אָפּרוהען באַשערט...

איז אין דער מינוט פון וואַלד און פון טיפן וואַלד דאָס פּויגעלע אַרויס, פאַרביי דעם נזיר דורך, ביי די אויגן אים פאַרביי, גיך און גיך, מיט פליגעלאַך אַוועק און אין וואַלד, וואָס אין דער אַנטקעגן־זייט פאַרפלויגן... און אַז דער נזיר האָט צום קאַרליק־זייט זיך אויסגעדרייט, איז שוין פון קאַרליק און פון פּאַלאַץ קיין סימן נישט געווען: דער אָרט איז ווייטער פריי און ליידיג און פון וואַלד אַרומגענומען אין הויכע גראָזן געשטאַנען...

אויפגעלייגט און צופרידן האָט זיך דער נזיר באַלד אין דעם אַנטקעגן־וואַלד זיך אַריינגעלאָזט און געשטאַרקט און מונטער דעם פּויגעלעס פריהמאָרגן־שפּיל געהערט: —

— „פּיט און פּיט — וואויל, און וואויל, דאָס ערשטע מאָל און גאַנץ אַרויס. אַזוי וועט זיין דאָס צווייטע מאָל, אַזוי דאַרף זיין אויך דריטע מאָל... און שטענדיג נאָר דאָס ציגעלע, און הינטער האַנט דאָס ציגעלע, שטייט מען דאַן נסיונות ביי. און איינס אַזוי און צוויי און דריי, גייט מען

אויך אויף וועג אַרויס און לסוף אויף אמתן... נזיר, גיי און ווייטער גיי, און פֿויגל דיך אין זינען האָט"...

אָפּגעשפּילט און ווייטער נישט געבליבן.

לעבעדיג און אויפֿגעלייגט האָט זיך דער נזיר דאַן אין וועג געלאָזט, פֿריילאַך און געהויבן האָט ער זיך דעם גאַנצן וועג ווי עפּעס אונטערגעזונגען, אַלע מאָל זיך אָפּגעשטעלט, פֿון אונטער די פֿיס און פֿון וועג אַ וואַלד־בלימעלע אָפּגעריסן און צו דער נאָז דאָס דערלאַנגט; אַלע ווילע דאַן זיך אָן ציגעלע דערמאנט: ווען עס איז עטוואָס הינטערשטעליג געבליבן, האָט ער זיך אויסגעדרייט, אויף דעם צוגעוואַרט — זאָל עס פֿון צווישן די בוימער אַרויס. זיך אויסגעגלייכט מיט דעם, האָט ער דאָס צו זיך צו געאײַלט, מיט דאַנק און צופֿרידן געקוקט אויף דעם, דאָס געגלעט און אָבער געגלעט: —

— יאָ, ציגעלע, ציגעלע... יאָ, וואויל ציגעלע...

און אַוועקגעגאַנגען איז ווייטער אַ טאָג און צוויי און דריי... אין וואַלד איז טאָג געוואָרן, אין וואַלד איז נאַכט געוואָרן, נזיר מיט ציגעלע זענען ווייטער אַנטשוויגן און אומעטיג געוואָרן, אָפּהענטיג און שטיל צווישן וואַלד־בוימער געשלעפּט זיך — אַרויס און אַריין, אַריין און אַרויס און אַלץ טיפֿער און טיפֿער — און דאָס פֿויגעלע האָט זיך ווידער אָן די גייערס פֿאַרגעסן... אַראָפּגעפֿאַלן איז שוין דאָס מאָל ביי זיך דער נזיר, מידער און פֿאַרלאָזענער האָט ער איצט אין וועג אויסגעזעהן, אומזיניגער און פוסטער האָט אים איצט דער גאַנג אויסגעוויזן; מניעות און שטרויכלונגען פֿלעגן זיך אים איצט אָפֿטער מאַכן, זיך אים אויסווייזן, און אומשולדיגע און דאַרע וואַלד־צווייגן, וואָס פֿון בוימער אַראָפּהענגען, פֿלעגן אים אַלע מאָל פֿאַרטשעפּען, דערקיטשען און דערצערע־נען...

אומגעדולדיג איז דער נזיר אויך צום ציגעלע געוואָרן: כסדר פֿאַר דעם פֿאַר פֿריהער געגאַנגען, קיינמאָל צו דעם נישט געקוקט, דאָס נישט באַגוטיגט און קיין אַכט אויף דעם ניט געגעבן: גייט עס — גייט עס, גייט עס נישט — זאָל עס... און געפֿילט האָט עס אויך דאָס ציגעלע: פֿאַר דער גאַנצער צייט דעם נזיר אין אויג זיך נישט געוואָרפֿן. שטיל, אָרעם און הינטערשטעליג פֿון ווייטן אים נאָכגעגאַנגען, דערשלאָגן און אומשולדיג, עפּעס ווי שולדיג זיך געפֿילט און דעם נזיר אין בייזן און אין נישט־גוטן אַליין געלאָזן...

ביז איינמאָל... פֿאַר נאַכט... דער נזיר האָט זיך דאָ אַ מידער און פֿאַרמאַטערטער, נאָך אַ לאַנגן און פּוסטן טאָג־אומגיין, זיך צו אַן ארט צוגעשלאָגן, זיך אויף נאַכטלעגער באַלייגט און שוין איינשלאָפֿן געוואָלט. נאָר ווי ער האָט די אויגן צוגעמאַכט, הערט ער, ווי נישט־ווייט פֿון אים אויף דער ערד און צווישן וואַלד־בלעטער האָט זיך עפּעס פֿאַרקען גענומען — עפּעס שאַרן, אויפֿרודערן און אַרויסגיין. זענען פֿון דער ערד שטיל, פֿאָרזיכטיג און בגנבה צוויי שרעטעלאַך אַרויסגעגאַנגען און זיך אויפֿן ראַנד פֿון זייער טירעלע אַוועקגעזעצט... שטיל. אַ פּאָר מינוט זענען זיי זיך אַזוי געזעסן און געשוויגן. נאָר באַלד האָט זיך איין שרעטעלע צום צווייטן געקערט און אַ פֿרעג געטאָן:

— ווייסט דו נישט, מענשעלע, וואָס ביי אונזער עולם טוט זיך? האָסטו אפֿשר עפּעס נייס געהערט?..

— געהערט, — האָט דאָס צווייטע געענטפֿערט.

— וואָס?

— דער עולם לאַכט...

— פֿון וואָס?

— מען דערציילט אַ מעשה.

— אַ מעשה?

– יאָ. מיט אַ נאַר, וואָס האָט דעם נאַר געזוכט... געזאָגט האָט מען אים, געפינט ער אים, וועט ער אים גליקלאַך מאַכן: דער נאַר איז רייך, דער נאַר איז גוט, און רענדלאַך שיטן זיך אים פון די אַרבל... איז ער אים זוכן געגאַנגען...

– נו?

– איז ער גאָר די וועלט אויסגעגאַנגען, אין אַלע לענדער געפאָרשט, ביי אַלע קלוגע לייט געוועזן, חכמים האָבן אים עצות געגעבן, און גאָר נישט: דעם נאַר טאַקע נישט געפונען.

– דאָס איז אַ משל, מענשעלע, און דער נמשל?

– אין וואַלד דרייט זיך שוין לאַנג אַ נזיר אַרום... אַ מענש האָט אים גערופן, אַ פויגל האָט אים צוגעזאָגט, ער זוכט דאָס קערנדל...

– נו?

– מיט קערנדל איז אויך אַ מעשה... אונזערע דערציילן: אַמאָל איז געווען אַ שרעטעלע, האָט עס איינמאָל געהערט פון הימל דערציילן, האָט זיך דעם אין הימל פאַרוואָלט, האָט עס אונזער מלך געבעטן, האָט ער דאָס זיין אָדלער איבערגע־ענטפערט. איז דער אָדלער מיט דעם אַוועקגעפלויגן, ער פליהט און פליהט אַרום... און... ביז היינטיגן טאָג, און עד היום — און פון שרעטעלע איז קיין ידיעה... מען זאָגט: דאָס שרעטעלע וויל שוין צוריק... עס זעהט, אַז ס׳וועט שוין אין הימל נישט קומען...

– פאַרוואָס?

– דעם הימל, מענשעלע, האָט מען אויסגעטראַכט...

– און דער נמשל?

– דער נמשל, מענשעלע, איז דאָס קערנדל.

– און וואָס, מענשעלע, וואָלסטו דעם נזיר געזאָגט?

– איך — אַזוי: — „רייך זענען קעלערס, גאָלד איז דאָרט אוצרות, דו — רייכער פון זיי; פון עק וועלט ביז עק וועלט

נישטאָ וואָס צו זוכן, אַז דו ביזט שוין דאָ... גיי נישט, זוך נישט"...

אָפּגעזאָגט האָט זיך אַזוי דאָס שרעטעלע, אַ פּאָר מינוט איז עס נאָך אין דער שטיל און מיטן צווייטן ביי דעם גריבעלע געזעסן. נאָר באַלד האָט זיך ווייטער אַ פּאָרקען אין די ערד־בלעטער געהערט: ביידע האָבן זיך מיט קעפּעלאַך איבער דעם גריבעלע איבערגעבויגן, אַן אָרט אויף צוריק אַריינגיין געמאַכט, פריהער איינס און דערנאָך דאָס צווייטע זיך אַראָפּגעלאָזט, איבערגעשאַרעוועט, אַריין און שטיל נישט געבליבן...

שטיל און אָוונטיג האָט דער הימל דורך די בוימער אַריינגעקוקט. אין וואַלד איז קיין ווינט און קיין סימן־ווינט נישט געווען. די בוימער זענען ווי פאַרשטיינערט געשטאַנען — קיין צווייגעלע נישט געשאָקלט, קיין בלעטל נישט גערירט, אַלץ אין וואַלד האָט זיך שלאָפן געגרייט און פאַרן שלאָף שטיל אַנטשוויגן געוואָרן.

מיט אָפענע אויגן איז דאַן דער נזיר געלעגן און זיך געטראַכט: — און אפשר, נזיר, איז שרעטעלע גערעכט?... און אפשר איז דאָס נאָר אַ כישוף געווען, פאַרפירונג און פאַרבלענדעניש?... איז שוין דער נזיר גרייט געווען און באַלד שוין צום ציגעלע זיך אויסדרייען געוואָלט און אַ זאָג טאָן: ציג נאַר! מען נאַרט אונז... האָט ער נאָך אָבער אַ ווײַלע געטראַכט און זיך אָפּגעהאַלטן, האָט ער זיך ווייטער אָן מענשנס אָנזאָג דערמאָנט: „היט זיך פון עצות" — האָט זיך אין דער מינוט אויף אַ בוים אַ נאָהענטן אין די בלעטער אַ שאָרכן דערהערט, אָנגעפלויגן איז דאָס פויגעלע און אַזוי געשפּילט:

„פאַרנאַכט, פאַרנאַכט, ווען אלעס רוהט, ווען אַלץ באַקומט דעם שכר פון טאָג — אין שויס פון נאַכט, עס ווערט באַצאָלט, נאָר איינער נישט: — פאַרלאָזן ליגט און נישט באַלוינט, און

נישט באַשווינטש, און נישט געטרייסט פֿון קיינעם נישט, און מיט קיין וואָרט דעו׳מאָנט נישט ווערט — פֿאַרגעסן איז נאָר ער אַליין, — טאָ וויסן זאָל: ר׳איז נישט פֿאַרזעהן, ס׳איז דאָ אַן אויג, עס קוקט אויף אים. נאָר גלויבן דאַרף און טראַכטן ער: ער ווערט געליבט, ער ווערט געפּרובט, און אויסדער־ווילט איז ער דערויף, אויף וואַך צו זיין, אויף וואַך ביי נאַכט, אַל־מזלות ער באַטראַכט — נישט מקנא איז ער זיי, ווייל נישט גלייך איז ער צו זיי... — פּיט און פּיט — און גלויבן דאַרפֿסט אויך, נזיר, דו, נישט הערן דאָס, וואָס שונא רעדט, וואָס אָנגעשיקט אויף מיט, אויף וועג, ווערט יעדערן, וואָס ווערט געפּרובט, אויף שטרויכלונג זיין, פֿאַרהאַלטן אים, געשיקט דאָס ווערט פֿון אונטער־גרוב... און שטאַרקן דאַרפֿסט זיך, נזיר דו, אויף גרייט צו זיין, אויף לעצטן פּרוב, ער שטייט דיר פֿאָר אין צייט אַרום... עס דאַכט דיר דאַן: פֿאַרפֿאַלן אַלץ, נישטאָ קיין הילף פֿון ערגעץ נישט, און אַלע קצים אויסגעלאָזט, נישט זאָרג, נישט זאָרג! געדענקען זאָלסט, דער פֿויגל דיך פֿאַרגעסט דאָך נישט...

אָפּגעשפּילט האָט אַזוי דאָס פֿויגעלע און שטיל, אָהן אַ שאָרך און אָהן אַ פֿליגל־פֿליה ערגעץ פֿון צווישן בוים נישט געבליבן.

באַרוהיגט און גרינג איז דער נזיר נאָכדעם אויף זיין געלעגער געלעגן, געטראַכט, איבער די גרינג־מאַכנדיגע און אויסריידנדיגע פֿויגלס ווערטער איבערגעטראַכט, און באַלד דערנאָך שוין אויף אַ זייט זיך אויסגעדרייט, די אויגן צוגעמאַכט און געטרייסט און געשטיצט אויף נאַכט דאַן אַיינגעשלאָפֿן.

איז דער נזיר אַזוי דעם צווייטן פּרוב בייגעשטאַנען, און אַזוי אויך דעם דריטן...

און ס׳איז געווען, אַז דער פֿויגל האָט צום לעצטן מאָל דעם נזיר אויף אַ צייט פֿאַרגעסן, און דער נזיר מיט ציגעלע

האָבן שוין לאַנג־לאַנג געהאַט געבלאָנדזשעט — אָהן זין און אָהן וועג, אָהן הילף און אָהן האָפנונג, אָפּגעלאָזן און נידערגעשלאָגן און פאַרגעסן און אָהן שום באַגעגעניש, — האָט זיך איינמאָל דער נזיר אין אַ בייטאָג אַ הייסן אין וואַלד אַנידערגעלייגט און אַ מידער און אויסגעמוטשעטער אָהן געדאַנק און אָהן כּוח אַנטשלאָפן געוואָרן... וויפיל ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן — צי אַ טאָג מיט אַ נאַכט, צי צוויי טעג מיט צוויי נעכט — ווייס ער נישט; נאָר געפילט האָט ער אין שלאָף אין מיטן, ווי אַ האַנט האָט זיך אָן אים אָנגערירט און עפּעס נאַכטיש און מיט אימפּעט אים וועקן גענומען...

און אַז דער נזיר האָט די אויגן געעפנט, איז אין וואַלד ביינאַכט געווען, אַ שרעקליכע פינסטערניש און אומרוהיגקייט האָט אין וואַלד און צווישן בוימער געהערשט: קאַלט געבלאָזן האָט עפּעס אין די בוימער אויבן, גערוישט און געטאָן זיך האָט עפּעס אין דער פינסטער, נאָר געזעהן האָט ער גאָרנישט — קיין בוים און קיין וואָרצל, קיין שיין און קיין אָפּשיין, נישט נעבן זיך, נישט אַרום זיך און אין ערגעץ — אין ערגעץ. געפילט האָט ער נאָר, אַז עמיצער שטייט איבער אים און וועקט אים: —

— ווער איז?

— דער וואַלד־גייסט...

— וואָס דאַרפסטו?

— באַלד וועט אין וואַלד אַ שטורעם זיין...

— נו?

— קום מיט מיר, איך שיץ דיך...

— און דאָס ציגעלע?

— דאָס ציגעלע פאַרבלאָנדזשעט... קום...

— כ׳גיי נישט... און דער נזיר האָט זיך צוריק אויף דער ערד אַראָפּגעלייגט און געוואַרט...

אַ פּאָר מינוט האָט דער גייסט ביי זיך דאָרט געשוויגן און איבערגעטראַכט. און באַלד האָט ער דאָס ציגעלע באַקומען, דאָס פֿאַרן האָרן אָנגענומען, אין דער פֿינסטער דאָס דעם נזיר אין האַנט איבערגעגעבן: האַלט.

– און דו, האָט ער צום נזיר געזאָגט, — זעץ זיך.

און דער גייסט האָט דאָ אין דער פֿינסטער פֿאַרן נזיר געקניט און אויף זיין שוואַרץ־חיהשן, האָריגן און פֿעליגן קערפּער אים אַרויפֿגענומען...

און אין וואַלד האָט גערוישט: בוימער אין דער פֿינסטער, וואַלד און ווינטן, און עפּעס האָט זיך געטאָן, און עפּעס האָט זיך געגרייט. און דער נזיר אויף וואַלד־גייסט איז אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין וואַלד אַריינגעריטן, מער אין פֿינסטערניש געקומען, טיפֿער און ווייטער אין רעש פֿון דאָרט, און די גאַנצע צייט דאָס ציגעלע פֿעסט פֿאַרן האָרן געהאַלטן און נישט אָפּגעלאָזן...

שטאַרקער און שטאַרקער האָט אין וואַלד דאַן רוישן גענומען: ערד און בוימער און וועלדער־ווינטן האָבן געבלאָזן און גערוישט, גערוישט און געבלאָזן. און פּלוצים... אין וואַלד האָט אַ בליץ געטאָן... אַ צוק און אַ צינד, אַ פֿליה און אַ פֿלאַם — און דער וואַלד האָט מיט זיין גאַנצער פֿינסטערער מאַסע אויף איין מינוט זיך אין אַ העליש פֿייער באַוויזן...

דער נזיר האָט אַ ציטער געטאָן און דאָס ציגעלע פֿון האַנט אַרויסגעלאָזט... אין דער מינוט איז דער וואַלד־גייסט פֿון אונטערן נזיר נישט געבליבן... און דער נזיר איז מיט אַמאָל און אין מיטן שוין אויף דער ערד געשטאַנען... שטיל איז עפּעס אויף איין מינוט נאָכן בליץ געוואָרן, און פּלוצים —

פֿאַר דעם נזיר איז אַ פֿרייליכער און ליכטיגער פּאַלאַץ אויסגעוואַקסן, מיט טיר און מיט פֿענסטער און מיט ליכט אין די פֿענסטער... און ביי די פֿענסטער האָבן זיך געשטאַלטן

באַוויזן: פּרויען אויף פּרויען און קעפּ ביי קעפּ, יינגערע און עלטערע, אנגעטאָנענע און אַנטבלויזטע, מיט לייבער און מיט רייץ, מיט ווײַן און מיט שמייכל און מיט יונגע מענער־קעפּ ביי זיי און צווישן...

אין פּאַלאַץ האָט אַ נאַכט־סעודה אין דער מיט געהאַלטן...

אָנגעזאָגט האָבן זיך צום פּענסטער אַלע און גאַסטפּריינטליך, צערייצט, אויסגעלאָזן און אויפּגעלייגט צום נזיר געוואונקען...

מיד און געהויבן, נאַכטיש און טרויעריג האָט זיך אַ מידע מוזיק פון די ליכטיגע זאַלן געטראָגן, מיט לייב און מיט נאַכט און מיט ליכט אויסגעמישט זיך. און דורך וועגט און דורך פּאַלאַץ־ווענט אין וואַלד אַרויס און צווישן בוימער זיך צעגאַנגען...

געוואונקען און גערופן האָט דער עולם דעם נזיר אויבן אַרויף, און דער נזיר איז אונטן געשטאַנען און פאַרלוירן ארויף אין די פּענסטער געקוקט. נאָר באַלד האָט זיך פון אַ הויכן שטאָק האַסטיג אַ טיר געעפנט, פלינק און געשווינד, מיט רויש און מיט זייד האָט זיך אַ יונגע פּרוי פון די טרעפּ אַראָפּגעלאָזט, צום נזיר צו און פול מיט כישוף און מיט חן, מיט בשמים־ריח און פרויען־לייבליכקייט אים אָנגענומען און מיט זיך אַרויף גערופן:

— מיט מיר... צו אונז...

דער נזיר האָט זיך פון אָרט נישט גערירט, אַלץ אַרויף און מבולבלער אין די פּענסטער געקוקט, נישט געגאַנגען און געשטאַמלט: דאָס ציגעלע... דאָס ציגעלע...

אויסגעלאָשן האָט זיך מיט אַמאָל דאַן דער נאַכט־פּאַלאַץ, פאַרשוואונדן איז פון נעבן אים די פרוי די יונגע — און דער נזיר איז אין נאָך אַ גרעסערער פינסטערניש און נאָך שטאַר־קערן שטורעם און ווינטן שטיין געבליבן... אַ שרעקליכער שלאַקס־רעגן האָט פון הימל און פון דער פינסטער מיט אַמאָל אַ גאָס געטאָן: ערד און הימל, לופט און בוימער האָבן זיך אין איין רעגן־אויסגאָס פאַרוואַנדלט. געגאָסן און געשמיסן האָט

אָהן אויפֿהער -- אויף קאָפּ און פֿון די זייטן, און נאַס און קאַלט, פֿאַרלאָרן און צעטומלט איז דער נזיר אין מיטן געשטאַנען — אין מיט און אַליין אין דער פֿינסטער...

האָט זיך ווייטער דער פּאַלאַץ מיט דער יונגער פֿרוי באַוויזן, ווייטער געדופֿן — דער נזיר איז נישט געגאַנגען. האָט שוין אויף גיך און איינס נאָכן אַנדערן זיך בייטן גענומען:
— פּאַלאַץ־ליכט און רעגן־פֿינסטערניש, רעגן־פֿינסטערניש און פּאַלאַץ־ליכט... איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, און — דער נזיר איז אויך דאָס מאָל בייגעשטאַנען...

און אַז דער נזיר האָט פֿון נאַכט און פֿאַרבלענדעניש די אויגן געעפֿנט, איז שוין אין דרויסן גרויסער טאָג געווען. שוין אויסער דעם וואַלד איז דער נזיר געשטאַנען, ביי זיין זייט און צוגעטוליעט איז דאָס ציגעלע געווען. פֿאַר אים איז אַ ליכטיג און גרויס פֿעלד געלעגן, און אַ ווייטער און גלייכער, אויסגעטרעטענער און פֿריהמאָרגנדיגער וועג האָט דורך דעם אין דער ווייטקייט געפֿירט...

און דאָס פֿויגעלע האָט זיך אויף אַ בוים אין עק־וואַלד באַוויזן און געשפּילט: —

„פּיט און פּיט — וואויל און וואויל, בייגעשטאַנען, און ס'איז גוט. איצט אַרויס אויף נייעם וועג, אויף צו זוכן און אויף גליק, צו דעם הייליגן דיין ציל, צו דעם קערנדל געבענשט...
פֿון היינט־פֿירן וועט דיך שוין נישט איך, גייסטו איבער אין רשות, פֿון לבנה יענעם מענש, פֿרעגסט ביי אים אין אַלע נעכט, ווייזט ער דיר דעם רעכטן וועג, הער איך אויס און הער אים צו... און אַצונד — זיי געבענשט, מיט דיין ציגעלע באַשערט, דיין באַגלייטערין צו גליק"...

* * *

איז דער נזיר אין דעם פֿריהמאָרגן פֿון וואַלד אַרויסגעגאַנגען. פֿריי און פֿריה איבער דעם ווייטן, אויסגעטרעטענעם און

גלייכן וועג זיך געלאָזט און אויפֿגעלייגט און באַנייט איז ער שוין דעם אָפּענעם און ברייטן פֿעלד אַנטקעגן געגאַנגען. אַלע מאָל האָט ער זיך צום וואַלד, וואָס איז הינטן געבליבן, אויסגעדרייט, און אַלע מאָל אַלץ מער און מער אים אַ דערווייטערטן געפֿונען.

אין האַלבן טאָג, די זון אין מיטן הימל געשטאַנען, ליכטיק און ווייט איז דאָס פֿעלד געבליבן, האָט דער נזיר ווייט־ווייט אין פֿעלד עפּעס ליגן דערזעהן. גיין געלאָזט האָט זיך אַהינצו דער נזיר, — געגאַנגען און געגאַנגען און צו דער זאַך זיך דערנענטערט. און ווי ער איז אַהינצו געקומען, האָט ער אויף דער ערד דאָרט אַ מענטשן דערזעהן. דאָס איז אַ גייער אין מיטן פֿעלד ביי אַ ברונים געלעגן און פֿון וועג און טאָג אָפּגערוהט. האָט זיך דער נזיר נעבן מענטשן אַראָפּגעלאָזט, זיך אַנידערגעזעצט און אַ פֿרעג געטאָן: —

— פֿון וואַנען?

האָט אויף אים דער גייער רוהיג און פֿאַמעלאַך אַ גייערשן קוק געטאָן און געענטפֿערט: —

— פֿון לאַנג.

— און וואוהין?

— אויף נאָך לענגער...

— נאָך וואָס?

— נאָך דער אַלטער אבדה.

— וואָס ביי וועמען איז פֿאַרלוירן געגאַנגען?

— ביי גאָר־דער־וועלט — אַ קערנדל...

— גייען מיר דאָך אינאיינעם?

— ניין.

— פֿאַרוואָס?

— ס'אַ קבלה... פֿונם באַוואוסטן אַלטן.

— אַז?

— אַז הייליג די וועגן, נאָר הייליגער גייערס; געבענשט איז דער גאַנג און געבענשטער דאָס גיין, און גיין הייסט... באַזונדער.

— אָבער ציל איז דאָך איינער?

— יאָ, ציל איז דאָך איינער, נאָר גייערס פֿאַרשיידן... און זוכט מען פֿאַרשיידן, געפֿינט מען — אין געשטאַלט און אין פֿאָרם... און יעדער זיין שטייגער, זיין וועלט און זיין קערן...

— און דער ברונים?

— דאָס איז דער ירושה־ברונים: פֿון דור צו דור, פֿון גייער צו גייער, אונזער שפּיגל און אונזער ראיה...

און אויפֿגעהויבן האָט זיך ביי די ווערטער דער גייער, אויפֿגעשטעלט, צום ברונים צוגעגאַנגען, אַ ווײַלע שטיל ביי זיין ראַנד געשטאַנען, זיך איבערגעבויגן, און שטיל און פֿאַרטראַכט אין אים קוקן גענומען... אויפֿגעהויבן האָט זיך אויך דער נזיר דעמאָלט, איז אויך צום ברונים צוגעגאַנגען און אַנטקעגן זיך געשטעלט. האָט ער די אויגן אין וואַסער אַריינגעלאָזט און רוהיג און פֿאַמעלאַך אין ברונים זיך פֿאַר־קוקט... האָבן גייער און נזיר אַ ווײַלע דאָרט אין וואַסער געקוקט און זיך איבערגעקוקט, נאָר באַלד איינס אָן אַנדערן פֿאַרגעסן, און יעדער מיט זיך און מיט אָפּשפּיגלונג פֿון זיך אין זיין וואַסער און אין זיינע געדאַנקען זיך פֿאַרגאַנגען... שטיל זענען זיי אַזוי געשטאַנען, לאַנג, לאַנג און איינס פֿאַרן אַנדערן אומבאַמערקט. און אַז דער נזיר האָט זיך פֿון מחשבה אויפֿגעכאַפּט, האָט ער שוין דעם גייער אין וואַסער נישט גע־פֿונען... און אַז ער האָט די אויגן צום פֿעלד אויפֿגעהויבן, איז שוין דער גייער ווייט־ווייט אין פֿעלד געווען און מיטן שטעקן אין האַנט און טאָרבע אויף פּלייצע אויף ווייטן און גלייכן וועג צום האָריזאָנט געשפּאַנט... האָט אויך דער נזיר

דאָס ציגעלע פֿון ברונים אָפּגערופֿן, נאָך אַ מאָל אויפֿן גייער אַ קוק געטאָן און אויף צווייטער זייט אין זיין וועג און אין זיין טאָג זיך אַוועקגעלאָזט...

ווייט און אַליין איז דאָס פֿעלד אין דעם טאָג געלעגן. אַליין און נאָר מיט ציגעלע איז דער נזיר אויף דעם געגאַנגען — שטיל און פֿאַרטראַכט, פֿעלד־אויס און פֿעלד־איין, פֿון הימל צו הימל און אַזוי ביז פֿאַרנאַכט, ביז די זון האָט זיך זעצן גענומען און אין מערב פֿאַרגאַנגען.

שטיל האָט זיך שוין פֿון מזרח די נאַכט אַרויסגערוקט. טונקעלער און טונקעלער איז דאָס פֿעלד הינטער דעם נזירס פּלייצעס געוואָרן און ווי אין שווייגן און אין טרויער האָט עס אים אויף זיין וועג נאָכגעקוקט. און דער נזיר האָט זיך פֿאַרטראַכט, האָט דעם טאָג נישט געדענקט, ווי אָן נאַכטלעגער פֿאַרגעסן, נאָר אַלץ געגאַנגען, ביז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן...

און אַז דער נזיר האָט זיך מיט אַ מאָל אויף וועג אַ שטעל געטאָן, אין פֿעלד און אין טונקעלן זיך אַרומקוקן גענומען, אַן אָרט אויף נאַכטלעגער געזוכט און נישט געפֿונען, — האָט ער זיך פּלוצים צוריק צום וועג, צום פֿאַרגאַנגענעם זיך אויסגעדרייט און דערזעהן: —

— אין עק פֿון הימל און מן הצד פֿון הימל איז אַ גרויסע פֿעלדישע און קיילעכיגע לבנה געשטאַנען, און אין לבנה — דער לבנה־מענש...

גלייך און פֿון דאָרט האָט דער לבנה־מענש אויפֿן נזיר געקוקט, לאַנג אים באַטראַכט פֿון ווייטן און רוהיג און מיט אויגן־רוהיגקייט אויף אים די גאַנצע צייט געוואַרט און געשוויגן... שטיל און וואַרטנדיג איז דאָס גרויסע און ווייטע פֿעלד געלעגן, נאַכטיש האָבן הימל און ערד דאָרט געשוויגן, און אין הימל — דער מענש און אויף דער ערד — דער נזיר

זענען איינס אַנטקעגן אַנדערן געשטאַנען, זיך געוואַרט און אויסגעוואַרט...

און לבנה־מענש האָט זיך אָנגערופֿן: —

„נזיר, אין מיין רשות ביזטו געגעבן, דאַרף איך היינט דיך שוין פֿאַרזאָרגן, שטייסטו איצט און וואַרטסט... און אין נאַכט ביזטו אַ פֿרעמדער, און די נאַכט איז באַלד אַ מושל, גייט אַרויס אויף אַלע וועגן, גייט אויף ערד אַראָפּ זיך לאָזן, און אין הימל מיטן קאָפּ... דריי־זשע אויס זיך אויף צוריק־וועגס, און אין פֿעלד וועל איך דיר לייכטן, און אַ שטיבל וועל דיר ווייזן און אויף נאַכטלעגער שוין היינט... און זעה: און בלייב שוין דאָרט אויף צייטן, און נישט ריר זיך אָהן מיין וויסן, דו באַזעץ זיך דאָרט מיט ציגל און דאָס ציגעלע זאָלסט היטן, ביז איך קום נישט, וועל דיך רופֿן און באַפֿוילן דיך ביינאַכטן, אין דער צייט, ווען איך באַדאַרף... און איצטער גיי״...

געפֿאָלגט און אויסגעדרייט האָט זיך צו לבנה־מענש דער נזיר, שטיל אויף פֿעלד און אויף אָוונט אַ קוק געטאָן און אין ווייטן און באַלויכטן אויף נאַכט זיך געלאָזט...

פֿולער און העכער האָט זיך די לבנה אַהינטער דעם נזיר אויפֿן הימל אַרויפֿגערוקט, שיינענדיגער און לויכטנדיגער, אַלץ מער און גרעסער אין דער נאַכט אויפֿגעגאַנגען, ווייכער און ליכטיגער איר וועג אַרויפֿגעשוואומען און גאָלדן און גרינג איר שיין אויף פֿעלד און אויף וועג אין פֿעלד צו זייען גענומען..

נישט אומגעקוקט און נישט אויסגעדרייט האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט דער נזיר, די גאַנצע צייט נאָר לבנה און לבנה־מענש הינטער די פּלייצעס געפֿילט. געוואַכט און באַלויכטן פֿון זיי, איז ער זיך אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער האָט שפּעט אין דער נאַכט אין פֿעלד אויף אַ חורבה זיך

אָנגעשלאָגן... אומגעקערט אויף אַ ווײַלע נאָר האָט זיך דאַן דער נזיר צו לבנה־מענש, מיט דאַנק און מיט שטילן דאַנק פֿאַר זיך און ציגעלע אויף אים אַ קוק געטאָן און באַלד זיך ווײַטער צו דער חורבה אויסגעקערעוועט, אַ טיר געפֿונען און אַרײַנגעגאַנגען...

* * *

האָט זיך דער נזיר אין דער חורבה באַזעצט. מיט ישוב און פּאַמעלאַך זי באַקוקן און אַרומקוקן געגומען, אַלץ, וואָס נויטיק פֿאַר זיך און פֿאַר ציגעלע, אויף לאַנג און אויף צײַטן פֿאַרגרייט, פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך צו אָרט און אַרום דעם אָרט זיך צוגעוואוינט, און אַזוי פֿון טאָג אויף טאָג אַלץ מער און מער אין דער חורבה אַ תּושב געוואָרן. רוהיק און געזיכערט האָט דער נזיר אויף הבטחה פֿון לבנה־מענש געוואַרט און דערווײַל, אַלע פֿאַרנאַכטן און פֿריהמאָרגנס, אין לאַנגע און אין שטילע תּפֿלות אויף די קני אין פֿעלד און אין חורבה געשטאַנען, און געבעטן און געבעטן, אָפּגעבעטן, פֿלעגט ער זיך אין די פֿריהמאָרגנס מיטן ציגעלע לאָזן, אַמאָל נאָהענט, אַמאָל ווײַט פֿון זײַן חורבה זיך אָפּשיידן, אומגיין, גראָזן און קערנדלאַך זוכן, און אַמאָל אויף אַ טאָג, אַמאָל אויף מער, שפּײַז און עסן צונויפֿקלײַבן און אַהיים ברענגען.

און געהיט האָט דער נזיר דאָס ציגעלע, דאָס קיינמאָל פֿון אויג נישט אָפּגעלאָזט, קיינמאָל ווײַט פֿון זיך אַליין נישט געלאָזט, נאָר כּסדר מיט דעם, אין אַלע גנייג און אין אַלע צײַטן.

פֿאַרנאַכט. שטיל פֿלעגט זיך די זון אין פֿעלד זעצן, לײַדיג און ווײַט זענען ערד און הימל פֿאַרנאַכט געלעגן. אויף דער חורבה־שוועל פֿלעגט דער נזיר דעמאָלט זיצן, שטיל און לאַנג אויפֿן זון־פֿאַרגיין קוקן, קוקן און זיך פֿאַרטראַכטן און מיט אַמאָל זיך אָן ציגעלע אַ כאַפּ טאָן... דערשראָקן פֿלעגט ער

דאָס אַרום זיך מיט די אויגן אַ זוך טאָן, באַלד ביי זיין זייט דאָס ליגן געטראָפן, פלעגט ער דאָס אַ גלעט טאָן, שטיל און לאַנג און צופרידן אין דעם ציגעלעס אויגן אַריינקוקן, קוקן און לסוף צו דעם זיך אַיינבויגן און דעם אַריינזאָגן: ציגעלע, ציגעלע... און וואָס וועט זיין, אַז מירן קערנדל געפינען?... כשר און באַגלויבט פלעגט דאָס ציגעלע אים אין זיינע אויגן צוריקקוקן, און ערליך און נישט־איבערגענומען די אויגן נישט אַראָפגעלאָזט...

און די זון פלעגט פאַרגיין. שטיל איז דאָס פעלד און אַרום פעלד געוואָרן, און דער נזיר פלעגט זיך פון דער שוועל אויפהויבן, פריהער דאָס ציגעלע אַריינלאָזן, דערנאָך אַליין איבער דער שוועל איבערטרעטן, די טיר פאַרמאַכן און אויף נאַכט און אויף נאַכטלעגער אין דער חורבה דאָרט זיך גרייטן נעמען.

פלעגט זיך אַמאָל מאַכן: ביינאַכט... אין חורבה איז שטיל און פינסטערליך... דער נזיר שלאָפט, און ס׳חלומט זיך אים:
— ישוב... און צווישן ישוב... טירן, שטאַלן עפענען זיך... דאָס פיך ווערט אויף טאָג און אויף פאַשע אַרויסגעלאָזט... און די פערד שוין הירזשען, קי און אָקסן רעווען, שעפעלאַך און ציגעלאַך מעקען... און דער פאַסטוך איז שוין אויפן דאָרף... און אָט עפענען זיך די טויערן אויף און — ער דערהערט, מען קלאַפט...
— ווער איז?
— דער פאַסטוך.
— וואָס דאַרפסטו?
— דיין ציגעלע אין טשערעדע.
— באַלד...

הויבט זיך דער נזיר מיט שלאָף און מיט חלום דאַן פון געלעגער אויף, גייט בלינד און פאַרשלאָפן צו דער טיר צו,

עפּנט און דערזעהט: אַי, ניין... ס׳איז אַ חלום געווען... אין דרויסן איז נאָך נאַכט... גייט דאַן דער נזיר צוריק אין שטוּב אַריין, לייגט זיך שוין נעבן ציגעלע אַוועק, שלאָפט שוין נישט, ליגט נעבן דעם, רעדט מיט דעם און רעדט צו דעם ביזן גרויסן טאָג אַריין...

* * *

און געווען איז עס זומער, ווען דער נזיר איז אין יענעם פעלד און אין יענער חורבה אָנגעקומען. און אָט — פּאַמעלאַך און נישט באַמערקט — האָט זיך דער זומער אַרויסרוקן גענומען, שוין אַ פאַרשפּעטיגטע און פאַרשלאָפענע, האָט די זון אין די פריהמאָרגנס אויפשטיין אָנגעהויבן, אַ פריהע און נישט אויסגעשטאַנענע אין די בין־השמשותן געזעצט זיך, און דער האַרבסט האָט זיך אונטערגערוקט, אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער אונטערגעקומען...

פלעגט דער נזיר יענע שטילע האַרבסטיגע און לבנה־אָוונטן אין פעלד איבערשטיין, שעהן און לאַנגע שעהן, גאַנצע נעכט און ביינאַכטן אויף לבנה־מענשן קוקן, קוקן און פאָרשן: — אפשר איז שוין די צייט געקומען... און אפשר דאַרף ער זיך שוין איצט אין האַרבסט און אין וועג זיך לאָזן, — פלעגט אויף אים דער לבנה־מענש לאַנג, גלייך און גלייכגילטיג צוריקקוקן, שווייגן, קיין וואָרט נישט זאָגן און נישט יאָ און נישט ניין...

האָט פאַרשטאַנען דער נזיר, אַז די צייט איז נאָך נישט געקומען, האָט ער זיך און זיין חורבה צו האַרבסט צוגעגרייט; צוגעגרייט און אויף רעגן־טעג און אויף רעגן־נעכט זיך פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט, אַריינגעגאַנגען און אַזוי מיט ציגעלע דאָרט זיצן געבליבן.

---

און אין פֿעלד און אין דרויסן האָט רעגענען גענומען. אומעטיג און קאַלט, פֿאַמעלאַך און מיט צייט און אויף לאַנג און אויף גיין זיך פֿאַרנומען. זענען זיך אַזוי די טעג געגאַנגען: רעגן — היינט, רעגן — מאָרגן און כסדר אָהן אויפֿהער, בייטאָג און ביינאַכט הימל און כמאַרע, כמאַרע און פֿעלדער.

און נעכט זענען אָנגעקומען, ווען דער נזיר פֿלעגט ביי דעם פֿייערל, וואָס אין אויוועלע, זיצן, עפּעס קוקן און טראַכטן, צופּוסנס ביי אים איז דאָס ציגעלע געלעגן, און דער נזיר פֿלעגט עס די גאַנצע צייט אין איין גלעטן האַלטן... שטיל און פֿאַרטראַכט און פֿאַר זיך אַליין נישט באַמערקט — איבער קעפּעלע, איבער רוקנדל, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, פֿאַמעלאַך און מיט האַנט איבער הערעלאַך פֿירן...

איז דער האַרבסט זיך אַזוי געגאַנגען — אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ חודש און מער... און איינמאָל... ווי דער נזיר איז זיך אַזוי אויף דער נאַכט ביים פֿייערל פֿאַרטראַכט געזעסן, האָט מיט אַמאָל און פּלוצים אַ ווינט מיט אַ גאָס־רעגן אין טיר אַ קלאַפּ געטאָן, אַ קלאַפּ און אַ ריס:

— נזיר, וואָס זיצטו?

האָט זיך דער נזיר דערשראָקן, פֿון אָרט אַ הויב געטאָן, אויפֿגעכאַפּט און פֿאַרוואונדערט צום דרויסן און צום פֿעלד זיך אַיינגעהערט. געשטאַנען און געשטאַנען... דערנאָך, אַז קיינער האָט די טיר נישט געעפֿנט, האָט ער זיך ווייטער צום פֿייערל אַראָפּגעלאָזט, זיך אַנידערגעזעצט און ווייטער אין זיינע שטילע און אָוונטיגע מחשבות זיך אַריינגעלאָזט. נאָך אַ מאָל אַ ווינט און אַ קלאַפּ:

— נזיר, וואָס זיצטו?

און דער נזיר האָט זיך שוין האַסטיגער אַ הויב געטאָן און שוין דערשראָקענער ווי פֿריהער די אויגן אויף דער טיר אָנגעשטעלט. צום דריטן מאָל... און שטיל האָט זיך דאַן

די טיר געעפֿנט, און אויף דער שוועל האָט זיך אַ וואַנדערער באַוויזן. נאַס און אויסגעווייקט, נאַכטיש און אײַנגעהילט איז דער וואַנדערער אַ ווײַלע שטיל אַזוי בײַ דער שוועל געשטאַנען, געשוויגן, זיך אַרומגעקוקט און פֿון אָרט זיך נישט גערירט...
אַ פּאָר מינוט, און דער וואַנדערער איז אין שטוב אַרײַנגע־גאַנגען און צו אַ ווינקל צוגעגאַנגען, פֿריהער דעם זאַק פֿון די פּלייצעס אַראָפּגעלאָזט, דעם שטעקן אין אַ ווינקל געשטעלט, דעם גאַרטל צעבונדן, דאָס אויבערשטע אויסגעטאָן, און אַליין, נישט פֿרעגנדיג און ווי בײַ זיך אין רשות, זיך אַן אָרט אויף נאַכטלעגער געמאַכט...

געשטאַנען איז די גאַנצע צייט דער נזיר, אויף וואַנדערער געקוקט, און אויף זײַן וואָרט געוואַרט, צוגעגרייט האָט דערווײַל אַלץ צום נאַכטלעגער דעַר וואַנדעֶרער און צום נזיר אַ זאָג געטאָן:

— נזיר, שלאָפֿן...

— ווער ביזטו?

— דער געשיקטער.

— און וואוהין אין אַזאַ צייט?

— אין שליחות.

— פֿון וועמען?

— פֿון אל — דעם מבשר.

— און וואָס ווּעסטו זאָגן?

אויסגעדרייט האָט זיך אויף די ווערטער דער וואַנדערער, גאָרנישט נישט געזאָגט, אויף געלעגער זיך אַראָפּגעלאָזט, זיך געמאָסטעט דאָרט, זיך אײַנגעדעקט און אַנטשלאָפֿן געוואָרן. לאַנג און פֿאַרטראַכט איז דער נזיר פֿאַר דעם וואַנדערערס געלעגער געשטאַנען, פֿרעמד און פֿון ווייטן זײַן ליגן און קערפּער באַטראַכט, און לסוף אָפּגעגאַנגען און זיך אויף אַנידערגעלייגט.

חלומות אויף חלומות, געדרייט און געפּלאָנטערט האָט זיך עפּעס דעם נזיר אין שלאָף דעמאָלט: — פעלד און קערנדל און שנייען אויף פעלדער... און שניי איז געבעט דאָרט, און קערנדל ליגט זיך... און קאַלט איז עפּעס דעם נזיר אין שלאָף געוואָרן; געניאָרעט און געדרייט זיך האָט ער זיך די נאַכט די גאַנצע, און צו מאָרגנס, ווען דער נזיר האָט די אויגן צום טאָג אין דער חורבה אַריין געעפנט און זיך אַרומגעקוקט, איז שוין פון געלעגער און פון וואַנדערער קיין סימן נישט געווען...

אַ קעלט און אַ ווינטערדיגע פריהמאָרגן־פוסטקייט האָט דער נזיר דערפילט, ליכטיגער ווי געוואוינליך איז דעמאָלט די חורבה געווען, און גראָה און אָנגעטאָן האָט דאָס פענסטער אַריינגעקוקט — דאָס האָט איבער נאַכט אויף וועלט און אויף ווינטער דער ערשטער שניי אויסגעשאָטן...

---

און דער ווינטער איז געקומען און דער ווינטער האָט זיך אַנידערגעלייגט.

שניי אויף שניי און ווייס־פעלד אויף ווייס־פעלד... און אונטער הימל האָבן זיך זאַווערוכעס געטראָגן, פעלד און ווייט־פעלד מיט ווינטן פאַרנומען, האָבן געדרייט און עפּעס צו טאָן געהאַט, גאַנצע טעג — פריהמאָרגנס און פאַרנאַכטן — אונטער האָריזאָנטן געאַרבעט, געקערט און צוריק געקערט, געשאַרט און נאָך אַמאָל, און אַזוי אַלץ מער און מער אַלץ פעלדיגע און ווינטערדיגע אויפן ווינטער פאַרגרייט. און די ערד איז טרוקן געוואָרן, האַרט און קלינגענדיג, און אויף דער ערד האָט זיך אַ ווייכער און יונגער שניי געלייגט, און אויף ווייט און אויף לאַנג, אויף מיילן און חדשים זיך אויף ווינטער אויסגעבעט... איינע אַליין איז דעם נזירס חורבה אין מיטן פעלד געשטאַנען, פאַרדעקט און פאַרשאָטן, באַשנייט און פאַרלאָזן און קוים־קוים פון דער ערד זיך אַרויסגעזעהן.

איז דער נזיר זיך מיט ציגעלע גאַנצע טעג אין חורבה געזעסן, שטיל און ווינטערדיג די אָוונטן ביי אויוועלע איבערגעזעסן, זעלטן־זעלטן ווען צווישן זיך גערעדט, זעלטן ווען זיך איבערגעקוקט און נאָך זעלטענער ווען פֿון חורבה אַרויסגעגאַנגען. ווינטן און זאַווערוכעס האָבן זיך איבער די פֿעלדער געטראָגן, פֿרעסט און קעלטן האָבן אונטער הימל געהערשט, און נזיר איז זיך שטיל און שעהן לאַנג ביים פֿאַרבלאָזענעם חורבה־פֿענסטערל געשטאַנען, געקוקט און אַרויסגעקוקט, געהערט און זיך אַיינגעהערט — און דאָס פֿעלד איז פֿאַרבלאָזן, דער ווינטער פֿאַרשאָטן, קיין גלאָק פֿון קיין שליטן, קיין גייער און קיין דורכגייער און קיין פּיס פֿון קיין מענשן...

און איינמאָל... געווען איז דאַן אַ פֿראָסטיגע און לבנהדיגע ווינטער־נאַכט. איז זיך דער נזיר נאָך לאַנגן אין שטוב זיצן פֿאַר זיין טיר אַרויסגעגאַנגען, קיין טריט נישט געמאַכט און באַלד פֿאַרוואונדערט שטיין געבליבן... ווי געוואַרט און אָנגעגרייט איז פּונקט אַנטקעגן דער טיר זיינער הויך אין הימל אַ פֿולע און ליכטיגע די לבנה געשטאַנען, און אין לבנה — דער לבנה־מענש. האָט אויף דעם נזיר דער מענש אַ קוק געטאָן און באַלד געזאָגט:

— נזיר, אין דער צייט, אויף דעם אָרט — מאָרגן...

שטיל און לאַנג איז דער נזיר דאַן אַנטקעגן לבנה־מענש געשטאַנען, גאָרנישט געפֿרעגט, גאָרנישט ניט איבערגעפֿרעגט און לסוף, אָהן־שום און מער נישט געוואָר־ווערנדיג, זיך אויסגעדרייט און צוריק אין חורבה אַריינגעגאַנגען.

איז די נאַכט דאַן אַוועקגעגאַנגען, דער טאָג נאָך איר, און אויף מאָרגן, אַז דער נזיר איז צו דער באַשטימטער צייט אַרויס־געגאַנגען, אויף זיין אָרט זיך געשטעלט און צו לבנה־מענש זיך מיט אויגן געקערעוועט, האָט אים דער מענש אַזוי געזאָגט:

— „נזיר, נישט ווייט אין פֿעלד, אין אַ הייל אין פֿעלד, וואוינט אַ מכשכה... ביי מכשפֿה דאָרט, אין הייל ביי איר — איז דאָ אַ דינער; דער דינער איר — די האַנט ביי איר, די רעכטע האַנט אין אַלע צייטן... און מאָרגן דאָרט, דער דינער ווערט פֿון שדים ער געפֿאַנגען, ער בעט זיך אויס, ער קויפֿט זיך אויס, ער שיקט זיי מכשפֿה... און בייז איז זי און קלוג איז זי: און מכשפֿה וועט זיי דינען... זי לייזט דעם דינער ליבן אויס, פֿון שדים מיט אַ מעשׂה, וואָס סוף פֿון איר, זיך ווייזט אַרויס געשעהט אויף אָרט, אויף זעלבן אָרט, וואו שדים זיצן... וועגן שדים ווייסן!.. און, נזיר, הער: וואו שטרוי עס ליגט, אין פֿעלד אויף שניי, אַ רעדל שטרוי, און ליכטל ברענט, און ליכטל אין דער מיטן, אָט דאָרטן זוך, אָט דאָרט געפֿינסט דאָס צייטן־לאַנג געזוכטע... און נאָכעט הער: זיך גרייט אין וועג און זיי געבענשט, און זיי געזעגנט, און מאָרגן איז דער צייכן דער, עס קומט צו דיר, דער דינער רופֿט, און פֿירן פֿירט די ליבע דיך — דיין ציגעלע באַשערטס”...

אויסגעהערט האָט דער נזיר, שטיל און צום לעצטן מאָל מיט די אויגן מיט לבנה־מענש זיך געזעגנט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן, עטליכע טריט אַזוי מיט פּלייצע צוריק געגאַנגען, זיך אויסגעדרייט און אין שטוב אַריינגעגאַנגען.

און די נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען, און אויפֿמאָרגן איז געקומען. און ס'איז געווען, ווי נאָר דער נזיר האָט אין דעם פֿאַרנאַכט אין חורבה אַ ליכט אָנגעצונדן, אַזוי האָט ער באַלד דערזעהן, ווי דאָס ציגעלע איז עפּעס מיט אַמאָל פֿון איר ווינקל־אָרט אויפֿגעשפּרונגען; אויפֿגעשפּרונגען, אַ ווײַלע ווי פֿאַרגליווערט געשטאַנען, און באַלד אומרוהיג און אויפֿגערעגט איבער שטוב אַרומשפּאַנען גענומען — פֿון אָרט צו אָרט, פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, צו אַ וואַנט צו, צו דער טיר זיך אָנגעשפּאַרט, מיט קערפּערל געריבן, און באַלד

זיך אָפּגעריסן און ווייטער שפּאַנען גענומען, גייענדיג, איז דאָס אַלע ווײַלע אין מיטן צום נזיר צוגעגאַנגען, אים אין פּנים און זיך אַנטקעגען געשטעלט, שטום געמאָנט, עפּעס געוואַרט פון אים, און — זיך נישט דערוואַרט, האָט זיך דאָס אומגעדולדיג, נישט באַפרידיגט און אומרוהיג ווייטער איבער שטוב זיך געלאָזט, איין מאָל און צוויי מאָל — און אַלע מאָל אַלץ מער און מער, שטומער, רחמנותדיגער, נישט־פאַר־שטאַנענער און קיין אָרט זיך נישט געפונען.

נאָכגעקוקט האָט דעם דער נזיר די צייט די גאַנצע — פון אָרט צו אָרט, איבער שטוב און אין אַלע ווינקלען מיט די אויגן דאָס באַלייט, נאָכגעקוקט, זיך געחידושט און זיין שטענדיג־שטיל און אָרעם ציגעלע היינט נישט דערקענט און נישט פאַרשטאַנען:

— ציגעלע, ציגעלע, וואָס איז מיט דיר, ציגעלע?...

און דאָס ציגעלע האָט נישט גערוהט, ווייטער און ווייטער, אַ שעה און אַ שעה... גראָהה און אָנגעכמורעט האָבן זיך די וויעס ביי דעם, פאַרלוירן און אומבאַהאָלפן האָט זיך דאָס איבער שטוב געטראָגן, פון ערד און דיל, פון סטעליע און ווינקלען געמאָנט, מיט אויגן געפּאָרשט, מיט די נאָזלעכער געשמעקט, און לסוף — אָפּגעשוואַכט און נישט־פאַרשטאַנען — איז דאָס צו דער טיר צוגעגאַנגען, האַרט און שווייגנדיג מיט קאָפּ צום דרויסן זיך געשטעלט און אַזוי שטיל און וואַר־טנדיג שטיין געבליבן... אַזוי א שעה, און אַזוי לאַנג און די גאַנצע צייט דעם קאָפּ גלייך אין איין מאָס געהאַלטן און אַלץ געוואַרט, זיך אַיינגעהערט.

און אָט איז האַלבע נאַכט אָנגעקומען און פּלוצים — אין טיר האָט זיך אַ קלאַפּ דערהערט... דאָס האָט דעם נזיר דער מכשפהס דינער אָנגעקלאַפּט:

— נזיר, ס'איז צייט!...

האַסטיג און מיט אימפּעט האָט דאָס ציגעלע אויף גיך צוריק אין דרויסן אַרויס אַ קלאַפּ געטאָן: מיר גייען!··· און באַלד צום נזיר זיך אויסגעדרייט:

— נזיר, קום···

האָט דער נזיר תּיכּף, אין דער רגע האַק און פּאַק צונויפגעזוכט, אויף זיך גענומען, דעם שטעקן אין האַנט, אויף גיך און אַיילנדיג צום לעצטן מאָל נאָך אויף חורבה אַ קוק געטאָן און באַלד די טיר געעפֿנט און אין דרויסן אַרויס···

און ווי זיי האָבן נאָר די טיר נאָך זיך פֿאַרמאַכט און אויף פֿעלד אַ קוק געטאָן, האָבן זיי שוין דערזעהן — ווי הויך און אונטער הימל־הויכקייט, אונטער לבנה און אונטער שיין פֿון איר, איז אַן אַלטע און אַיינגעשרומפּענע מכשפה אויף אַ שטעקן רייטנדיג געפֿלויגן און פֿון הויך אַראָפּ, פֿון שיין אויף פֿעלד, און אויף שניי און אויף ווייטן שניי, אויף ווייטן האָרי־זאָנט פֿאַרשוואונדן···

האָט זיך דאָס ציגעלע צום נזיר געקערט, מיט קעפּל אויף אָרט, וואו מכשפה איז פֿאַרשוואונדן, אָנגעוויזן, און ביידע האָבן זיך פֿריילך, געהויבן און געהאָלפֿן שוין אין וועג געלאָזט···

און דאָס ציגעלע איז פֿאַר פֿריהער געלאָפֿן, אַלע ווײַלע מיט קעפּל און פּיסלאַך אין שניי געגראָבן, אומגעדולדיג אים פֿאָרויס געוואַרט, זיך אויסגעגלייכט און ווייטער געלאָפֿן — פֿאַר פֿריהער און פֿאָרויס, געאַיילט און גערופֿן, גערופֿן און געאַיילט, אַ שעה און צוויי און דריי, געגאַנגען און געגאַנגען, און פלוצים···

* * *

··· און די מכשפה האָט פֿון לאַנגן דערציילן אין מיטן דאָ די מעשה איבערגעריסן; אַנטשוויגן געוואָרן און שטיל און עפּעס ווייט און לאַנג אויפֿן האָריזאָנט זיך פֿאַרקוקט··· דער־

פֿילט האָבן דאָס די שדים, דערשראָקן, נישט באַגלויבט זיך אַרומקוקן געוואַלט, נישט אומרוהיג, געאײַלט אַ שלעכטן סוף פֿילנדיג, האָבן די מכשפֿה וועקן גענומען:

— נו, נו? און דער סוף, מכשפֿה?...

— אָט באַלד, אָט באַלד... און די מכשפֿה האָט נאָך שטילער און נאָך ווײַטער אין האָריזאָנט זיך אַײַנגעקוקט. און פּלוצים...

און די מכשפֿה האָט מיט אַמאָל זיך אַ ריס געטאָן, זיך אַ הויב געטאָן און ווי נישט מיט איר קול, מיט קערפּער און מיט אימפּעט אַ געשריי געטאָן:

— חברה! איר זיצט דערויף! — און נאָך העכער:

— שדים! דער נזיר גייט!!

אַ ריס—און אויפֿגעהויבן האָבן זיך אין שרעק און אין בהלה די שדים יענע, יעדערער פֿאַר זיך, גיך און נישט אומגעקוקט זיך אין אַ באַזונדער זײַט אין פֿעלד אַוועק... די מכשפֿה אַליין האָט זיך באַלד אויפֿן בעזים געזעצט און צוריק אין לבנה און אין שײַן פֿון לבנה זיך אויפֿגעהויבן. און דאָס שטרוי אין רעדל און דאָס ליכטל אין רעדל איז אַליין אויפֿן פֿעלד געבליבן...

און דער נזיר איז צום קערנדל געקומען.

# צום בארג.

אין יענער נאַכט בין איך אין געוויסן, גרויסן און ווילדן וואלד געווען, ביי דער באבע אין איר שטיבעלע אַן אורח געזעסן, און שטיל און שווייגנדיג אינאיינעם מיט איר אין אָוונט און אין שטילקייט אויף איר אַלטן געוואַרט.

אין דרויסן איז אַ ווינט געווען, געדרייט און געטאָן־זיך האט אין וואלד, עפעס פאר דער טיר און ביינאַכט פאַר טיר, און אין שטיבעלע האט א קאַניצל געברענט, שוואַך און צוגעשלאָגן אויף די ווענט אָפּגעשיינט, און שטיל און אומעטיג די באבע און איר אלטקייט באַלויכטן.

זיינען מיר א צייט איינס קעגן אנדערן געזעסן, איך נישט איר און זי נישט מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר שטיל און זיך אָנגעקוקט, זיך באַטראכט און שטיל געשוויגן. אזוי לאַנג און זעהר לאַנג, ביז די באבע האט זיך פאַמעלאַך פון איר אָרט און לאַנגן אָוונט־זיצן אויפגעהויבן, צום אויוון צוגעגאַן, זיך אונטער אים אָנגעבויגן, שפענדלאַך און צווייגן ארויסגענומען, אויפן פריפעטשיק אָנגעלייגט און א פייער אָנגעצונדן, אַ ווײלע אַזוי ביי דעם געשטאַנען, האט זי זיך נאָך אַמאָל אָנגעבויגן, פון ערגעץ א כלי אַרויסגענומען, זי אויסגעוואשן, זי מיט וואַסער אָנגעגאסן, גראזן מיט קרייטעכצער אַרויפגעשאָטן און צום פייער צוגעשטעלט, אָוונטיג און פאַרטראַכט, צוגעבויגן און אלטליך האט די באבע דאַן א צווייג צו א צווייג און א שפענדל צו א שפענדל צוגעלייגט, האט זיך עס צעברענט, האט זיך דאן די באבע פון אויוון

אָפּגעטיילט, צו מיר און צו מיין ארט דאַן צוגעגאן און נישט גערעדט און נאָר מיטן טייטפינגער מיר אויף א נעבן־שטייענדיגן באַנק־בעטל אנגעוויזן: ס'איז שפּעט...

מוסכם און נישט דערווידערט, נישט איבערגעלייגט זיך און געפּאלגט האָב דעם טייט־פינגער דער באָבעס, האָב איך זיך פון מיין אָרט אויפגעהויבן, צום באנק־בעטל צוגעגאַן, מיין טאָרבע מיר צוקאָפּנס געלייגט, זיך אנידערגעלייגט און מיטן פּנים צו דער וואַנט זיך אויסגעקערעוועט.

פונם וואַלד, און פון בוימער אין וואַלד, האט זיך נאָך דער ווינט און זיין ברומען געהערט, און אין שטיבעלע איז שטיל געווען — פלאַם ביי פלעמל און צווייג ביי צווייגעלע האָבן זיך אנגענומען, און די באָבע איז דערביי געשטאַנען, פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט אזוי אויף פריפּעטשיק און אויף פייערל געקוקט, אלע מאל עפּעס אונטער דעם אונטערגערוקט און די גאַנצע צייט מיט דער האנט געשאַרט און עפּעס צורעכטגעמאַכט, ביז — די כּלי האט פארזידן גענומען, שטיל, און געהערט האט זיך שוין דאָס בולבען זיך פון זידן, געקאָכט און געכלינעט האט די וואַסער אין כּלי, ראַנד־אַרום און, פון פייער באַלויכטן, האט אַ פאַרע געשלאָגן, געשלאָגן און ארום דער ראנד געפּאַרעט.

איז די באָבע דאן צו מיין געלעגער צוגעגאן, זיך ביי מיין צוקאָפּנס אוועקגעשטעלט און, מיינענדיג, אז איך בין איינגעשלאָפן, מיך באַטראַכטן גענומען, אויף מיין פּנים מיר געקוקט, אויף מיר מיטן קאָפּ געשאָקלט, געשאָקלט און מיך באַדויערט: „אזוי יונג, אזוי יונג און שוין אין גייערס געגאַנגען"... געשטאַנען און געשטאַנען, דערנאָך ווידער צום אויוון צוגעגאַן און שוין צום פאַרטיג־געוואָרענעם זיך גענומען: די וואַסער מיט די קרייטעכצער אין א שיסל אויסגעליידיגט, אויפן טיש אוועקגעשטעלט, נאָך עפּעס צוגעשטעלט, דערנאָך

בית ביאליק תנועה לשון

צו דער טיר צוגעגאַן, מיטן פּנים צום דריטן זיך געקערעוועט, און אַזוי, און ווי צו עמיצן רופן און שטיל רופן גענומען:

— אַלטער! אַ? אַלטער? — קיין ענטפער.

— אלטער, וואָס איז, אלטער — ווידער דאָס זעלבע.

און צום דריטן מאָל האט די באבע גערופן: „אלטער, אלטער, די באבע רופט דיך”...

האט זיך דעמאָלט פון דער טיר און פון יענער זייט, אַ שאָרכן און זוכן דערהערט, עפּעס האט דאָרטן אַ האנט געשארעוועט, אין דער פינסטער די קליאַמקע געזוכט, און לסוף און געפונען, האט זיך די טיר געעפנט, און אויף דער שוועל האט זיך א הויכער, גראָווער און פעסט־געבויטער אלטער זיך באַוויזן — מיט אַ שטעקן אין האנט, מיט אַ גאַרטל אויף די לענדן, מיט קליידער פון וואַלד און מיט באָרד און פּנים פונם ווינט אין וואַלד און אויף שוועל זיך אַוועקגעשטעלט.

— פון וואַנען אַזוי שפּעט, אַלטער?

— פונם ווינט — האָט דער אלטער געענטפערט.

— און וואָס געבראַכט פון ווינט?

— אַ ידיעה.

— אַז וואָס?

— מ'האט זיך צום בארג געלאָזט.

— ווער?

— ... ווער שלאָפט עס דאָ ביי דיר, באבע?

— אַ גייער.

אויסגעדרייט האט זיך באַלד צו מיין געלעגער דאן דער אלטער, צו מיר צוגעגאַן, זיך אָפּגעשטעלט, מיך באַטראַכטן גענומען, געקוקט און האט שמייכלען אָנגעהויבן, געקוקט און מיט פריייד מיט שטילער, און באַלד זיך צו דער באבע געקערעוועט, איר אזוי געזאָגט:

— באבע, דאס איז ער.

— ער? אַזוי יונג און נאָך נישט געפּרובט.
— ער איז ראוי און וועט געפּרובט ווערן.
— און זיין ערשטע פּרוב וועט זיין?
— ער וועט וויסן ווער ער איז און וויסן, אַז מען פּרובט אים.
— איז וואָס?
— איז שלעכט: ווייסט ער, האט מען ביי אים דאָס הייליגע נישט־וויסן צוגענומען. דארף מען לעבן — לעבט מען פריהער, דארף מען זיין — איז מען פריהער, איז דאס אַ שטראָף פון גאָט, איז דאָס די ערגסטע פּרוב.
— און ווען וועט דאס זיין?
— ס'איז שוין.
— וואָס הייסט?
— ער הערט און שלאָפט ניט.
און אויסגעדרייט האט זיך באלד צו מיין געלעגער דער אלטער און מיר א זאָג געטאָן: „גייער, שטיי אויף, מיר דארפן זיך באלד און נאָך היינט אין נאכט אין וועג לאָזן... און דו, באבע,—האט ער זיך צו דער אלטער געקערעוועט, — גיב דאָס אָנגעגרייטע".
— שוין גרייט, — און די באבע האט דעם אלטן אויף דער שיסל און אויפן טיש אָנגעוויזן.
האבן מיר זיך אלע דריי באַלד צום טיש געזעצט, שטיל און יעדערער מיט זיך פאַרנומען, דאָס קרייטער־געקעכץ אָפּגעגעסן, די גאַנצע צייט צווישן זיך נישט גערעדט, גאָרנישט ניט געזאָגט, און איינער דעם צווייטן אין די אויגן זיך נישט געקוקט. אָפּגעגעסן, און אויפגעהויבן האט זיך דער אלטער פון בענקל דעמאלט, פון טיש ארויסגעגאַן, דאס אויבער־קלייד זיך צעשפּילעט, בעסער און אויפסניי דעם גאַרטל זיך אונטערגעבונדן און מיר זיך צוגרייטן געהייסן. שטיל און

וואַרטנדיג האט, בשעת מיין גרייטן זיך, געקוקט אויף מיר דער אלטער, ביז איך האב זיך מיין טאָרבע צוגעקליבן, אויף די פלייצעס זי פאַרנומען, איבער רוקן זי פארבונדן און גרייט געוואָרן.

— און איצט, גייער, קום.

— אויף ווי לאַנג, אַלטער? — האט ביי אים די באבע געפרעגט.

— אויף זעהר.

— אויף גיין מיט אים?

— ניין, אים דעם וועג ווייזן.

— גיי געזונט.

און מיר זיינען פון שטיבל ארויס, באלד אין דרויסן און אין פינסטערניש געקומען, און אזוי אין וואלד, און אין טיפן וואַלד, אין נאכט אוועקגעגאַנגען.

---

זיינען מיר אזוי געגאַנגען און געגאַנגען — פון האלבער נאַכט אין שפעטערער, פון מיטן וואַלד אין טיפערן — אַזוי א שעה און צוויי, ביז אין וואלד האט טאָגן אָנגעהויבן. און געזעהן האבן מיר, ווי שטיל און בלאַס איז דער וואלד אין זיין געדעכטעניש און אין זיין ארומיגקייט געשטאַנען, מאַט און אָפגעשוואכט פון נעכטיגן און אָוונטיגן אָפגערוהט, פון ווינט און געוועזענעם אנשוויגן געוואָרן, געשטאַנען און געטאָגט, געטאָגט און געשוויגן און מיט בוימער, און מיט שוואכע בוימער, אַלץ מער און מער אין בלאַסן און אין פאַרטאָגיגן געקומען. און מיר זיינען געגאַנגען. און פלוצים... און דערזעהן האבן מיר, ווי ווייט־ווייט, אין וואַלד און צווי־שן בוימער דארט, האט זיך אַ הויכער, לאַנגער יעגער באוויזן; צווישן בוימער דאָרט געגאַנגען, ארויסגעגאַנגען, און ווייט, און אויף מיט און אויף אונזער וועג געשטעלט זיך. אָנגעקומען

און דערנעהענטערט האבן מיר זיך צום אָרט, צום יעגער; האט זיך באלד דער אלטער אים פנים אל פנים געשטעלט, מיט זיין הויך און זיין קערפּער מיך פאר זיינע אויגן פאר־שטעלט, שטיל און נישט גערעדט, אויף אים קוקן גענומען, דער יעגער אויף אים, און אזוי, און ווי פון לאַנג באַקאַנטע, זיך וויסנדיג און שווייגנדיג, האבן איינס דאָס אנדערע אָנגעקוקט, זיך אָנגעקוקט, און געשוויגן.

— יעגער, וואָס דארפסטו? — האט דער אלטער נאך לאַנגן אָנקוקן זיך צום יעגער געווענדט.

— דו ווייסט אליין, — האט ער אים געענטפערט.

— וואָס אזוינס?

— שפּייז פאַר מיר און פאַר מיין הונט.

— דער וואַלד איז ליידיג, דער וואַלד איז באַרויבט, גרויסע האבן זיך איבערגעצויגן, און קליינע האבן זיך אין די לעכער באהאלטן.

— הייס ארויסגיין!

— איך גיב נישט און איך שאַף נישט.

— ביזט רייך, אלטער.

— כ׳בין אַלט און ביי גאָרניט געבליבן.

— ביי גאָרניט, זאָגסטו? — און דאָ האָט דער יעגער איבערן אלטנס פּלייצעס אריבערגעקוקט, און שטיל און בגנבה, פארשטעלט און שפּאָטיש אויף מיר, און אָנווייזנדיג, אַ פרעג געטאָן:

— און דאָס, אַלטער?

— ס׳איז דאָס לעצטע, כ׳גיב נישט.

— גייסטו נישט!

— זאָג, וואָס־זשע ווילסטו?

— רשות אויף אַ קוק טאָן...

נאָכגעגעבן און געגוויט, געמוזט און אָהן ברירה, איז דער אַלטער דאַן פון פאַר מיר אין דער זייט אריין אפגעגאן, מיך אליין געלאָזט, שטיל און צוקוקנדיג אין דער זייט זיך געשטעלט, און איך בין אויג אויף אויג און פנים אל פנים מיטן יעגער געבליבן, און אַ קוק געטאָן האָט מיר דער יעגער אין די אויגן דעמאָלט, לאַנג און ערנסט אין מיר זיך איינגעקוקט, געניט און מיט מבינות און ניט אויפגעהערט, און אַזוי, און דורכדרינגענדיג, ביז ער האָט לסוף עפעס זיינס און געוואונשנס ביי מיר אין קוק געפונען, האָט ער שוין שמייכלענדיג און צופרידן זיך צום אלטן געווענדט, אין זיין זייט זיך געקערעוועט:

— און אצינד, אלטער, גיי.

און אָפגעגאן איז דער יעגער מיט זיין הונט אונז פון וועג דאַן פון שטילן, נאָכן קוקן און אָפשווייגן אין וואלד און אין דער אקעגן־זייט ארייגעגאן, און אזוי, פון מיין און אלטנס קוקן באגלייט, אלץ מער און מער אין וואלד דאָרט פארשוואונדן.

און צוגעגאן איז דער אלטער נאָכן יעגערס אוועקגיין צו מיר דעמאָלט, אַ שטילער און בסוד מיט זיין הויכער פיגור צו מיר צוגעטראָטן, און שטום און נאָר מיט א פינגער אויף ווייט און אויף וואלד און אויף יעגערס אָפגיין מיר אָנגעוויזן, מיך א פרעג געטאָן:

— און ווער איז דאס, ווייסטו?

— כ'ווייס, — האב איך אים געענטפערט.

— אויף געוויס, גייער?

— זיי רוהיג, אלטער.

— איז גוט, — האט זיך דער אלטער באלד נאך מיין ענטפער דעם אַ פרייליכער צום וועג זיך אויסגעדרייט, באגוטיגט און אויפגעלייגט דעם שטעקן אויף דער ערד

געשטעלט, און ווייטער און צום וואלד, און צום גיין אין וואלד מיך גערופן.

---

און אפגעגאן זיינען מיר פונם וואלד פון דארטיגן — מיטן טאג און ליכטיג ווערן, מיט וואלד און באגינען, מיט בוימער פון אויבן און מיט שטילקייט אין בוימער, צופרידן און איבערגעקומען, אויפגעלייגט און פריי געוואָרן, ביז מיר זיינען לסוף צו אַ באַרג אין וואַלד אָנגעקומען. געלעגן איז דער באַרג אין וואַלד דאָרט אין מיטן, אַרום און אַרום און מיט בוימער באַוואקסן, אַרום און משופע און מיט גראָזן באַדעקט, און מיט קאָפּ און הויכקייט איבער וואַלד זיך אַרויסגעזעהן, אָפּגעשטעלט און אַרויפגעקוקט האָבן מיר אויף באַרג אַ ווײַלע, ביי אים און ביי זיין צופוסנס געשטאַנען, דערנאָך אים אַרומגעגאַן, אַן אָרט אויף צו אים אַרויפקומען געפונען, אַרויפגעגאַן און דערזעהן:

קליין און פאַרלאָזט, אַלט און טויבליך איז פון אויבן אַ חורבה־שטיבעלע געשטאַנען, איבערגעלאזט און פוסט האָבן די טירן און לאדן אויסגעזעהן, און ליידיג און פינסטער האט דאָס פוסטקייט פון די שפאַלטן אַרויסגעקוקט. און צוגעגאַן איז דער אלטער צו דער טיר פון חורבה, ביי איר זיך אָפּגעשטעלט, שטיל און מיט אָפּשיי פאר איר געשטאַנען, דערנאָך די האַנט אויפגעהויבן און אין איר זיך קלאַפּן גענומען: „זקן, זקן!"... האָט זיך באַלד פון דער טיר פון חורבה עפּעס טריט דערהערט, אלט און קרעכצנדיג האָט זיך דאָרטן עפּעס רירן גענומען, לאַנג געפּאָרעט און די טיר געזוכט, און לסוף — און אויפגעעפנט האָט זיך די טיר פון חורבה און אויף איר שוועל האָט אן אלטער, ציטערדיגער און איינגעבראָכענער זקן זיך באוויזן.

— זקן, זקן, כ׳האָב דיר געבראַכט, — האָט דער אלטער נאָהענט און אין זקנס אויער אריינגעשריגן.

— האַ? כ׳הער נישט.

— כ׳האָב אים געבראַכט, זקן!

— וואו איז ער, פיר אים אהער.

און צוגעפירט האט מיך דער אלטער צום זקן דאן, צום ציטערדיגן, זיינע הענט אויף מיין קאָפּ אַרויפגעלייגט, מיך אים אָנטאַפּן געגעבן, און ווייטער נאהענט אים אין אויער אריינגעשריגן: „בענטש אים”... האט מיך דער זקן דאַן מיט די הענט אנגענומען, אלט און פאַרלירנדיג אזוי איבער מיין קאפּ געפירט, איבער אים געשטאנען, לאנג און לענגער אים אין דער שטיל געהאלטן, אזוי און נישט פארשטענדליך עפּעס מיט די ליפּן געשעפּטשעט און שטיל און שעפּטשענדיג מיר מיין קאפּ געבענטשט. אפּגעבענטשט, האט דער אלטער דעם זקן פאר א האנט אָנגענומען, צו דער טיר אים אויסגעדרייט, און אונטערהאלטנדיג און אינאיינעם מיט אים, צוריק אין חורבה אריינגעגאַן. לאנג זיינען זיי דארט אליין אין חורבה געבליבן, און געהערט האב איך, ווי איינער מיט אנדערן האבן זיך עפּעס אין שטוב געפּארעט, שטיל און פארהוילן האט זיך עפּעס געטאָן אין חורבה, און איך בין די גאנצע צייט אין דרויסן פאר דער טיר געשטאנען און פאר דער שוועל אויף א סוף געווארט. האט זיך דער אלטער, נאכן זאמען לאנגן, אויף דער שוועל באוויזן, טויט און טויטקייט האט פון זיין פנים און זיין אויסזעהן אראפּגעקוקט, מת און איבערגעקומענס האט זיך פון זיין קערפּער און זיינע קליידער געטראגן, האט ער מיר א ווונק געטאָן, צו דער שוועל מיך צוגערופן און שטיל און אין חורבה אריין מיט א פינגער אנגעוויזן:

— דער זקן איז טויט.

און אומגעקערט האט ער זיך צו מיר מיט די פלייצעס זיינע שטילע, איינגעבויגן און ווי אויף טהרה אין חורבה אַריינגעגאַן, און שטיל און מיט וואונק מיר אים נאכגיין געהייסן. בין איך אריינגעגאַן און דערזעהן: גלייך און אויסגעצויגן איז שוין דער זקן אויף דער ערד געלעגן, מיט ווייס און איבערגעדעקט און שוין אָפגעהויבן דער קערפּער, צוקאפּנס ביי אים זיינען לייכטער געשטאנען און מיט טויט און מיט טאג, מיט ליכט און מיט שטיל־שווייגן האבן די ליכט דארט געברענט. און שטיין געבליבן איז דער אלטער אויף א זייט נעבן מת, נעבן זקן, מיר אויף דער צווייטער זייט אנגעוויזן, אליין צו מת און צו צוקאָפּנס אים געקוקט, געקוקט און לאנג אזוי, געשוויגן און לענגער נאך, דערנאך זיך צו מיר געקערעוועט און מיר אזוי געזאגט:

— גייער, זעה: דו גייסט אצינד אויף וועלט אוועק, פון דאנען היינט פון שוועל אראפּ. דו טרעטסט אריבער—אויף איר, אויף מיר און איבער, זקן... נאר זעה און ווייס: ס'איז נאר דיין זון, פון גליק דיין טאָג, גייט אויף און שיינט אויף הימלען דיינע, און אויפגיין וועט און וועט ערשט אויפגיין — און אונזער זון פארגאנגען... געווען א צייט איז ער געגאַן, געווען א צייט בין איך געגאַן, אצינדערט שוין פאר אונז צו רוהען — פאַר יינגערע צו טוען... אצינדערט גיי, נאר היט זיך פארן יעגער...

אפגעזאגט, און אפגעקערעוועט האט זיך דער אלטער פון מת פון קוקן, ער אויף פריהער און איך נאך־אים. זיינען מיר פון חורבה ארויסגעגאַן, איבער שוועל אריבערגעטראטן, און שטיין געבליבן. און אנגענומען האט דער אלטער דאַן די האַנט ביי מיר אין שטילן, לאנג און מער נישט ניט גערעדט, זי אין זיינער געהאלטן, דערנאָך מיך צו זיך צוגעבויגן, מיך אין קאפּ א קוש געטאָן און מיך אפגעזעגנט:

— גיי.

און איך בין אוועקגעגאַן.

און פון יענעם טאָג איז שוין א צייט געהאַט אוועקגעגאַן און איך בין נאך אַלץ אין וואַלד געגאַנגען, פון אָרט צו אָרט, פון וואַלד אין וויטערן, קיין טעג און וואָכן נישט געציילט, חשבון פון חדשים פאַרלוירן, וואַלד אויס און וואַלד איין, אַלץ מער און מער, און צו וואַלד נאָך קיין עק און צו פרייען קיין אויסגאַנג, ביז איך האָב זיך איינמאָל אין וואַלד אין אַ געדעכטעניש געטראָפן.

ס'איז אַ פאַרנאַכט געווען, געדיכט און פינסטערליך זיינען די בוימער דאַן גלייך און נישט גערירט ביי די זייטן־וועגן געשטאַנען, שטיל און פאַרנאַכט האָבן די שטאַמען־בוימער פון שטילקייט אַרויסגעקוקט, און קיין ווינטל האָט געבלאָזן, קיין גראָז זיך נישט געשאָקלט, קיין צווייג און צווייגעלע האָט אין לופט זיך נישט געהוידעט. בין איך מיר דאַן באַרוהט און פאַמעלאַך אויף אַ סטעזשקע געגאַנגען, און אין וואַלד און אין זייטן־וואַלד פון דער סטעזשקע אַריינגעקוקט. שטיל איז דאָרט געווען. זון, און שוואַכע זון, האָט שוין אויף די בוימער און אויף ערד געצאַנקען, ליכט און פלעקן־ליכטיגע האָבן זיך פון שטאַמען און פון גראָזן געלאָשן, און שטיל און ווי מיט גוטן, פאַמעלאַך און אָפּגע־טרעטן, אינאיינעם מיט טאָג פון וואַלד זיך גערוקט, אַרויס־גערוקט, פארגאן און אויסגעגאַן.

און דערזעהן האָב איך פון דעם וואַלד פון ווייטנס, ווי דער יעגער איז מיט זיין הונט ערגעץ פון טיפן־טיפן דאָרט אַרויסגעגאַן, זיך אַרויסבאַוויזן, פון ווייט און פון דאָרט מיר אַקעגן און פאָרויס אויף מיין סטעזשקע געקומען און מיך וואַרטן גענומען. צוגעגאַן און אויסגעגלייכט האָב איך זיך

דאַן מיט יעגער, פאַר אים זיך אָפּגעשטעלט, גלייך און אים אַקעגן און שטיין געבליבן, און רוהיג און ווי צו מיין גלייכן זיך צו אים געקערעוועט:

— און וואָס געוואָלט האָסטו, יעגער?

— מיט דיר זיך באַקענען.

— נו?

— נאָר פאַר פריהער עפּעס זאָגן.

— און וואָס אַזוינס?

— דער יעגער איז קיין שונא.

— ווער זאגט דען?

— אַלע זאָגן.

— און יעגער אַליין?

— לייקנט, ער זאגט: מען פאַרשטייט ניט.

— אַז וואס?

— אַז שרעקן הייסט — וועקן, אַז נעצן — פאַר קליינע, דער יעגער ליבט איינע. פארפירן — פירט שוואכע; ער זאגט: דאס רייכטום — פאר רייכע, און קליינע זיך דרייען אומזיסט פאר די אויגן.

— און ווייטער?

— און דו פון די איינע.

— חנפעסט, יעגער.

— ניין, ס'איז אמת.

— והראיה?

— וועל דיר א רעטעניש פארגעבן.

— הער איך.

און דער יעגער האט אָנגעהויבן: — איז יעגער געגאנגען אַ חיה צו פאנגען, ווי תמיד ער גייט זיך מיט הונט און פארדרייט זיך, אין וואלד צווישן וועלדער. האט פלוצים געטראפן, דעם וועג דורכגעלאפן, אַ אינד איז אַ פרומע, מיט

אויגן מיט שטומע, און כשר דערשראקן, און האט זיך פֿאַרהאַלטן. און שטיין איז געבליבן מיט הערשעלאך זיבן, מיט קינדערלאך קליינע, מיט פּיצעלאך שיינע, און אַ פּרעג האט געגיבן: „יעגער, וואס קלויבסטו, יעגער, וואס רויבסטו, די מאמע פון קינדער, צי קינדער פון מוטער?״... — די מאמע אויף שפּעטער — זאל לעבן, זיך מערן פאר וועלף און פאר בערן, פֿאַר חיות אין וועלדער, אויף קוואַלן אין פעלדער, אויף באַרג און ביי ברונען, אויף יאַגד צו געפונען די הער־שעלאך דיינע — דו, מאמע, ביזט מיינע לסוף דאך ממילא...
אַזוי דאַן דער אינד האט געענטפערט דער יעגער, וואס איז דאס?
— ס׳אַ מיין.
— וואס מיין איך?
— אַ הערשעלע.
— וואס הייסט עס?
— אַ גענאר נאך גענאר, אַ קלייניגקייט נאך קלייניגקייט, פאמעלאַך און באריסן, אזוי, און באַנומען, און דערווייל זאל זיך פּאַשען...
— פאר וועמען?
— פאַר דיר.
— ביז וואַנען?
— ביז מיין עלטער — דיין געלעכטער.
— געטראפן! ווייל דו פון די איינע.
— ס׳אַ חניפה־הערשעלע, איך גיב נישט.
— ניין, איך זאָג נאָר.
— ס׳אומזיסט, יעגער.
האט זיך דער הונט מיט אמאל פון יעגערס האנט א ריס געטאָן, בייז און מיט ביל מיט דער שנור אין דער זייט זיך אַ נעם געטאָן, דעם יעגער פאר דער שנור געצויגן און אים אָפּגעצויגן, און נאכגעגאַן און זיך נאכגעשלעפּט האט דער

יעגער נאך זיין הונט זיך אויף שנירל, ווי נישט ווילנדיג נאך אים אין וואלד נאָכגעגאַן, די גאנצע צייט און אלע ווײלע צו מיר און צו מיין זייט זיך נאך אויסגעדרייט, עפּעס זאגן און צוגעבן געוואלט, — אזוי געוואלט און געצויגן, געצויגן און ווייטער אלץ, ביז ער איז לסוף אין וואלד און אין אַ זייט פון וואלד מיר פון די אויגן פארשוואונדן.

צום צווייטן מאל האב זיך מיט יעגער אזוי, געטראפן:

ס'איז געווען נאכדעם, ווי איך בין לסוף פון וואלד ארויס־געגאַן, לאַנג און צייטן־לאנג אויף פוסטע פֿעלדער און פוסטע סטעפּן געבלאנדזשעט, איינער אליין, אָהן א פירער און אהן אַ וועגווייזער, אומגעגאַן און געבלאנקעט, געבלאנקעט און אומגעגאַן — בין איך מיר אמאל אין אַ ביינאַכט אין א פרייען פעלד אָנגעקומען. הויך און אויסגעשטערנט איז דער הימל דאַן אין זיין מיטן געלעגן, ווייט און פאררוקט האט ער זיך מיט די עקן איבער פעלד אַראָפּגעלאזט, שטיל און שפּעט זיך דארט מיט די האריזאנטן פארנומען, און אויף נאכט און גאנצע נאכט מיט זיינס און זייערן. שטיל און איינער אַליין בין איך דאַן אונטער א בוים געלעגן, שטיל אויף הימל און אויף שטערן דורך די צווייגן געקוקט, אויף פעלד און אויף ווייטקייט אַרויף, און פון ערד און פון ווייטער ערד אויף עמיצנס קומען און געוויסן־קומען געוואַרט. אין דעם, ווי איך בין מיר אזוי אויף דער ערד און פארטראַכט געלעגן, אזוי האב דערפילט, ווי שטיל און פּאַמעלאַך האט זיך די ערד אונטער מיין צוקאפּנס רירן גענומען, אָפּגערוהט און אַ פּאר מינוט, — און אויסגעווארט האט מען מיר הינטן אין מיין ליגן דארט א ווײלע, ביז מיין חשד וועט איבערגיין, און ווייטער אָנגעהויבן: גראָבן און אונטערגראבן, רירן און אויפרירן... האב איך זיך שוין דאַמאָלס אויף מיין געלעגער אויפגעזעצט, די טאָרבע פון מיין צוקאפּנס צוגענומען, אויף

איר ארט דאָרט געקוקט, געקוקט און דאס אָרט באטראַכט, און לסוף, און גאָרנישט דארט באמערקנדיג, האָב איך זי צוריק אויפן זעלבן ארט אוועקגעלייגט, זיך צו איר צוגעבויגן און ווייטער און ווי פריהער דעם קאָפּ אויף איר אָנשפארן געוואלט, און פלוצים... ווי נאר כ׳האב דעם קאָפּ צו דער טאָרבע צוגערירט, אַזוי האט פלוצים און מיט אַמאל די ערד זיך דארט א וואָרף געטאָן, אַ הויב און אַ צעשאט געטאָן, און פון נאכטיגן און פון דארטיגן איז רירעוודיג און קליין עפעס אַ בריאהלע אַרויס... אויפגעשפּרונגען און אויפגעכאפּט האב זיך מיטן ערד־ווארף אינאיינעם און דערזעהן: —

פלינק און ערדיש, פיצל און באנומען איז דאס בריאהלע גיך און, קוים מיטן אויג צו זעהן, ארום גריבל דאָרט געלאָפן, געלאפן און געיאָגט זיך, ארום און ארום, אַ רעדל און אַ רעדל, זיך א שטעל געטאָן און צוריק אוועק, אַזוי און נישט אפגערוהט, און די גאנצע צייט פון לופט און פרייער לופט אין איין ניסן געהאלטן, אָפּגענאסן און בארוהיגט, האט זיך דאס בריאהלע לסוף ביים עק פון גריבל אויף די הינטער־פיסלאך זיך אנידערגעזעצט און שטיל און, ווי גארנישט ניט געווען, רוהיג און תמעוואטע מיט א פאָדערשט מאַלפּע־הענטל אין נאז און אין נעזלעכער צו קאַליפען גענומען: — פאמעלאַך און רוהיג, לאנג און מיט הרחבה און אזוי, און קאַליפענדיג, די גאַנצע צייט מאַלפּיש און בתמימות מיר אין די אויגן געקוקט.

— ווער ביזטו, בריאהלע?

— דאס פארזעהעניש.

— וואס דאַרפסטו דאָ?

— מען האט מיך געשיקט אהער.

— ווער?

— דער אַלטער.

— וואָס אַזוינס?

— ער האָט מורא.

— פאַר וועמען?

— פאַרן בלינדן בעטלער.

— וואו איז ער?

האָט דאָס פאַרזעהעניש דאָס הענטל פון דעם נעזל צוגענומען און רוהיג און מיט צייט, גלייך און אויסגעצויגן מיט דעם אויף מיר און אויף הינטער מיר אָנגעוויזן: אָט שטייט ער. און, איידער כ׳האָב זיך נאָך געריַרט דעם קאָפּ אויף צוריק און אויף אַרונטער אויסדרייען, אַזוי איז שוין הינטער מיר, נאָהענט און ביי דער האַנט ביי מיר, מיט מיין פנים און מיט מיין אַקסל גלייך, א הויכער, אויסגעצויגענער און בלינדער בעטלער געשטאַנען און מיט גוט נ׳אָוונט מיך געבענטשט: „גוט נ׳אָוונט, גייער״. דערשראָקן און א רוק געטאָן האָב זיך פון נאָהענטקייט פון בעטלער, זיין פנים און זיין בלינדזעניש דערזעהן, און פאַרוואונדערט און נישט געענט־פערט אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט...

האָט מיך דאָס פאַרזעהעניש בגנבה און אונטן־אַרומער פאַרן קלייד דאן אָנגערירט, אַ ציה געטאָן, אויף גיך, און געוואָרנט, מיר מיט אַ פינגער אויפן מויל אָגגעוויזן, אָנגעוויזן און מיך שטיל געוואָרנט:

— פון מיר נישט קיין וואָרט!

און נאָך אַמאָל האָט זיך דער בעטלער צו מיר געקערעוועט און שוין העכער געזאָגט: „גוט נ׳אָוונט, גייער״.

— גוט יאָר בעטלער.

— זעץ זיך און דערלויב זיך־זעצן, גייער.

— כ׳דערלויב, בעטלער.

און דער בעטלער האָט די טאָרבע פון איבער זיינע אַקסל אַראָפּגענומען, פּאַמעלאַך און בלינד מיט איר זיך איבער דער ערד אָנגעבויגן, פאַר איר אַן אָרט געפונען, זי אַנידערגעלייגט.

ווי מיד און קרעכצנדיג זיך נעבן איר אַראָפּגעלאָזט, און איך אים אָקעגן, אַ פּאָר מינוט געשוויגן, — און געקערעוועט האָט זיך דערנאָך צו מיר דער בעטלער און מיך אַ פרעג געגעבן.

— כ׳האָב געהערט, דו האָסט זיך צום באַרג געלאָזט?

— יאָ, — האָב איך אים געענטפערט.

— האָסטו שוין עמיצן אין וועג באגעגנט?

— יאָ, דעם אַלטן.

— האָט ער דיר שוין דערציילט פון באַרג?

— גאָרנישט.

— און עד היום ווייסט נאָך נישט?

— אַז וואָס?

— אַז פון בארג איז שוין קיין זכר; אַז ווינטן האָבן אים צעטראָגן, שטורם־ווינטן האָבן זיין שטויב צעבלאָזן און צייטן און דורות האָבן אים מיט דער ערד אויסגעגלייכט.

— ניין, איך ווייס נישט.

— דארפסטו די בעטלער־מעשה הערן.

— הער איך.

— און דער בעטלער האָט אָנגעהויבן:

— בעטלערס דערציילן: אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט גרויסע אויגן געהאַט. אַליין אויף דער ערד געבוירן, האָט תמיד דעם קאָפּ צום הימל פאַרריסן, פאַר דער נאָז נישט געזעהן, האָט באַשטענדיג די אויגן צו די בערג געהויבן. האָט מען אים אַמאָל פון יענעם באַרג דערציילט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט. געגאַנגען און געגאַנגען, זיין יוגנט פאַרגאַנגען, די כוחות אויסגעגאַנגען, און אָט האָט ער אים איינמאָל שוין ביי א האָריזאָנט דערזעהן. האָט זיך פלוצים אַ ווינט אויפגעהויבן, מיט אַמאָל א שטורמווינט פון באַרג פון דאָרטן. האָבן זיך אויף צוויי שטויבעלאַך צוויי שדימלאַך געטראָגן, זיינען זיי געפלויגן און געפלויגן און דעם גייער אין זיין גאַנג

באַגעגנט. זיינען זיי אים אין די אויגן אַריין און אין די אויגן־מענשעלאך זיך באַזעצט.

– איז וואָס געווען?

– איז ער בלינד געוואָרן.

– נו?

– זינגען עס אויף אַלע מערק די בעטלערס בלינדע און די זעהענדיגע וואָרענען.

– און די זעהענדיגע?

– הערן און גייען ווייטער.

– גוט אַזוי, ווייל די בעטלערס ליגנערן: אָרעם זיינען בעטלערס און בלינד פון געבוירן.

– נישט אמת.

– און וואָס ווייטער?

– וויל דיר עפעס פאָרלייגן.

– וואָס אזוינס?

– מיר א פירער זיין און מיך אויף די מאַרקן פירן.

– כ׳גיי נישט, בעטלער, מיין אַלטער איז באַגלויבטער.

אָפגעשטעלט האָט זיך אויף די ווערטער מיינע דער בעטלער, אנטשוויגן געוואָרן, געוואַרט און געוואַרט און לסוף ארויסגעזאָגט:

– דיין אַלטער איז א מכשף.

– און אַז איך גלויב נישט?

– גיי איך פון דאָרט.

– איז וואָס געווען?

– האָב איך געזעהן: איז דער זקן נאך אויף דער ערד געלעגן, זיינען ליכט אים ביי זיין צוקאָפּנס געשטאַנען, און דיין אַלטער אים איבערן קערפּער שטייט און שפּרעכט, ער זאָגט: „קומסט ביי מיר צו קבורה נישט, ליגסט ביי מיר אין בושה דאָ, ביז פאַרזאָרגסט נישט יונגן מאַן, ביז פארטראַכסט

נישט אים פון וועלט, און ער קומט אַן אַלטער שוין, קומט שוין א צעבראָכענער... זאָל ער אויסגיין וועג און שטעג, צייט און צייטן וואַנדערן, ווי דו האָסט פאַרפירט מיין וועלט, זאָל ער אויך פאַרפירט ווערן, ווייטער, ווייטער ליגנערן, זאָל אויך שיקן אַנדערע און אויף אייביג־אייביגקייט לעבן זאָל דער שדים־באַרג".

– אָט איז דיין אַלטער.

– נו?

– באַטראַכט־זשע זיך, גייער.

– שוין באַטראַכט בעטלער.

– און וואָס באַשלאסן?

– כ׳גיי מיט דיר!... און אויפגעכאַפּט האָב זיך מיט אַמאָל פון מיין אָרט יענעם דעמאָלט, אויף גיך מיין טאָרבע אַ נעם געטאָן, צום בעטלער זיך אַ בויג געטאָן און אויף אויפהויבן אים אַ האנט געגעבן: קום!... נאָר אין דעם, ווי נאָר דער בעטלער האָט מיר די האַנט אויסגעשטרעקט און פון אָרט שוין אויפהויבן זיך געוואָלט, אזוי איז פלוצים מיט אמאָל און אומגעריכט דאָס פאַרגעסענע פאַרזעהעניש פון זיין לאַנגן; זיצן און שווייגן אויפגעשפרונגען, אַ פליה געטאָן, גיך און געשיקט צום בעטלער צו, אויף זיינע קני און צום פנים אים אַרויף, מיט איין הענטל פאַר באָרד אים אָנגעכאַפּט, מיטן צווייטן איבער די אויגן אים אַ זעץ געטאָן, און — זעצן אָנגעהויבן: איינס און צוויי און גיך און גיכער און די גאַנצע צייט אין איין קול, אין איין שרייען און אין איין שפייען געהאַלטן: טפוי, טפוי, באַוויַיז זיך, בעטלער, טפוי, טפוי, ס׳איז פאַרבלענדזעניש... האָט זיך תיכף און מיט אַמאָל פון אונטערן געזעס פון בעטלער, פון אונטער אים און פון טאָרבע דאָרט אַ הונט אַ ריס געטאָן, און מיט אימפעט און מיט שרעק, מיט גוואַלט און ביל אויף דעם שנור און צום

פעלד זיך אַוועקגעלאָזט. און אויפגעשפרונגען און נאָך אים איז דער יעגער דאַן, נאָכן הונט זיינעם תּיכּף, נישט געקוקט און פלינק זיך צום פעלד געקערט, און מיט בושה, אהן אויגן, און פייל־אויסבויגן, טיוק און טיוק נאָך זיין הונט אוועק.

---

און צום דריטן מאָל האָב זיך מיטן יעגער באַגעגנט.

אין אַ צייט אַרום בין איך אמאָל אין אַ בייטאג אַ זומערדיגן צו א טייך צוגעקומען. ליכטיג און זומערדיג האָבן זיך אין דעם בייטאָג די גרין־באַוואַקסענע ברעגן אין טייך אָפגעשפיגלט. רוהיג און שווייגנדיג האָבן די בוימער פון די זייטן אין וואַסער אַריינגעקוקט און גרין און אויסגעוואַשן מיט די שפיצן און פאַרקערט אין הימל־טייך געשטאַנען. שטיל איז אין דעם בייטאָג דאָרט געווען. ברייט און אָפן איז דער טייך צווישן די ברייט־צענומענע ברעגן געלעגן. שיינענדיג און אוועקגעגאן האָבן זיך די כוואַליעס אין זון און אין גאָלד דאָרט געקאַטשעט. און הויך און קלאָר, זומערדיג און בלוי האָט זיך דער הויכער הימל אין טיפן וואַסער אָפגעשפיגלט. בין איך מיר דעמאָלט אזוי צום טייך אָנגעקומען. ביי א ברעג זיך אָפגעשטעלט. א ווײלע אויף טייך און אויף וואַסער געקוקט. דערנאך זיך אַ קלייד אויסגעשפרייט. זיך אראָפּגעלאָזט און מיט דער דעה אויף טאָג און שוין ביז פאַרנאַכט דאָרט אויף אָפּרוהען צו בלייבן.

און אָט. ווי איך בין מיר דאַן אזוי אויף דעם ברעג געלעגן. אזוי האָב דערזעהן. ווי פון ווייט. פון ווייט. ביים וואסער און ביי ביידע ברעגן זיינען געזעצט און געלאַסן. באַרוהט און. ווי זייער שטייגער. צוויי בושלען אַרויסגעגאַנגען. פאַמעלאַך די ווייסע גופים אויף די לאַנגע פיס געטראָגן. די קעפּ און די העלזער אויף די רוקנס פאַרוואָרפן — האָבן זיי זיך אַזוי געשפאַנט. דער פון דער זייט און יענער פון דער

צווייטער, אַמאָל זיך פאַרהאַלטן, די שנאבלען אין וואסער אַריינגעלאָזט, אַריינגעלאָזט – ארויסגענומען, אָפּגעגאַן און ווייטער שפאן נאָך שפאן פון דאָרטן צו מיר און צו מיין אָרט זיך דערנעהענטערט.

און אונטערגעגאַן זיינען צו מיר נאָך לאַנגן גיין און שפּאַנען די בושלען, זיך נעבן מיין אָרט פאַרהאַלטן, ווי אָפּגערעדט און באַשלאָסן איינס אַקעגן אַנדערן איבער טייך מיט די פנימער זיך געשטעלט און שטיין געבליבן. געקוקט און לאנג געשוויגן האָבן אזוי איינס קעגן אנדערן די בושלען, געשוויגן און זיך געוואַרט, און דערנאָך – און געקערעוועט האָט זיך דער בושל פון מיין זייט צום איבער־טייך־שטייענדיגן און ביי אים אזוי געפרעגט:

– האָסטו נישט געזעהן, בושל, דעם גייער אין פליהען?

– געזעהן – האָט אים יענער געענפערט, – וואָס איז דען?

– מען זאגט, ער האָט זיך צום באַרג געלאָזט.

– ס׳איז נארעשקייט און חוזק.

– פאַרוואָס איז?

– ווייל פויגל אין הימלען האָבן זיך פון אים מיאש געווען, האָבן זיך שרצים און קליינווארג קריכן גענומען?

– ס׳איז דאָך אָבער נישט קיין שרצים, בושל.

– אַ קליינִיגקייט?!... אָדלערס און אונזערע זיינען איבער ימים און מדבריות געפלויגן, וויסטעניש און לענדער אויסגעזעהן און נישט געפונען, און זיי וועלן געפינען?

– פאַרוואָס נישט?

ווייל דער באַרג איז נישט געשטויגן, דער באַרג איז אויסגעטראַכט.

– וואָס רעדסטו, בושל?

– דאָס, וואָס דו הערסט. ס׳איז אן אמת און אן אַלטע מעשה.

– דערצייל, כ׳בעט דיך.

— אָט הער, בושלען דערציילן: ס'איז געווען, ווען אונזער באבע די בושליכע, האָט אַמאָל אין דער יוגנט נאָך, אין אַ ביינאכט אין האַרבסטצייט, אין די וואַרעמע לענדער פליהענדיג, איבער ים און אין שטורם, אונזער זיידן, איר בושל, פארלוירן, — האָט זי זיך איינמאָל, אין אַ לאַנד דאָרט אנקומענדיג, אין אַ שיינעם טאָג אַ דאָרטיגן, אין אַן אָרט זיך געטראָפן, עלנט און אָהן נעסט, אָהן אַ פּאָר און אָהן אַ שיצער — האָט זי זיך דאַן הויך אין דער לופט ארומגעדרייט, אַ ראָד נאָך אַ ראָד געמאכט, ארום און ארום געפלויגן, מיד און אויסגעמאטערט דעם האַלז און די פּיס אויסגעצויגן, אַראפּ געקוקט און די גאַנצע צייט אין איין שרייען און אין איין רופן געהאַלטן „וורא־וורא, וורא־ווראַ: כ'כין יונג אַן אלמנה געבליבן, כ'האָב מיין ליבן אין שטורם פאַרלוירן, זאָל דער ערשטער און דער בעסטער קומען און פאַר ביידע אונז אַ נעסט מאַכן”... האט איר קול פון ערגעץ אַ בושל דערהערט, איז ער אויף איר רופן צו פליהען געקומען און זיך צו איר צוגעשלאָגן, און ער האָט זי ליב באַקומען, ווייל יונג און שיין איז אונזער באבע, די בושליכע, געווען, זויבער, און קלאָר האָט זי איר ליבן קערפּער געהאַלטן, שטיל און שווייגנדיג איר פריהערדיגן געליבטן געדענקט, און שטאָלץ און מלכותדיג אין איר אלמנהשאפט געפלויגן... און זי האָט אים פיינט געהאַט — פלעג זי אויף טעג און גאַנצע טעג פון איר נעסט זיך אָפּטיילן, ווייט און איינע אַליין פלעג אַזוי אויף די ווייטע פעלדער פאַרפאַלן ווערן, זיך אַרומדרייען, שעהן און שטילע שעהן אין שטילקייט דאָרט, און אומעטיג און פרעמד פארנאכט זיך צוריק און צו נעסט זיך אומקערן, און אין אַ צייט אַרום, נאכדעם, אַז דער בושל האט דאָס צוגעזעהן און צער געהאַט, זי ליב געהאַט און געליטן און לסוף ביי איר ליבע געבעטן, — האָט אים דאַן די בושליכע אַזוי געזאָגט: —

— „וואס מ׳האָט ניט, שענקט מען נישט, וואָס כ׳פארמאָג ניט, מאָן דו נישט — ליבן קאָן דיך ניט, ווילסטו דאָך געליבט צו זיין, — איז פאַראַנען נאר איין אָרט, איז פאַראַן אַ הויכער באַרג, שטייען שטייט ער אויף עק־וועלט, פליהען פליהט מען יאָרן לאַנג — קומסטו, ברענגסטו פון זיין גראָז, איך פאַרזוך עס נאָר איין מאל, באלד פאַרגעס איך וואָס געוועזן און דיך ליבן קען איך שוין״...

אויסגעהערט האָט דאָס דער בושל, געטראַכט און איבערגעטראַכט, אַ טאָג און צוויי און לסוף זיך אַוועקגעלאָזט. און געזעהן האָט אים שוין ניט די בושליכע איר לעבן־לאַנג, און דאָס האט זי געוואָלט: איינע אליין אין נעסט דאָרט בלייבן און אומגעשטערט אין די פריהמאָרגנס און אין פאַרנאַכטן פון איר געליבטן טראַכטן. אָט דאָס איז די מעשה.

— און דו גלויבסט אין דעם?

— וואָס איז דען?

— איך האָב דאָך אנדערש געהערט.

— אַז וואָס?

— אַז פאראַן איז דער באַרג, אַז וויים איז דער באַרג און גרויס איז די זכיה און געציילטע דערגייען...

— שטילער, בושל.

— וואָס איז דען?

— דער גייער ליגט דאָ, — און דאָ האָט דער בושל פון צווייטן ברעג אויף מיין אָרט מיטן האלז אָנגעוויזן און דעם מייניגן מיט אַ וואונק געבעטן — שטילער.

— און פאַרוואָס האָסטו אין דער הייך דערציילט?

— ער זאָל הערן.

— נאָך וואָס?

— דאָס האָט מיך דער יעגער געבעטן.

— נישט גוט, בושל.

— פאַרוואָס?

— ווייל...

... כ'האָב געהערט!... האָב איך פון מיין אָרט אויפֿשפרינגענדיג מיט אַמאָל און אויף גיך פאַר מיין בושל אויסגעשריגן. און אין דער רגע האָט זיך פלוצים, און נישט געזעהן פון וואַנען, אַ טראַך דערהערט, און אַ שאָס און אַ קויל האָט דעם בושל פון דער צווייטער זייט אויפן אָרט געטראָפן... האָט דער בושל פון מיין זייט מיט די פליגל אַ מאַך געטאָן, דערשראָקן און אויף גיך אין דער לופט זיך אויפגעהויבן און צאפלענדיג, זיך וואַרפנדיג, און שוין אויף טויט דערשלאָגן דעם צווייטן אויפן ברעג געלאָזן.

און אויפגעהויבן האב איך מיין קלייד פון ברעג באלד דעמאָלט, אויף גיך און דאָס אויסגעפּראָשעט, דאס אנגעטאָן, דעם שטעקן אין האנט און די טאָרבע אויף פלייצעס גענומען, און באַרוהיגט און פריי, פון יעגער און פרוב פון יעגער, באַלד נאָך אין דעם בייטאג זיך אין וועג אַוועקגעלאָזט.

---

און לאַנג בין איך נאָכדעם אויף וועלט געגאַנגען, איינער אליין, אויף סטעפּן און אויף פּוסטקייטן, קיינמאָל קיינעם אויף מיין וועג נישט באַגעגנט, די גאנצע צייט קיין ישוב און קיין סמן־ישוב נישט געטראָפן, אויף קיין גייער און קיין דורכגייער זיך נישט אָנגעשלאגן, נאר אין די נעכט און אין פינסטער, אין פארטאָגן און אין וויסטעניש האָב אויף ערדן און אונטער הימלען געשפאנט און אלץ געגאנגען און געגאנגען.

און יארן זיינען פארגאנגען, ווייט און פארלאָזן פלעגן פאר מיר די סטעפּן אין די ביינאַכטן ליגן, אומעטיגע און עלנטע פלעגן זיך אויף זיי די אַלטע און טויבע וועגן ציהען, טרויעריג און פארטראכט פלעגן זיך די הימלען מיט די ערדן ערגעץ צונויפגיין, און אַרום איז קיין בריאה, אויף מיילן קיין

שטיבל, קיין ליכט און קיין ישובל, קיין לעבן און קיין קולות...

ביז איינמאָל: בין איך אמאָל אין א בײַנאַכט אזעלכע אין אזא מין סטעפּ געגאנגען; איינער אליין, אויף וועג, וואס איז פּוסט, אויף שליאַך, וואס פארגעסן — פון פור און פון גלאָק, פון פערד און פון פאָרער, געגאַנגען און פאַרטראַכט, שוין אויף גאָרנישט ניט געהאָפט, אויף קיינעם נישט געוואַרט, פארלאָזן און אחר יאוש... פּלוצים, און דערזעהן האב איך, ווי ווייט־ווייט, אין א זייט פון וועג, אויף דעם סטעפּ און אויף דער נידער דאָרט, האט זיך עפּעס א שיין באַוויזן: אַ רויטע שיין, א שוואכע שיין, ווי פון דער טיף, פון א גרוב ארויסגעגאַן, איז מיט רויטליכע און פארנעפּלטע פאסן־ליכטיג־קייט ווי איבער א טיפקייט דארט געשטאנען... בין איך געגאנגען און געגאנגען, ביז איך בין צו יענעם אָרט צו אַ הייל דאָרט צוגעקומען. און דערזעהן האָב איך, ווי שטיל און געשלאפן, איינגעגעאָרעט און פון אויבער־קלייד דאס פנים נישט ארויסגעזעהן איז א נאכט־וועכטער ביי דער ראנד פון הייל אויף א שטיין געזעסן, דעם שטעקן אין האנט און קאפּ אויף שטעקן אָנגעשפּארט און אזוי, און איינגעבויגן איז מיט קערפּער און שטילקייט זיינער אין שיין און אין שוואַכער שיין באלויכטן געווען. אָפּגעשטעלט און אנגעקוקט האָב אזוי דעם וועכטער און זיין שלאָפן, א ווײַלע און צוויי דערנאך צו אים צוגעגאַן, א האנט אים אויפן אַקסל ארויפ־געלייגט און אים וועקן גענומען: —

— וועכטער, האַ, וועכטער...

— האַ, וואס איז? — און אויפגעשפּרונגען איז דער וועכטער מיט אמאָל, פון שלאף זיך דערוואַכנדיג, פון שטיין און פון זיצן אראָפּ, פארשעמט, ווי די אויגן אראָפּגעהאַלטן, און ווי שולדיג און זינדיג די גאַנצע צייט צו זיך אַליין גערעדט און זיך אויסגעוואָרפן.

— שלעפעריג, פאַרשלאָפן... טאַקע שיעור ניט פאַרשלאָפן.
— וואָס פאַרשלאָפן?
— דיך און דיין אָנקומען.
— וואָס הייסט?
— מ׳וואַרט אויף דיר, מ׳האָט געהייסן וואַרטן.
— ווער?
— באַלד וועסטו זעהן. — און אָט אויף די רייד האָט זיך דער וועכטער צו דער הייל אויסגעקערעוועט, איבער איר זיך איינגעבויגן, מיט די הענט אויף די ראנדן זיך אָנגעשפארט, מיט קערפער זיך אין הייל אַראָפּגעלאָזט, אריין — און, מיט קאָפּ נאך איבער מויל פון איר שטעקנדיג, מיך א רוף געטאָן — א זאָג געטאָן: גייער, און איך האב אים נאכגעטאָן. און אָט, ווי מיר האָבן אַזוי נאר איינציגע טריט דארט טיפער אין פאדער־הייל געמאַכט, אַזוי זיינען מיר ביידע, דער וועכטער פריהער און איך נאָך אים, אויף אַ שוועל פון אַ גרויסן און ליכטיגן חדר שטיין געבליבן און דערזעהן: —

אַרום א טיש, וואָס איז אין גרויסן און אין מיטן חדר געשטאנען, איז אַ שטילע נאכטישע און פֿארהוילענע עדה אין שווארצן און אין לאנגן אנגעטאָן געזעסן, וואַרטנדיג און ארויסקוקנדיג האט אויפן טיש איינע א ליכט נאר געברענט און רוהיג און שטיל־שווייגנדיג זייערע יונגע פנימער מיט די שווארץ־באַברוימטע בערד באַלויכטן. געוואַרט האט אויף אונז די עדה, אלע פנימער זיינען צו דער טיר געווען געקערעוועט, קאפּ ביי קאָפּ און קערפער ביי קערפער, און אַלע אויגן האָבן זיך צו אונז געווענדט. האט זיך פון שפּיץ פון טיש, פונם אויבן־אָן אַ גרייזער, און פון אלע אויסגענומענער אלטער אויפגעהויבן, אויף מיר און אויף מיין אַריינגיין, איבער ליכט און צו דער טיר צו געקוקט און מיט רשות און פאַר אלע, און ברשות און אין נאמען פון אלע צו מיר אַזוי געזאגט: —

— קום אהער, גייער, דאס האָבן מיר אויף דיר געוואַרט.

אָפּגעטראָטן און אָרט געמאַכט האט מיר דער וועכטער, און צו שטוב און צו טיש מיר דאָס אָרט פריי געלאָזן, און איך בין צוגעגאַן. א פּאָר מינוט אזוי פארן אַלטן געשטאַנען, האָט ער אויף מיר געקוקט, לאנג און מיך און מיין אויסזעהן באטראכט, דערנאָך זיך צו מיר געקערעוועט און מיר אזוי געזאָגט:

— גייער, מיר האָבן געהערט, ס׳איז צו אונז דערגאַן: דו האסט זיך צום בארג געלאזט, צום אלטן בארג, אויף גרענעץ שטייט, פון אונזער זיין און סוד פון זיין... זיינען מיר, די עדה דא, צונויפגעקומען אלע איצט, פון גאָר דער וועלט, פון וועג און שליאַך, פון אלע עקן אויסגעגאַן, מ׳הערט דיין נאמען אומעטום, מען זאָגט: דו גייסט אויף זיכער... דו פרעגסט נישט נאך, דו פאָרשסט נישט גאָר ביי גייערס שוין, וואס בייגעווען, וואס אויסגעגאנגען זיינען וועלט, וואס אויסגעטראָטן האבן וועג — דו טרעטסט אליין... זיינען מיר זיך אלע דאָ, צונויפגעגאַן אין הייל זיך היינט, מיר ווילן וויסן: ווי נעמט זיך עס א יוגגער מאַן, ווי נעמט זיך דאס בטיחות?...

און נאָכגעזאגט האָט בשעת רעדן דעם אלטן די עדה די גאנצע, שטילערהייט, בכבוד און מוסכם מיט די קעפּ אים נאכגעשאָקלט, און אלע מאל אויף מיר און אויף אים קוקנדיג, אינאיינעם מיט אים אויך די פראגע געענדיגט: „ווי נעמט זיך צו א יונגן מאן, ווי נעמט זיך דאס בטיחות?״ — אָפּגעזאָגט, און אלע, ווי איינער, האבן אויף מיר די אויגן אָנגעשטעלט.

— מיר ווארטן, — האט דער אַלטער פאר דער שטיל־געבליבענער עדה געזאגט.

— אויף וואס? — האב איך געפרעגט.

— אויף תשובה, — האט דער אלטער געענפערט.

– קיין תשובה האב איך נישט. מיין תשובה איז פארבארגן. מיין ענפער איז מיין לעבן און וואס ס׳וועט מיך טרעפן, און וואס, קען נישט וויסן.

– און ווי אזוי־זשע האָסט זיך עס געלאָזט?

– נישט געטראכט און זיך אָפגעלאזט: פאַר מיין ווילן

– מיין וועלט, פאר מיין רצון – א לעבן איינגעשטעלט.

– מפקיר געווען?

– מפקיר.

– און ווער האט דיר דאס רעכט געגעבן?

– כ׳האב זיך עס גענומען.

– און ווי מעג מען דאָס?

– כ׳האָב זיך אזוי געטראַכט: ווייל אלץ, וואָס פאַראַנען, דאָס אלץ איז געגעבן צו מענש פאַר זיין ברירה, פאר היילינער ברירה, אויך אייגענער לעבן און לעבן אָהן ברירה, און איך האב איינגעשטעלט.

– און ווער איז דיין ערב?

– מיין מלאך און מיין בטיחות.

– און וואס טוט ער דיר דיין מלאך?

– ער היט מיך.

– פון וואָס?

– פון אלע ספקות און פון בייזן אלעם.

און אויסגעוואַרט האט מיך א צייט א לאנגע, נאָך מיין ענפער דעם, דער אַלטער, שטיל און שווייגנדיג מיין אויסזעהן און מיין האלטן־זיך באַטראכט, פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן ארויף מיט זיין קוק מיך געמאָסטן, דערנאך זיך פון מיר אָפגעקערעוועט, צו דער עדה זיך געווענדט און ביי איר אַ פרעג געטאָן.

– האט איר געהערט, געהערט?

— יאָ, געהערט — האט די עדה געענפערט און צווישן זיך עפּעס שושקען און סודן זיך גענומען.

און אויפגעהויבן האט זיך פון זיין אָרט און פון אויבן־אָן דאַן דער אלטער, שטיל און פארטראַכט די עדה ביים טיש און אין שושקען־זיך געלאָזן, און נישט באמערקט פאַר איר, און אַ וואונק צו מיר, מיך פון טיש אָפּגערופן און צו אַ ווינקל מיך צוגעפירט. שיין און מלכותדיג איז דער אַלטער פאר מיר אין ווינקל דאַן געשטאנען, מיט מיר זיך איבערגעקוקט און שטיל און ווי בסוד דערנאָך ביי מיר אַ פרעג געטאָן: —

— און ווער איז דיין מלאך, גייער?

— מיין אַלטער, — האָב איך אים געענפערט.

— און ווי לאַנג האָסטו אים שוין נישט געזעהן?

— שוין זעהר.

— וואָלסטו אים דערקענט אַצינד?

— געוויס.

— איז ער אין הייל איצט דאָ...

האָב איך באַלד און אויף גיך דעם קאָפּ צום טיש און צו דער עדה אויסגעדרייט, פלינק און אין איין מינוט דעם עולם דאָרט מיט די אויגן דורכגעלאָפן, הין און צוריק, צוריק און נאָך אַמאָל, נישט געפונען, האָב איך זיך מיט אַמאָל, און ווי דערמאָנט, צום פאַר־מיר־שטייענדיגן אַלטן זיך אַ קער געטאָן און... שטיל און אָנמעכטיג אים צום האַרצן צוגעפאלן, שטיל און כליפענדיג בין איך ביי אים, און געדריקט פון אים, אין זיינע הענט אַזוי געלעגן, און ער האָט מיך געגלעט, מיין קאָפּ מיר געדריקט, מיך באַרוהיגט און מיין וועלט מיר געטרייסט, אויסגעוואַרט און אָפּגעטרייסט — און ער האָט מיך פון די הענט אַרויסגעלאָזט:

— און איצטער, גייער, אין וועג אַריין, חיות, עופות און שרצים וועלן דיר דיין וועג ווייזן, ביז דו וועסט לסוף צום

וואָלקן־מענש צוקומען, און אַז ער וועט דיך צו זיך אַרויפרופן, זאָלסטו אויפגיין... און דער אלטער האָט מיך אָפּגעזעגנט, און אויסגעדרייט האָב זיך נאָך פאַרן אַרויסגיין צו דער שטוב און צום אַלטן מיינעם, נאָך אמאָל אויף זיי אַ קוק געטאָן און צו דער שטילער, זיצנדיגער און אַלץ צוזעהענדיגער עדה פאַרן אָפּגיין מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— אַ גוטע נאַכט, עדה הייליגע,

— גיי געזונט, גייער, — און איך בין פון דער הייל אַרויסגעגאַן.

---

און אין אַ צייט ארום האָב צום ערשטן דעם פוקס באגעגנט.

ס'איז פארנאכט אין אַ גרויסן סטעפּ געווען, ווייט און אָפּגעשיידט, שטיל און פאר דער ערד, פאר דארטיגער, האט זיך די זון שוין זעצן גענומען, פייערדיג און גרויס איז זי שוין אויפן עק פון הימל געשטאַנען און מיט ראַנד און מיט פייער־ראַנד שוין די לעצטע ערד־ליניע אָנגערירט, שטיל און ליכטיג נאָך איז פאר מיר די גרויסע ערד־און־הימל־ראָד געלעגן, און מיין וועג און מיין גלייכער דאָרט איז אַהין אַרויף צו זון און צו זון־זעצן פארגאן.

בין איך מיר אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, אויף וועג און אויף שקיעה, וואָס ארויף־צו, געקוקט, און פון מאָל צו מאָל, פון איינמאָל צום צווייטן, די זון שוין אַ פאַרגאַנגענערע און אראָפּגעזעצטערע געפונען, אַ מינוט און צוויי, פּאַמעלאַך און מער — און די זון איז שוין אינגאנצן פון האָריזאָנט פאַרשוואונדן, און פלוצים... און דערזעהן האב איך, ווי ווייט־ווייט, אַקעגן מיר, און וואו די זון האָט זיך געזעצט, האט זיך עפּעס אַ קליין און דאָרטיג חיהלע באוויזן און ליכטיג און באלויכטן זיך אַרויסבאַוויזן און שטיין געבליבן.

קליין, ווייט און ליכטיג איז דאָס חיהלע דאָרט אויפן האָריזאָנט געשטאַנען, ווי קיינמאָל נישט געווען, ווי קיינמאָל דאס נישט בייגעווען, אויף דעם סטעפ און אויף זיין ראָד־די־גרויס געקוקט און ווי מיט יאָ־גלויבן און אומגלויבן פאַרן אָנקומען דאָס אָרט און ווייטקייט באַטראַכט. אַ ווײַלע און צווײ... און אָפּגעריסן האָט זיך דאס חיהלע פון אָרט זיינעם דאָרטן, ווי געמוזט און געגנויט פון האָריזאָנט דארט ארויס און באלד צו מיר און אויף סטעפּ צו מיר זיך לויפן געלאָזט.

און געלאָפן איז עס אזוי פון האָריזאָנט פון ווייטן, און געזעהן האָב איך, ווי לויפנדיג האט אלע מאל דעם קאָפּ אין די זייטן אויסגעדרייט, מיט חשד און מיט מורא אויף צוריקוועגס זיך אומגעקערט און אַזוי, און נישט געגלויבט, און אַזוי און מורא־האָבנדיג, איז אַלץ מער און מער אין סטעפּ אַריינגעקומען און נעהענטער און נעהענטער פאַר מיין אויג שוין אָנגעזעהן. און אָנגעקומען איז דער פוקס לסוף דאַן אין וועג מיר אַקעגן, ווייט און אָפּגעטראָטן, מיט מורא און אַן אָרט פאַר מורא אויף אַנטלויפן זיך געמאכט, און נישט גערוהט און נישט אַיינגעשטאנען, זיך געדרייט און אויפגערעגט, פאַר מיר און פאַר שטח פון מיר דאָך שטיין געבליבן; געשטאנען, אויף מיר בליקן געוואָרפן, עפּעס אומרוהיג און דערשראָקן אין די הענט מיר געקוקט, אויף פאר מיר און אונטער מיר זיך ארומגעקוקט, נישט געגלויבט און נישט געטרויט, און לסוף, און ווי באין ברירה, דאָך צו מיר אויסגעשריגן:

– ליבער גייער, העלף מיר!

– וואוהין איילט און וואוהין לויפט עס דער פוקס, דער ליבער?

– אין דער וועלט אַריין.

– פאַר וועמען איז?

– פאַר דער חכמה.

— וואס איז געשעהן?

— די חכמה איז מיר פון קאָפּ אין עק אַריין... ס׳דוכט מיר: איך לויף און זי לויפט מיר נאָך...

— ווי אַזוי איז דאָס דיר געקומען?

— כ׳האָב זיך פאַרדרייט, כ׳האָב זיך נאך מיין אייגענעם עק געיאָגט.

— מיט וואָס־זשע העלפט מען דיר?

— מיט ברויט, גייער.

— דער פוקס איז הונגעריג?

— יאָ, גייער: גרויס איז די וועלט און קליין דער מוח, און דער קאָפּ דעם עק דערגרייכט נישט, און די חכמה קומט צו הילף אָן, און חכמים בעטלען: גיב, וואס דו האסט.

האָב איך באַלד מיין טאָרבע פון דער פלייצע אויף דער זייט אריבערגענומען, זי צעשנירעוועט, געזוכט און עפּעס געפונען, האב זיך מיט דעם צום פוקס געלאָזט און אים אונטערטראָגן געוואָלט...

— ניין, וואַרף מיר, — האָט דער פוקס מיט מורא און שוין פון ארט אָפּשפרינגענדיג געשריגן, — וואַרף מיר, כ׳האב מורא.

— פאַר וועמען?

— פאַר שיצער און העלפער.

— וואָס הייסט עס?

— דאס איז די שטראָף פון חכמה.

און איך האב אַ וואָרף געטאָן.

און אונטערגעשפרונגען און הינטיש אויסגעכאַפּט האָט דער פוקס דאָס געוואָרפענע, זשעדנע און ברייט דאָס מויל מיט די אויגן געעפנט, אַ כאַפּ געטאָן, מיט די אַנגלען אַ קנאַק געטאָן און כאַפּנדיג, מיט דאַנק און מיט חשד שוין אין דער זייט אריין אָפּלויפן געוואָלט...

– וואַרט אויס, – האָב איך אים אַ געשריי געטאָן.

– וואס אַזוינס? – האָט ער מיך מיט אַ זייט שוין שטייענדיג געפרעגט.

– כ'האב דיך וואס צו פרעגן.

– וואַרט־זשע אויס...

און אוועקגעגאן איז דער פוקס אין אַ זייט און אין סטעפ אַריין פאַמעלאַך, ווי פאררוקט און פאַרשטעלט דאס געכאפטע פון מויל אויף דער ערד ארויסגעלאָזט, זיך איבער דעם איבערגעבויגן, אויף גיך און הונגעריג דאס אויף טיילן געטיילט, און געשלונגען געשלונגען, און אויף טיילן געטיילט. אָפגעגעסן, האט ער זיך שוין שטילער און באפרידיגטער צום וועג זיך אומגעקערט, צו זיין אָרט פון פריהער, און שוין באַרוהיגט, געזעצט און געזעטיגט מיר א זאָג געטאָן:

– און איצטער, גייער, פרעג.

– האסטו נישט געזעהן, האָסטו נישט באגעגנט דעם וואָלקן־מענש אין לויפן?

– ניין, גייער.

– אויך נישט געהערט פון אים?

– געהערט – יאָ.

– פון וועמען?

– פונם אָדלער. און ערשט היינט געזעהן: ער האט רויב געטראגן, האב ביי אים א ביסן געבעטן, האט ער מיך צו דיר אָפגעשיקט און זאגן געהייסן: דער וואלקן־מענש פרעגט זיך אויך נאָך.

– אויף וועמען?

– אויף דיר.

– און וואו וואוינט דער אָדלער?

– אין לאַנד פון בערג און פון שטיינער.

– א שיינעם דאַנק דיר, פוקס ליבער.

— גיי געזונט, גייער, — און מיר האבן זיך צעשיידט. דער פוקס איז זיך באלד אויף אונטער מיר אין סטעפ אוועקגעלאפן און איך מיר ארויף מיין וועג מיר געגאַנגען.

---

און איך בין אין אָדלער־לאַנד אָנגעקומען. אָנגעקומען, האב איך זיך צום אַלעם ערשטן אויף אַ הויכן פעלז אויפגעהויבן, ארויפגעקלעטערט און אַרום און ארום דאס אָרט און דאס לאנד דאָרט באַטראַכטן גענומען. ווילד און וויסט איז מיין אויסגעקליבענער הויכער און נאַקעטער פעלז־באַרג געשטאַנען, מיט קאָפּ אין וואָלקן און מיט פּי סאין אָפּגרונט אָנגעשפּאַרט. און מיט שפּיץ און מיט הויך, מיט אויג און מיט ראיה, האָט איבער אלע בערג אין דער גאַנצער געגנט דאָרט געהערשט. האב איך זיך אויף דעם באַרג אַן אָרט געמאכט און אויף אָדלער און זיין אָנקומען דארט וואַרטן גענומען. אַ טאג און צוויי — און דער אדלער איז נישט געקומען. אויפן דריטן טאג... הויך און אונטערן הימל־קליין בין איך אזוי דאן אין דעם בייטאָג אויף דעם פעלז געזעסן. טאגעדיג און ווייט האָב פון דער הויך אויף די ווייטע און אויף די האריזאָנט־ליגנדיגע בערג געקוקט, און אזוי און פון מיין פעלז דאָרט דאס בערגישע שווייגן און טאג־שווייגן פארנומען. ליכטיג און אויסגעלייטערט איז אין דעם בייטאג דארט געוועזן. איינס ביי אַנדערן און איינס נאכן אַנדערן זיינען ווייט און שורותווייז די הויכע בערג אין טאָג און אין ווייטקייט געשטאַנען, ווייט און באַלויכטן האבן איינס אויף אַנדערן און איינס איבער אַנדערן איבער קעפּ זיך געקוקט, און אזוי און שווייגנדיג, און אזוי און מנוחהדיג ווי נאָר מיט זיך און מיט די הויכן זייערע פאַרנומען, און פון הינטן און פון נידער, פון צופוסנס און טאָלן נישט געדאַכט און אויף זיי קיין אַכט נישט געגעבן.

און אָט, ווי איך בין מיר אזוי הויך און קליין אויף מיין פעלז געזעסן, אַזוי האב באַמערקט, ווי שטיל און מיט אַמאָל האָט זיך עפעס ווייט און אויף אלע בערג ארום אַ שאָטן איבערגעצויגן, אויפן ליכטיגן זיך אָנגערוקט און אויף געגנט און אויף גאָר דער געגנט די זון און די שיין פון זון פאַרטונקלט.

און אויפגעשטאַנען בין איך דאַן פון זיצן און פון באַרג פון הויכן, פריהער אויף פאר זיך, דערנאָך אויף הינטן און אויף די זייטן זיך אומגעדרייט, מיט די אויגן געזוכט און גאָרנישט ניט געפינענדיג, האָב איך עפעס מיט אַמאָל און אומגעריכט דעם קאָפּ אַרויף און צום הימל אויפגעהויבן און דערזעהן: —

הויך אין הימל און ביי דער זון פון אויבן איז אַ גרויסער און גוואַלטיגער אָדלער געפלויגן, אין מויל און אין פליהען האָט אַ גרויסע שניי־ווייסע און פוכיג־צעפּאַטעלטע גאַנז געטראָגן און אַזוי און פליהענדיג, פון הויך און אַראָפּ, פון דער זון און אַרויס, ביז ער איז לסוף אויף מיין פעלז געקומען און מיט רויב זיך אָפּגעשטעלט... דאָס ליכט האָט זיך אומ־געקערט: בערג און געגנט זיינען ווייטער און, ווי דער שטייגער, אין ליכט געקומען, שטיל און גרינג דעם ברוגז איבערגעקומען און בשלום און צוריק שוין אין טאָג און אין שיין פון טאָג געשטאַנען.

איז דער אָדלער אַ ווײַלע אַזוי אויף זיין אָרט עטעמענדיג און זיך נישט רירנדיג געבליבן, די רויב ביי די פיס געהאַלטן, פון הויך און פון פליהען אָפּגערוהט, מיט אויגן און מיט זיינעם זיין באַרג און אַרום דעם באַרג באַטראַכט, און לסוף, און מיך אויף אים שטיין באַמערקט, האָט ער אויף מיר די אויגן אָנגעשטעלט און מיט חידוש און שטרענגן אויף מיר קוקן גענומען:

— ווענמען דאַרפסטו דאָ?

— אויף וואָלקן־מענש פרעג איך.
— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?
— דער פוקס.
— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?
— דו האָסט אים אין פליהען באַגעגנט.
— יאָ, ער פרעגט זיך נאָך אויף דיר. און אויב איך וועל דיך זעהן, האָט ער מיר דיר זאָגן געהייסן: „דו וועסט אים נישט געפינען, ביז דו וועסט זיך מיטן מוילוואָרף נישט זעהן"...
— וואָס הייסט עס?
— ס'איז זיינע ווערטער.
— דער מוילוואָרף און דער וואָלקן־מענש?
— יאָ: הויך פליהט דער אָדלער און ווייט איז זיין ראיה, אויף רויב זיך צו אויסזעהן, און רויב איז פון הינטן... דער מוילוואָרף איז געשאלטן, דער מוילוואָרף האָט קיין אויגן, דאָך זעהט ווען אזעלעכס, וואָס קיינעם געוויזן: די הימלען פון טיפן, און איצטער גיי.
— און וואו וועל איך דעם מוילוואָרף געפינען.
— דאָ פון הינטן, — און דאָ האָט מיר דער אָדלער מיט אויג אויף באַרג און אויף אונטערבאַרג אָנגעוויזן.
האָב איך באַלד דאָס אויסהערנדיג צו מיין אָרט זיך איינגעבויגן, מיין האַק און פאַק מיר פאַרנומען, זיך מיטן אָדלער געזעגנט, שטיל און מיט אַ זייט פון אים און זיין קוק באַגלייט, אַזוי זיך פון זיין אויג אַרויסגערוקט, פון באַרג אַראָפּגעגאַן און אין דערנידער זיך אַראָפּגעלאָזט.

---

האָב איך זיך טאַקע ביי אָט דעם באַרג צופוסנס אן אָרט אויסגעזעהן, זיך דאָרט באַזעצט און אויף מוילוואָרף און אויף זיין ווייזן־זיך וואַרטן גענומען, בין איך אַ שטיק צייט דאָרטן

אזוי אין טאָלן אָפּגעוועןְ, צווישן בערג זיך ארומגעדרייט, צווישן פעלזן און שטיינער געקלעטערט, אין די שפּאַלטן געזוכט, אין די היילן זיך געגראָבן און אים נישט געפונען, ביז איינמאָל...

און געלעגן בין איך אַ פאַרנאַכט דעמאָלט ביי מיין באַרג צופוסנס — פאַרנאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, מיט איין האַנט אונטערן קאָפּ אָנגעשפּאַרט, מיט דער צווייטער דאָס ווילדע און האַרטע גראָז נעבן זיך געקאַליפעט, אַזוי־זיך און סתם־זיך, און די גאַנצע צייט, און בשעת מעשה, אויף דער ערד, וואָס ביי מיין געלעגער, געקוקט. שטיל איז דאַן צווישן מיין באַרג און צווישן די שכנים־בערג געווען, שטילקייט און רוה האָט שוין צווישן די הויכע, שטיינערנע און טויבע וועַנט דאָרט גערוהט, שטיל און דאָרטיג האָבן שוין אויף די בערג־קעפּ די לעצטע זונענשטראַלן געצאנקען, און רוהיג און איבער־רוהיג איז אין די טאָלן שוין די נאַכט אַריינגעגאַנגען. בין איך מיר אַזוי אויף מיין אָרט געלעגן, טונקעלער און טונקעלער איז אַלע מאָל אַלץ מער און מער דאָס ליכט דאָרט געוואָרן, טויבער און קלינגענדיגער זיינען זיך דאַן שטיל די בערג אין פאַרנאַכט צונויפגעגאַן, און אָהן קול און אָהן ווידערקול, אָהן קלאַנג און אָהן אָפּקלאַנג איז דער טאָג דאָרט אויסגעגאַן.

און באַמערקט האָב איך, אַזוי דאָרט ליגנדיג, ווי שטיל און טונקל, פּאַמעלאַך און נישט זיכער האט זיך נעבן מיר עפּעס אַן ערד־בערגל הויבן גענומען, אויפגעהויבן און אָפּגערוהט, אָפּגערוהט און אויפגעהאַלטן, ווייטער זיך געהויבן און מיט גרינגער ערד און מ'ט ווייכער ערד אין די זייטן זיך שיטן גענומען, אָפּגעשאָטן, האָט זיך פון שפּיץ פון בערגל אַ קעפּל זיך אַרויסגעשטעקט, פּאַמעלאַך מ'ט נעזלעכער אין דער לופט אָנגעשמעקט, בלינד און זוכנדיג, ווי אַרומקוקן זיך גענומען, און

באַלד דערנאָך שוין אינגאַנצן מיטן קערפּערל פון בערגל אַרויסגעגאַן. דאָס איז דער מוילוואָרף געווען.

איז דער מוילוואָרף אַזוי אַ פּאָר מינוט אויפן בערגל געשטאַנען, בלינד און אַנגעשמעקט און אין די זייטן געזוכט, און לסוף, — און אויסגעדרייט האָט ער זיך דערנאָך מיט אַמאָל צום אָרט צו מיינעם, מיט קעפּל שוין צו מיר געקערעוועט און גלייך — און אָהן שום — מיך אַזוי אַ פרעג געטאָן: —

— גייער, אויפן וואָלקן־מענש פרעגסטו?

— יאָ, — האָב איך אים, באַלד זיך אויפהויבנדיג, געענפערט

— דער וואָלקן־מענש פרעגט זיך אויך נאָך.

— און וואו געזעהן האָסטו אים?

— אין הימלען.

— דו?

— יאָ, כ׳האָב אויסגעבעטן.

— נו?

— האָב איך אמאל אין דער ערד גראָבנדיג, זיך צו אַ שטיין־קוואַל צוגעשלאָגן. פאַררינגלט און האַרט איז דער שטיין אויפן קוואַל געלעגן און מיך נישט צוגעלאָזט און פון ווייטער־גראָבן מיך פאַרהאַלטן. האָב איך צום גייסט פון קוואַל אָנגעקלאַפּט: „גייסט פון קוואַל, גייסט פון קוואַל, עפן מיר״...

— כ׳קען נישט, — האָט ער מיר אַרויסגעענפערט.

— „פאַרוואָס?״, — האָב איך ביי אים געפרעגט. — ווייל אין קוואַל זיינען הימלען און הימלען פאַר אויגן, כ׳קען נישט...

האָב איך זיך צעוויינט און לאַנג געוויינט, און דאָס וואָרט האָב זיך געגעבן: איך טרעט נישט אָפּ פון דאָרטן, איך וועל אים קיין רוה נישט געבן, איך וועל קלאַפּן און קלאַפּן, ביז מיין טויט וועט זיין... האָט מען אויף מיר רחמנות געקראָגן, דעם שטיין אָפּגערוקט, מיר אויגן געשפּאָלטן און וואונדער און איבער־וואונדער אין קוואַל מיר געוויזן... און געזעהן האָב

איך, ווי קלאר און טיף איז אין קוואַל אַ גרויסער, רײנער, ליכטיגער און בלויער הימל געלעגן, אײנציגווײז, אײנציגווײז זײנען ווײסע און פוכיגע און קלאר־געבעטע וואלקנדלאך פון האָריזאָנט אָנגעקומען און אויף אײנעם פון זײ איז מיט אַ ליכטיג לאכנדיג הימל־פּנים דער וואלקן־מענש אויף א ברעג געזעסן; געזעסן, די פיס אַראָפּגעלאָזט און מיט גרויסע און שטראלנדיגע אויגן ווײט פון הינטן און ארומגעקוקט, און עפּעס געזוכט און אויסגעזעהן, פלוצים... און דערזעהן האט מיך דער וואָלקן־מענש הינטן אין ברונען קוקנדיג, האט ער זיך איבער וואָלקן אריבערגעבויגן, אַרײנגעקוקט און הימל־לאַכנדיג מיר אַרײנגעשריגן: — מוילווארף, איך טראכט פון דיר! אַ דאַנק פון אונז, דו גראָבסט פאַר אונז, דערגראָבן ווערסט, דערלאנגען ווערסט די טיפסטע פון די טיפן... און הער מיך אויס: עס קומט צו דיר אין צײט אַרום דער גײער אויף מיר פרעגן, זאָלסט זאָגן אים: איך ווארט אויף אים און זוך אים אויף די וועגן... און הער מיך אויס: און לערן אים, דערצײל אים פון די טיפן, וואָס יאָרן־לאנג, וואס גראבן זיך, האָסט גראבנדיג געפונען... אָט דאס אינגאנצן.

— נו?

— און איצט גײער, גײ, דרײ זאַכן זאלסטו זוכן, דרײ זאַכן ווערסט געפינען, בײ דער דריטער זאַך וועט דיך דער וואָלקן־מענש רופן, און געדענק: כסדר דעם קאָפּ נאר אראָפּהאלטן, און מיט אויגן אויף דער ערד קוקן...

אָפּגעזאָגט, האט זיך דער מוילווארף מיט קעפּל צו בערגל און צו מויל פון בערגל זיך אויסגעדרײט, אַ ווײלע נאך מיט די נעזלעכער אין דער לופט געשמעקט, דערנאך דאס קעפּל אין בערגל ארײנגעשטעקט, אראָפּ און נישט געבליבן.

האב איך נאך אויף יענעם ארט, אין יענער נאכט, בײם צופוסנס פון בארג גענעכטיגט, און מיטן טאָג און מיט ליכטיג

ווערן בין איך פון מוילווארף־און־אָדלער־לאנד ארויסגעגאַן, איבער בערג אריבער און ווייטער אויף ערדן און אויף וועגן, אויך וועלט און אויף וואַנדערן זיך גיין געלאזט.

---

בין איך געגאנגען און געגאנגען — א טאָג און צוויי, אַ וואך און אַ וואָך, אַ חודש און מער, די גאַנצע צייט דעם קאָפּ אראפּ צו דער ערד געהאלטן, אין די זייטן זיך נישט אומגעקוקט, פאר די פיס און פאר די טריט נאר געזעהן, געקוקט און געזוכט און גאָרנישט ניט געפונען, ביז איינמאל...

און געווען איז דאַן אַ בלאַסער און פארחלשטער לבנה־אָוונט, הויך, בלאס און צוגעשלאגן האט אין הימל נישט קיין פולע לבנה געשיינט, אין האלבער שיין און אין אָפּגעצערטער איז פאַר לבנה אַ ווייטער, ווילדער און אָוונטיגער סטעפּ געלעגן און זיין ערד און ווייטקייט און זיין ווילדע ווייטקייט האט א ווייסער, קוים־אָנגעזעהענער חלשות־נעפּל פאַרצויגן.

בין איך מיר דאַן אַזוי אין אָוונט אין סטעפּ געגאַנגען; איינער אַליין, די גאַנצע צייט זיך אין דער מיט געהאַלטן, דעם סטעפּ אין דער ברייט, ווי אויף דער העלפט געטיילט, אַזוי אַ שעה און צוויי, פון אָנהויב אָוונט און שפעטערן, פון שפעטערן אין טיפערן, ביז איך בין אין האַלבער נאַכט געקומען, און דאַן — האָב איך פלוצים און אומגעריכט אויף מיין וועג אין אַ ווייסן אַלטן שאַרבן זיך אָנגעשלאָגן.

געלעגן איז זיך דער שאַרבן אויף לבנה־שיין און אויף ערד אין מיטן, מיט די אויגן צו דער ערד און מיט האַלז־און־אַקן צום הימל אויסגעדרייט, ווי מבויש און פאַרשעמט, אָהן הענט און אָהן מעגליכקייט אויף עמיצנס קומען און דורכגיין געוואַרט, געלעגן און זיך אויסגעוואַרט. בין איך פאַמעלאַך צום שאַרבן און צו זיין ליגן צוגעגאַן, אַ ווײלע איבער אים אין סטעפּ און אונטער לבנה געשטאַנען, זיין ליגן

און אומבאַהאָלפנקייט באַטראַכט, דערנאָך אים אויפגעהויבן, פון שטויב און פון ערד אים אָפּגעטרייסלט, און אין שיין און פּאַר לבנה אין דער האַנט אים אַקעגן די אויגן זיך אַוועקגעשטעלט. געקוקט אויף אים און געקוקט, דערנאָך זיך צו אים מיט אַ פראַגע געווענדט:

— שאַרבן, ווער ביזטו?

— דער געשטראָפטער, — האָט ער מיר געענפערט.

— און מיט וואָס האָסטו געזינדיגט, שאַרבן?

— מיט אַרויפקוקן.

— האָט מען דיך געשטראָפט?

— מיט די אויגן אַראָפּליגן.

— און ווער ביזטו אין לעבן געווען?

— אַ שטערנזעהער.

— נו?

— האָב איך זיך פון וועלט און פון מענשן אַרויסגענומען, בין איך אַוועקגעגאַן, שטעט און ישוב פאַרלאָזט, האב איך אין פוסטע סטעפּן און מדבריות געוואַנדערט, נעכט און שפּעטע נעכט אויף די בערג געקלעטערט, צייט און מדבר־נעכט אין די הימלען געקוקט און יאָרן־לאַנג דאָרט מיין שטערן געזוכט...

— נו?

— און איין מאָל נאָך יאָרן־קוקן, נאָך יאָרן זוכן, ווען כ׳בין שוין אַלט און אָפּגעלעבט געווען, כח און ראיה אָנגעוואוירן, און וועלט און לעבן זיינען מיר שוין אונטער די פּלייצעס געשטאַנען, האָב איך איינמאָל אין אַ ביינאַכט ווייט אין הימל דערזעהן: קליין און בלאַס, נישטיג און קוים מיטן אויג צו זעהן, האט אין הימל אַ ווייט און פיצל שטערנדל געפינקלט... נאר אין דער רגע, ווי איך האב נאר דאס שטערנדל אין הימל באַמערקט, אַזוי האט זיך מיר עפּעס אַ האַנט אויפן אַקסל ארויפגעלייגט און מיך אַ רוף געטאָן...

האָב איך זיך אויסגעדרייט און דעם טויט דערזעהן: „מען רופט דיך, שטערנזעהער"... — מיך?! — האָב איך זיך פאַרוואונדערט. „דיך!" — האָט דער טויט געענפערט. — כ'האָב זיך דאָך ערשט מיין שטערנדל דערזעהן? — "ס'אַ טעות: דער שטערן איז ניט דיינער". — און מיינער? — "אָט וואו!" — און דער טויט האָט אַ ווייסן, לאַנגן און ביינעריגן פינגער גלייך ארויף, איבער מיר און איבער מיין קאָפּ אויפגעהויבן און גלייך אויבן מיר אין הימל אויף א ליכטיגן, שיינענדיגן און לעבעדיגן שטערן אנגעוויזן: אָט איז ער!... — נאָכגעקוקט האָב דעם טויט און נאָך זיין פינגער אויפן שטערן דאָרטן, זיך איינגעקוקט און דערזעהן: אמת... נאָר אין דער רגע האָט זיך דער שטערן פון זיין אָרט אָפּגעטיילט, אַ גיי געטאָן און שטיל און לאַנג אַ ווייסן און לאַנגן פּאַס נאָך זיך געלאָזן — און איך בין מיטן פּנים אַראָפּגעפאַלן און צו קבורה נישט געקומען.

— און ווייטער?

— אין אַ צייט אַרום האָט דער מוילוואָרף ביי מיר אין שאַרבן זיך אַן אָרט געמאַכט, זיך באַזעצט און אַ שטיק־צייט דאָרט אָפּגעוועזן. פאַרן אַוועקגיין און מיך איבערלאָזן, האָט מיר דער מוילוואָרף אַזוי געזאָגט: שאַרבן, זעה, דעם ערשטן, וואָס וועט דיך פון דער ערד אויפהויבן, זאָלסטו די זאַך דערציילן.

— נו?

— האָב איך דיר דערציילט.

— און וואָס לערנט מיך דאָ דער שאַרבן?

— אַז קורץ זיינען יאָרן, דער שכל קומט נאָך זיי.

— איז וואָס?

— איז לעבן אַ חשבון: ווער פריהער נישט באַרעכנט, דער לעבט אָפּ אין טעות, דערום היט זיך פון טעות...

– ווי אזוי?

– פאררייס נישט. נישט דעם קאָפּ און נישט די אויגן. קוק אַראָפּ און זוך דאָס איי.

– וואָס איז דאָס?

– דער סוד פון אַלעס און דער אָנהויב פון אַלעס.

– און וואו געפינט מען עס?

– אויף אַלע וועגן.

– און מיט וואָס דאַנקט מען דיר, שאַרבן?

– נעם מיך מיט און אויפן אָרט, וואו דו וועסט דאָס איי געפינען, זאָלסטו מיך צו קבורה ברענגען.

– כ'זאָג צו.

---

האָב איך פון דעמאָלט אָן דעם שאַרבן אין דער טאָרבע אויף וועג און אויף פלייצעס געטראָגן, מיט אים געגאַנגען און געגאַנגען, ווייטער די אויגן צו דער ערד געהאַלטן, נאָר אויף וועג אַראָפּגעקוקט, און אַזוי, און קוקנדיג, די גאַנצע צייט נאָר פון שאַרבנס ווערטער געטראַכט. בין איך אמאל אין אַ פאַרטאָג ווידער אין אַ וואַלד אריין אָנגעקומען.

אין דרויסן איז דאַן זומער־לעב געווען. ריין און מיט פריהמאָרגן האָט זיך דאָס ווייטע פעלד, דאָס באַגראָזטע, פאַרן וואַלד מיט טוי און מיט טאָג־טוי געדרויכערט, פאַרטויעט, און אין פאַרטאָג זיינען די בוימער און די קוסטעס פאַרטאָן און אָנגעטאָן געוועזן, און זומערדיג אין שלאָף, אין וואַלד און אין פריהמאָרגן אויף זון און אויפגיין געוואַרט. שטיל איז דאַן אין וואַלד נאָך געווען. גלייך און נישט גערירט זיינען נאָך די בוימער אין דרימל און אינם פאַרן אויפשטיין געשטאַנען, שטיל און פאַרטאָגיג זיינען די סטעזשקעס ווייס און אין טונקל־וואַלד פאַרגאַנגען, און נידעריג און קליין, געדיכט און פינסטערלאַך האָבן נאָך די קוסטעס מיט די נעסטן גערוהט.

און פלוצים... האָט זיך דאַן פון וואַלד עפּעס אַ שפּיל דער־הערט, פון דער טיף און פאַר וואַלד, פון ווייט און פון ערגעץ – אַ שפּיל אַן אָנזאָג, אַ שפּיל אַן אויסרוף, פאַר אַלע און פאַר אויפשטיין און פאַר אַלדעם פאַרטאָגן. דאָס האָט זיך שוין אַן ערשטער, רויטער און וואַרעמער זון־שטראַל באַוויזן.

בין איך מיר דאַן אין וואַלד געגאַן, שטיל און באַרוועס זיך אויף אַ סטעזשקע געטראָטן, רוהיג און אַזוי אין וואַלד און אין די זייטן אַריינגעקוקט, און אַלע מאָל אַלץ מער און מער שוין אין טיפערן און אין ליכטיגערן געקומען: די זון שוין אויפגעגאַן.

בין איך צו אַן אָרט מיר צוגעגאַן, זיך מיט טאָרבע אויף דער ערד און אויף גראָזן אַראָפּגעלאָזט, זיך אַנידערגעלייגט, זיך אויף אַ זייט אויסגעדרייט, אַ האַנט אונטערן באַק מיר אונטערגעשפּאַרט און אַזוי און אין פריהמאָרגן, נאָך גיין און נאָך מידן גיין, אויף טאָג און אויף גאַנצן אויף יענעם אָרט דאָרט אַנשלאָפן געוואָרן.

דער טאָג איז אויפגעגאַן. וואַלד און בוימער זיינען שוין אין ליכט געשטאַנען, צווייגן און קוסטעס האָבן זיך שוין פון נאַכט אויסגעטאָן, נעסטן און פויגל האָבן די מוטערס נאָך שפּייז אַרויסגעשיקט – און איך בין געשלאָפן.

ס׳איז האַלבער טאָג געקומען. ערד און סטעזשקע זיינען אין זון געלעגן, וואַלד און בוימער זיינען נישט גערירט געשטאַנען, פייגעלאַך האָבן זיך שוין אין די בוימער געיאָגט – האָב איך זיך אויף דער אַנדערער זייט אויסגעדרייט.

און, אַז דער בייטאָג איז אַוועקגעגאַנגען, אַז די זון איז שוין נעבן מערב געווען, שאָטנס, און שטילע שאָטנס, האָבן זיך שוין פון מזרח אין וואַלד אַריינגערוקט, און ערד און גראָזן האָבן זיי אין דער שטיל באַטראַכטן גענומען, האָב איך זיך דאַן שוין רירן גענומען, פּאַמעלאַך איבערים און גלידער

אויסציהען, זיך אויסגלייכן און מיטאַמאָל און פריש און אָפּ־געדוהט די אויגן געעפנט.

דאָס האָט מיך אַ קוקו אויפגעוועקט.

אין וואַלד איז דאַן שטיל און פאַרנאכט געווען. רוהיג און ווי אָהן חיות, שטיל און אויסגעלאָשן זיינען שוין די לעצטע זונען־פלעקן אויף דער ערד געלעגן, מאַט און אָפּ־הענטיג איז דער טאָג נאָך אין וואלד געשטאַנען, און שוואך און נאָכגעגעבן, שטיל און זיך אונטערגעגעבן, ווי אויף זיך און אַרומיגן געקוקט. און אָט, און אין דער שטילקייט, האָב איך פלוצים ערגעץ פון דער טיף און פון בוימער, פון וואַלד און פון זיין באַהעלטעניש א קוקו דערהערט. דאס האָט ערגעץ אויף א וואַסער, איבער אַ וואַלד־וואַסער אין בין־השמשות אין דער שטיל, אין ווייטקייטן און אין שטילשווייגן די קוקו מיט איר קול זיך צעלאָזט: „קוקו־קוקו״ ... געהערט און אָפּגעהילכט האָט זיך דער קוקוס וואסער־ציילן אין וואלד פון ווייטן, דורך דער לופט און דורך וואלד, דורך פארנאכט און דורך בוימער — טרויעריג און לאנג, אומעטיג און מיט אָפּשטעל, — אָפּגעציילט און אויפגעהערט, אנשוויגן געוואָרן און ווייטער אָנגעהויבן, אזוי איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל... און שטיל איז ווייטער געווארן, שטיל אין לופט און אין שווייגן, שטיל די בוימער מיט שטאַמען, קיין טריט אויף די גראזן, קיין שאָרך פון קיין צווייגן און קיין פליגל־פאָך פון אויבן און אין לופטן. און פלוצים... און שטיל און אויף גיך, מיטאמאָל, און ווי בגנבה, האט איבער וואלד עפעס א פליה געטאָן, און שטיל און באהאלטן אויף א בוים און אין בלעטער איז עפעס א פויגל אריין.

דאָס איז די קוקו פון ווייט אין וואלד אריינגעפלויגן און שטיל נעבן מיר אויף א בוים זיך געשטעלט. געשאָרכט און געפּאָרפלט האָט זי זיך א פּאָר מינוט נאך אין די בלעטער

דאָרטן, אן אָרט צווישן די צווייגן זיך געפונען, שטיל גע־בליבן און אנשוויגן געוואָרן. א ווײַלע און צוויי — און די קוקו האָט דאן דאס קעפל פון די צווייגן ארויסגעשטעקט און שטיל און גלייך זיך מיט מיר מיט די אויגן באגעגנט. און אָנגערופן האָט זיך, נאָך לאנגן שווייגן און מיט מיר זיך איבערקוקן, די קוקו, און מיר אזוי געזאָגט:

— גייער, איך האָב געהערט, מען האָט מיר דערציילט, דו האסט זיך צום בארג געלאזט, דו גייסט שוין לאנג, דו זוכסט שוין לאַנג, און פיל האט דיך געטראפן — האב איך געווארט, מען האט מיר געזאגט, דו קומסט אין אונזער גע־גנט, איך קוק שוין לאנג, איך קוק ארויס אויף דיר און דיין וואוילקומען: איך האַב דיך וואס צו בעטן.

— און וואס אַזוינס, קוקו?

— הער מיך אויס, — און די קוקו האט אנגעהויבן: —

א צייט דערפריהער, אין פריהלינג נאך פון היינטיגס יאר אין פריהען, געיאגט נאך מיר א „ער" האט זיך און ליבע מיך געבעטן. געיאגט האט ער, געשפירט האט מיך אויף אלע מיינע ערטער — קיין רוה געלאזט, קיין אטעם פריי האט קיינמאל מיר געגעבן. האב איך אַמאל אין א פארנאכט די געגנט דא פארלאזן, און שטיל און גיך, מיט שרעק און פורכט, מיט גנבה־פורכט, אוועק־אוועק געפלויגן, געפלויגן בין דאַן לאַנד און] לאנג, כ׳האב נישט געוואוסט וואוהין און וויפיל — צי טאג מיט נאַכט, צי צוויי מיט נעכט, ביז איינמאַל בין געקומען: אין ווייטן דאַרט, א ווילדן וואַלד, אויף ערשטן בוים געשטעלט זיך ··· געשטאַנען בין א צייט אזוי מיט אויגן צוגעמאַכטע, און אָפגערוהט פון ווייטן וועג, פון ווייטן וועג, פון פליהען — און מיד אזוי געשאַקלט זיך, געשאקלט, און ס׳איז געווען, ווען אָפגערוהט די אויגן האב געעפנט, האַב איך דערזעהן: דער „ער" ביי מיר אויף זעלבער

צווייג, ער שטייט דארט אויך און עטעמט אַויך פון פליהען. אין רגע דער האב נאך דערזעהן אין ווּאלד אויף ערד פון הינטן – אַן אלטינקע, אַן אלטינקע, א באַבעטשקע מיט שפע־נער ··· דערזעהן האט מיך די אלטע אַויך אַון באלד אזוי געזאגט מיר: „דו, קוקו, הער: דער „ער” האט ווערט, ער ליבט אזוי די קוקו, טאָ גיב זיך אים, ר'איז דיר באַשערט אויף לעבן־לאנג און ליבע. און זעה און הער: און קער זיך אום מיט איי, מיט פרוכט פון ליבע, צוריק אַהין, אין געגנט דארט, פון וואנען ביזט געקומען. און קער זיך אום: אין צייט ארום וועט דורכגיין דארט א גייער, דערצייל עס אַים און גיב עס אים, דאס אייעלע פון ליבע ··· דו זאג אים דאן אין נאמען מיין, אין נאמען אויך פון אלטן, ר'זאל היטן עס, ר'זאל טראגן עס, ביז וואנען מען וועט דארפן”.

– אַט דאָס אינגאנצן.

– און וואו אַיז דאַס אייעלע, קוקו?

– גיב אַ קוק.

און אַויפגעהויבן אַון אויפגעזעצט האב זיך אויף מיין ארט און פון געלעגער דעמאלט, אַויפן ארט, וואו קוקו האט מיר אנגעוויזן, זיך מיט פנים געקערעוועט און דערזעהן: שטיל און קליין איז אין א זייט ביי מיר, און ביי מיין צוקאפנס דארט, אין גראז און אין טונקלקייט א ווייס און זויבער אייעלע געלעגן, נישט געשיצט און פארלאזן, אליין און אהן השגחה, און שטיל און שווייגנדיג זיך ווי אין א נעסט געבעטן – אויף פעדערלאך און אויסגעבעטעט און א שטילע פארטראכטע נעסט־מאמע מיט פליגעלאך אויף איבער־בעט. האב איך דאס אייעלע אין דער האנט אריין גענומען, מיט זיין גלאטקייט און זויבערקייט זיך געשפילט, אויף דעם געקוקט, דערנאך זיך צו קוקו געקערעוועט און ביי איר א פרעג געטאָן: –

– און פֿאַרוואָס זיצסטו עס קוקו אַליין נישט אויס?
– קוקו איז געשאָלטן – האָט זי מיר געענפֿערט.
– מיט וואָס?
– אירע קינדער זאָלן פֿון פֿרעמדע אַויסגעזעסן ווערן.
– פֿאַרוואָס איז?
– קוקו האָט קיין נעסט נישט.
– וואס־זשע לערנט זיך דערפֿון גייער?
– אַז וואויל אַיז די נעסט־פֿויגל.
– פֿאַרוואָס?
– ווייל הייליג די קינדער, נאָר הייליגער מוטערס: אַ סוד איז דאָס האָבן, דאַס טראגן – סוד־סודות: דער ווינט האט געטראגן, דער ווינט וועט געבוירן.
– איז וואס דערפֿון?
– אַיז היט דאָס אייעלע.
– זיי זיכער, קוקו.
– אַדאַנק, גייער.

האט זיך באַלד צווישן בוים און בלעטער ווידער אַ שאָרכן דערהערט, די קוקו האט מיט די פֿליגל אַ מאַך געטאָן, און שטיל און גיך, נישט באַמערקט און פֿינסטערלאַך אין וואלד פֿארשוואונדן געוואָרן.

און אויפֿגעשטאנען בין איך דאן פֿון מיין געלעגער דארטן, די טארבע פֿון דער ערד אויפֿגעפּעֿנט, פֿון איר דעם שאַרבן אַרויסגענומען און שטיל און אין וואלד, פֿארנאַכט און אויף זעלבן אָרט אַ קבר אויסגעגראָבן, פֿארגראָבן, האב דאס אייעלע דאַן אין האַנט ארייגענומען, צוריק אויף מיין אינדערפֿריהעדיגער סטעזשקע געקומען און אזוי, און אין דער נאכט נאָך, אין וועג זיך אַוועקגעלאָזט.

בין איך אמאָל אין אַ בייטאָג אין אַן אָרט אריינגעקומען.
ווילד און אפגעזונדערט איז פאר מיר א גרויסע און ווייטע סטעפּ־שטרעקע געלעגן. אנגעכמורעט און אומהיימליך האבן אויף זיין מיט פון ווייטן זיינע ווייטקייטן געקוקט, און וויסט און עלנד האט זיך אויף אַ זייט, וואס אקעגן מיר, עפּעס א בארג ארויסגעזעהן.

שטיל און דארטיג איז דער האלבער, פוסטער און מרה־שחורהדיגער טאָג אין סטעפּ דאן געשטאנען, גלייכגילטיג און אפגעלאזן זיינען פאַר אים די הימלען און ערדן געלעגן, נישט ווארטנדיג און אויף גארנישט ניט ארויסקוקנדיג, נאָר סתם־זיך און גלאט־זיך האבן אין זיינע פוסטקייטן געקוקט און ווי נישט פון סטעפּ אליין און פון קיין זייט זיינער אויף קיינעמס אנקומען און קיינעמס פנים־חדשות נישט געוואַרט.

און איינגעקוקט האב זיך אין בארג, וואס איז אויפן האריזאָנט אין מיין אקעגן־זייט געשטאנען, און געדאכט האט זיך מיר, אז אויסגעצויגן און הויך, לאנג און ווייט איז אויף זיין שפּיץ עפּעס א מענש דאָרט געשטאנען, לאנג און איבער דער סטעפּ־שטרעקע אהער און צו מיין שטיין דא געקוקט, געקוקט און פון ארט זיך נישט גערירט. און אויסגעווארט האבן מיר זיך אזוי, איך פון דער זייט און יענער פון זיינער, און שטיל און אהן ווערטער און ווייט אזוי צווישן זיך, ווי צו א באשלוס געקומען: אפּטיילן זאל איך זיך פון אָרט מיינעם, דעם סטעפּ און זיין שוועל אריבערטרעטן און אהין צום בארג און צו זיין ארט דארט קומען: ער ווארט אויף מיר, און שטייט אזוי, און שטיין וועט און ווארטן...

האב איך זיך באלד און נאך א קליינעם ישוב נאר פון האריזאנט ארויסגערוקט, די אויגן אויפגעהויבן און אזוי, און שוין אויף דער ערד נישט געקוקט, צו בארג און זיין ריכטונג איבער סטעפּ זיך געלאזט.

און אט, ווי איך בין אין דער נאהענט צום בארג צו־געגאן, אזוי האב דערזעהען, ווי הויך און אויף זיין סאמע הויכקייט איז א לאנגער און משונהדיגער שטיין־באק גע־שטאנען און אויסגעצויגן און גולמיש מיטן פנים אין סטעפ ארויסגעקוקט.

שטיל איז דאַן אין סטעפ געווען. אומעטיג און פוסט, ווי אָהן אַ ציל און א האָפענונג איז פאר אים זיין גרויסע און ווייטע ערד געלעגן, וויסט און צוגעשלאגן האָבן זיינע ווייטע און פאררוקטע האָריזאָנטן־עקן אויסגעזעהן און הויך און לאַנג, רוהיג און באָקיש האָט ווייט און אויף דעם אַלעם דער לאַנגער, טעמפער און נאַרעשער גולם געקוקט.

און געקערעוועט האָב איך זיך צום שטיין־באָק און ביי אים אַזוי געפרעגט:

— גולם, גולם, אויף וואָס וואַרסטו, גולם?

— אויפן גייער — האָט ער מיר געענפערט.

— און ווער האָט דיר געזאָגט פון גייער?

— דער אלטער.

— און וואס דאַרף ער דאָ טאָן?

— ער דאַרף אַן אייעלע געבן און אַ כתב דאָ נעמען.

— פאַר וועמען דאס אייעלע?

— פאַר מיין נעסט.

— ביזט דאך טויט־באָק, גולם?

— אויסווייניג.

— און אינעווייניג?

— לעב איך.

— האָב איך עס געבראַכט.

— גיי־זשע פון הינטן.

האָב איך זיך פון באָק און פון שטיין פאר אים פון פאָרנט אָפגעקערעוועט, אים אַרומגעגאַן, אויף זיין רוקן־זייט

זיך אויסגעדרייט און אזוי און אים ארומרינגל׳ענדיג אים פון יענער זייט געקומען.

און ארויפגעקלעטערט האב אויף דער מצבה זיינער, אויף דער הויכער, הויך אין רוקן, אונטער זיין האלז־און־אַקן אין זיין נעסט אַריינגעקוקט און באלד און פון אויבן, אין טונקלקייט און נאהענט ביים אריינגיין דאס כתב דערזעהן, ארויסגענומען, האָב איך באלד ביי דער ליכט און אויף דער גלאַטער זייט אט די ווערטער איבערגעלייענט: — „דאָס אייעלע אין נעסט אַריינלייגן, דאס כתב נישט צונעמען, אַוועקגיין און אויפן וועג לייענען”... און נאך אַמאָל האב איך זיך צו דער נעסט צוגעבויגן, אריינגעקוקט, און דאַן פון הינטן, טיף און אויף דעם באָדן־שטיין אַ נעסט דערזעהן: קיילעכדיג און אויסגעפלאכטן, מוטערלאַך און אויס־געבעט, מיט פעדערלאך און איבערגעבעט איז די נעסט דארט אויפן באָדן געלעגן און שטיל און שווייגנדיג שוין אויף אייעלע געווארט. און איך האב עס אַריינגעלייגט: געהיט און פארזיכטיג אויפן געהעריגן אָרט אויף ווייכן, אריינגעלייגט, האָב איך פאַרן אָפגיין נאך אמאָל צו דעם אריינגעקוקט און אזוי און אויף יענעם אָרט דאס געפינענדיג, האב זיך מיט דעם געזעגנט, דעם אריינגעזאגט:

— אַ גוטן תּמיד, אייעלע. און איך בין אָפגעגאַן.

---

און אויפגעעפנט האב דאס כתב באלד אין וועג מיר אין אָנהויב, דאס צעוויקלט, אריינגעקוקט און, קוקנדיג און גייענ־דיג, אין דעם אזוי געלייענט: —

— „דער גייער אונז — ער שטייט אונז נישט, ער גייט שוין לאַנג און וועט ערשט גיין, א סך געזעהן און בייגעוועזן, ער וועט ערשט זעהן... מיר ווארטן אים, געטרויען אים און

כסדר אויף אים קוקן — אין ווייטן דאָרט, אין וועגן דאָרט, אויף טאָרבע און אויף רוקן. נישט מיינען נאָר דער גייער זאָל, מיר קוקן אָבער רוהען, — אויף הויכע בערג, אין היי־לען טיף, מיר מיהען זיך און טוען. פאַר אים, פאַר אים מיר ציילן טריט און מעסטן אים די וועגן — און שפרייטן אויס געבעט פאַר אים און תפלות פאַר אים לעגן. מיר ווארטן דאָרט אַן עדה־גרויס אויף ערטער און באַהאַלטן — בראש פון אונז צו לערנען אונז די ליבע מיטן אַלטן. און אַלטער זאָגט: נישט טראכטן זאל דער גייער זיך אין גייען, ער איז פארלאָזט אויף וועג אַליין, פון אַלעם און פארזעהן... ער איז געפרובט געווען ביזהער און ווייטער נאָך מען פרובט אים — און הערן זאל אַ קול פון ווייט, מען רופט אויך איצט, מען רופט אים״... און אָט, ווי נאָר כ׳האָב אט דאָס כתב לייענענדיג געענדיגט, אזוי האט זיך מיר געדאַכט, ווי פון ווייט, פון הינטער מיר און ווי פון אַ הויך אראָפּ האט מיך עפּעס אַ קול גערופן: „גייער, גייער״. און, אַז איך האב זיך צום קול און ווי צום וואָלקן־מענש אויסגעדרייט, האָב די אויגן געעפנט און גאָר דערזעהן: שטיל און אין האלבער נאכט בין ביי דער באבע נאָך אין וואַלד־שטיבעלע אויפן באַנק־בעטל געלעגען, צוגעשלאגן און נאַכטיש האט דאס קאַניצל דאס שטיבעלע באלויכטן, און אין וואלד האט נאך געדרייט, ווינט און אומרוהה האבן אין קוימען און אונטער מיר אין פענסטער געברומט, און די באבע איז איבער מיין געלעגער געשטאַנען, די הענט אויף דער ברוסט פאַרלייגט און פאַר־טראַכט אזוי, און אזוי און שטייענדיג אויף מיר מיטן קאָפּ געשאָקלט, געשאָקלט און מיך באַדויערט: „אַזוי יונג, אַזוי יונג, און שוין אין גייערס געגאַנגען״. —

---

# ש ד י ם.

— שד׳ ביזט שוין אַלט.

— יאָ׳ שדעלע׳ אמת.

דאָס זיינען צוויי שדים ערגעץ אין אַ ביינאַכט אין אַ ווילדן וואַלד און אין אַ פינסטערער הייל געלעגן׳ אין וואַלד איז אַ רעגן און א חושך געווען׳ זיינען זיי זיך צו־געטוליעט און איינס נעבן אַנדערן געלעגן׳ דער יינגערער האָט ביים עלטערן די הענט אין דער פעל געהאַלטן׳ פּאַמע־לאַך און גרינג איבער די האָר אים געגלעט׳ געגלעט און געשאַרעוועט צווישן׳ און לסוף צו דער הוילער און טרוקענער הויט זיך דערקלויבן׳ זי אָנגעטאַפּט און אים די בשורה אָנגעזאָגט: —

— ביזט דאָך שוין אַלט׳ שד׳

— יאָ׳ שדעלע׳ אמת.

— וואָס־זשע וועט זיין?

— וועט מען מיר די הויט אָפּשינדן און פון איר אַ פייקל מאַכען.

— און ביז דער הויט?

— וועט מען מיך אין אַ ווינקל פאַררוקן׳ צו אַ מכשפה׳ צי צו אַ מכשף און אונטער אַ פריפעטשיק ערגעץ׳ וועלן צו מיר יונגע לצים און לצימלאַך קומען׳ אויף מיין צייט און עלטער מיך פרעגן און ביי מיר מעשיות בעטן.

— און דו׳ שד?

— און איך וועל דערציילן.

— בעט איך דער ערשטער: דערציייל עפּעס.

האָט זיך דער שד אַ וויילע געקווענקלט, ווי נישט געוואָלט און אָנשטעלן געמאַכט, האָט אים אָבער דער יונגער אַ דאַרן שפּיץ־פינגער אונטער דער הויט און אונטער די ריפּן אַרונטערגערוקט, אים געטאָרקעט און חשק אונטערגעגעבן: „נו, נו, שד, מאַך זיך ניט נאַריש”, ... האָט ער זיך אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן: —

— ס'איז געווען, ווען איך בין נאָך יונג געווען, טלאָהען און הערנער זיינען נאָך שאַרף געווען און פיס האָבן געדינט— אויף ווינט און אויף פעלד, אויף בערג און אויף טאָלן און וואוהין מ'האָט געדאַרפט, — האָב איך אמאָל אין אַ ביינאַכט אַ באַפויל באַקומען: אין אַ וואלד זיך לאָזן, ביי זיין אָנהויב און זיין גרענעץ וואַרטן, מ'דאַרף מיך דאָרט, ס'איז דאָ אַן אַרבעט ...

בין איך אַוועק. אָנגעקומען, האָב איך דאָרט אַ יונגן לץ געטראָפן, ער האָט זיך שוין אַרומגעדרייט, האָט אויף מיר געוואַרט און באַלד, און מיך דערזעהענדיג, מיר אַזוי געזאָגט:

באַלד וועט דאָ אַ מענש דורכפאָרן, פון וואַלד און פון טיפן אנקומען, דאַרף מען אים פון וועג אַראָפּפירן, דאַרף מען אים פאַרדרייען...

איז אַזוי געווען. באַלד האָבן מיר פון וואַלד אַ פור פאָרן דערהערט, ס'האָט אַ מענש די פערד געטריבן, זיי גענוקעט און אין וואַלד און אין טיפקייט דאָרט מיט קול זיי געוועקט. זיינען מיר באַלד אויפן וועג, וואָס אין וואַלד, אַרויף, אויף זיין ברייט זיך אַ וואָרף געטאָן, איינס אויפן אַנדערן און איינס איבערן אַנדערן שפּרינגען, קייקלען און וואַרפן זיך גענומען, איך אויף אים און ער אויף מיר, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, און האָקוס־פּאָקוס — און, אַז דער מענש איז שוין צו אונז און צו אונזער אָרט מיט דער פור אָנגעפאָרן, אַזוי

האָבן זיך אים באַלד דער וואַלד אינאיינעם מיטן וועג אַ דריי און אַ מיש אויס געטאָן, האָבן זיך פּלוצים די פערד אַ שטעל געטאָן, וואָגן און דישל אין עפּעס זיך אָנגעשלאָגן און שטיין געבליבן, און שוין: קיין וועג און קיין שטעג, נאָר בוימער ביי בוימער, בוימער ארום בוימער און די פור איז פאַר־טשעפּעט, און די פערד און דערשראָקן, אין וואַלד און אינמיטן.

איבערגעשראָקן און אומגערעכט, איז דער מענש פון דער פור אַראָפּגעשפרונגען, צו די פערד און צו די פנימער זייערע צו, איז ער פאַר זיי און ווי פאַר זייער דערשראָקנקייט גע־שטאַנען, ביז זיי וועלן זיך פון דער שרעק און פון מוראָ זייערער באַפרייען, ביז זיי וועלן צו זיך קומען און ווייטער און פערדיש אים אין די הענט זיך געבן. דאָס דערזעהן, זיינען מיר, איך מיט מיין אַנדערן, צו די פערד און צו די פון הינטנס זייערע צו, ביידע אין איין צייט, מיטאַמאָל אין די פיס מיט שרעק־פליגן זיי אַ שרעק געטאָן, האָבן זיי זיך מיט אימפּעט און נאָך האַסטיגער אַ ריס און אַ הויב געטאָן, פון שפּאַן און פון האָלאָבליעס אַרויס און ווילד און מבולבל פון מענשנס הענט זיך געריסן. אָפּגעלאָזן און איבערגעלאָזן האָט דער מענש די פערד און פור־פאַרפלאָנטונג דעמאָלט, איז ער פון זיי אַביסל אָפּגעגאַן, זיך אַרומקוקן גענומען: וואו איז ער דאָ, וואוהין איז ער דאָ אַריין, און וואו אַרום קריכט ער דאָ אַרויס פון דאַנען? — איז ער אַזוי געשטאַנען און געשטאַנען, געקוקט און געקוקט, און אָט, האָבן מיר, איך מיטן לץ מיט מיינעם, פון ווייטנס און פון אַ סטעזשקע, ווי צוויי מענשן זיך באַוויזן. איינער נאָכן אַנדערן, שטיל און באָרוועס, זיינען די צוויי מענשן פון וואַלד אָנגעקומען, אָוונטיג און, ווי מ׳גייט אין וואַלד, נישט גערעדט און, ווי מ׳ווייזט זיך אַרויס אינמיטן, זיינען זיי אים אָנגעקומען, זיך דערנעהענט, און דורך אים און דורכן אָרט זיינעם באַלד דאָ דורכגיין

געדאַרפט. האָט ער זיי אויסגעוואַרט, דער מענש, און אַז זיי זיינען אונטערגעקומען, האָט ער זיך צו זיי געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— אַ גוט נאָוונט, מענשן... אפשר ווייסן זיי, ער האָט דאָ ערשט נישט לאַנג פונם וועג אַראָפגעבלאָנדזשעט, אפשר קענען זיי אים אַרויסהעלפן און אים אויפן ריכטיגן אַרויספירן?...

— זיי קענען, און פאַר וואָס זאָלן זיי נישט קענען?

— און ווי ווייט איז דאָס פון דאַנען?

— עט, און גאָר אַ קלייניגקייט, זאָל ער זיי נאָכגיין, זיי גייען אַהין און ס'איז נישט ווייט פון דאַנען... געגלויבט און נאָכגעגאַן איז דער מענש נאָך זיי, נאָך די דורכגייערס דעמאָלט, שטיל און אונטער די פלייצעס זיי און קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, שטיל און פאַרלאָזט זיך און שווייגנדיג געגאַנגען, — און אָט, און ווי נאָר די פאַרשוינען האָבן דעם מענשן פון זיין אָרט און פון פערד־און־וואָגן אַרויסבאַקומען און אינאיינעם מיט אים אַ שטיקל וועג אָפגעגאַן, אַזוי האָט זיך זיי פלוצים ווי די סטעזשקע אין מיטן אויסגעלאָזט, זיינען זיי שטיין געבליבן, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, און ווי פאַרחידושט אַרומקוקן זיך גענומען: וואָס הייסט עס, וואו זיינען זיי, און ווי קומען זיי אַהער גאָר?... אין דעם, און ווי דער מענש איז אונטער יענע און אונטער פלייצעס זיי געשטאַנען, אַזוי האָט אים ווייטער אין די אויגן עפעס אַ דריי און אַ שווינדל געטאָן און ווייט און אין בוימער־ווייטקייט האָט ער אַ שטיבעלע און זיך לויכטן דערזעהן, און די פאַרשוינען זיינען שוין נישט געווען.

איינע איז אין שטיבעלע אַן איינגעשרומפּענע זקנה ביי אַ זיפ מיט פעדערן געזעסן, דער צווייטער, דער מאַן און וואַלד־שומר אירער, איז אויפן אויוון און איינגעדעקט געלעגן, און אָוונטיג און פאַרטאָן זיין שומר־שלאָף געשלאָפן...

און דער מענש האָט זיך צום שטיבעלע געלאָזט. אָנגעקומען, האָט ער באַלד אין פענסטערל אָנגעקלאַפּט:

— עפנט, מענשן גוטע! — איז די אַלטע אים עפּענען אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אים אויף דער טיר באַגעגנט, איז ער אויף דער שוועל געשטאַנען, פריהער די אויגן פאַר דער ליכט געזשמורעט, דערנאָך זיי אַרויף, אויף דער סטעליע אויפגעהויבן, און דאַן אויף ערד זיי אַראָפּגעלאָזט, אויף די ווענט און אַרום זיך ארומגעקוקט און לסוף אַרויסגעזאָגט:

— עפּעס פאַרשטיי איך נישט און עפּעס בין איך דאָ...

— וואָס? — האָט די אַלטע אויף אַ קול געפרעגט.

— חושד, — האָט דער מענש שטאַמלענדיג געענפערט.

— וואָס און ועמען?

— כ׳ווייס אַליין נישט.

— וואָס־זשע רעדסטו, מענש איינער?

— כ׳ווייס נישט... כ׳האָב דאָ פון וועג אַראָפּגעבלאָנזשעט, האָב איך צוויי מענשן באַגעגנט, האָב איך ביי זיי געפרעגט, האָבן זיי מיך געפירט, זיינען זיי נישט געבליבן, האָב איך דאָס שטיבעלע דערזעהן, פאַרשטיי איך נישט...

— איז וואָס־זשע וואָלסטו געוואָלט?

— וואָלט איך געוואָלט? אפשר איז מעגלאַך, מ׳זאָל מיר קלאָר מאַכן און אויפן וועג אַרויספירן?...

— אַרויספירן? — האָט די זקנה איבערגעפרעגט, צום אָרט צו אירן צוגעגאַנגען, פאַר דער זיפּ זיך גענומען און צום אויוון אַרויף זיך געקערעוועט: —

— אַלטער, הער נאָר: ס׳האָט דאָ אַ מענש פאַרבלאָנזשעט, דאַרף מען אים דעם וועג ווייזן, קריך אַראָפּ...

האָט דער אַלטער דאָרט די אויגן געעפנט, האָט ער פון זיך דעם צודעק אָפּגעדעקט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, דערנאָך אויף שטוב און אויף מענש אַראָפּגעקוקט, שלעפעריג זיי

באַטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך אַראָפּגעקראָכן, דעם פּעלץ אויף זיך גענומען, צו דער טיר צוגעגאַן און צום מענשן אַ זאָג געטאָן:

— קום ...

און אָט, און ווי דער מענטש איז נאָך בײַ דער טיר געשטאַנען און, איידער ער האָט נאָך די שוועל אַריבערגעטראָטן, אַזוי האָט זיך פּלוצים אין שטיבעלע דאָס ליכט אויסגעלאָשן, סטעליע פון אויבן און ווענט פון אַרום זײַנען נישט געבליבן, דער מענטש איז צוריק אין דרויסן און אין וואַלד געווען, פאַר אַ נאַסן, מאָכיגן און פיר־ווענטיגן ברונען געשטאַנען און פאַר אײַנע פון די ווענט, פאַר איר נאַסקייט און פײַכקייט, פּלוצים און מיט די הענט אין איר זיך האַלטנדיג, געטראָפן.

— טפו! — האָט דער מענטש אין ברונען אַרײַנגעשפּיגן און האַסטיג אָפּגעשפּרונגען.

— שפּײַ ניט!... — האָט זיך פון דאָרט אַ קול דערהערט און אַ קאָפּ האָט זיך באַוויזן.

— וואָס הייסט עס? — האָט דער מענטש שוין בײַם קאָפּ אַ פרעג געטאָן.

— ס׳הייסט, אַז דו ביזט אין אונזער רשות אַרײַן און אין אונזער ממשלה געקומען.

— איז וואָס וועט זײַן?

— וועסטו טאָן, וואָס מ׳ט׳דיר הייסן.

— און הייסן וועט מען מיר?

— דאָס ערשטע: אין ברונען קריכן.

— כ׳וויל נישט.

— נעם אים! — האָט דער לץ צו מיר, צום אונטער־מענטשן שטייענדיגן, אַ געשריי געטאָן: נעם אים!

און אָט, און איידער דער מענטש האָט זיך נאָך אויסדרייען און זיך ווערן אָנהויבן געריִרט, אַזוי האָב איך אים

באַלד פאַר די פיס און פון הינטן־ארום אַ כאַפּ געטאָן, און פוץ און מיטאַמאָל איז ער שוין אין ברונען אַריינגעפלויגן...

אָפּגעפּליוסקעט און אָפּגעטעמט האָט דער מענש זיך פון וואָרף פון פלוצימדיגן, און, אַז ער איז צו זיך געקומען, אַז ער איז דעם ערשטן שרעק און פאַרדראָס איבערגעקומען, האָט ער בייז און האַרטנעקיג אויף דעם לץ אַ קוק געטאָן, און מיט שטאָלץ און פאַראַכטונג ביי אים נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן: —

— און ווייטער?

— האָט אַ קו אַן אייטער... און אַז מ׳גיט נישט, נעמט מען אַליין, און דו ביזט אין אונזער רשות איבערגעגעבן.

— האָב איך שוין געהערט.

— איז גוט, — און דאָ האָט זיך דער לץ צום מענשן אויס־געדרייט, צו איינע פון די ברונען־ווענט זיך געקערעוועט און אין איר אָנגעקלאַפּט. האָט זיך דאָרט באַלד אַ טיר געעפנט, אין אַ קאָרידאָר און אין אַ קויטיגן, אין אַ לאַנגן און אַ נאַכ־טישן, האָט אויף דער סטעליע דאָרט און אין מיט עפּעס אַ לעמפּעלע געברענט, אַ פאַרשטויבטס און אַ צוגעשלאָגנס, האָט עס שוואַך און צוגעשלאָגן דעם קאָרידאָר און די ווענט באַלויכטן, די ווענט, וואָס מיט טירן צוגעמאַכטע, צוגעשלאָסענע און דאָרטיג־שווייגנדיגע... איז דער לץ ווייטער צו איינע פון זיי צוגעקומען, אָנגעקלאַפּט, האָט זי זיך געעפנט, האָט דער לץ פריהער דעם מענש אַריינגעלאָזט, דערנאָך מיר דעם וועג אָפּגעטראָטן און דעם מענשן נאָכגיין געהייסן, און לסוף אליין אַריינגעגאַן און אין יענעם הויז אָנגעקומען. און דאָ האָבן מיר זיך אין אַ שענק און אין אַ זייטיג שענק־שטיבל געטראָפן.

נישט געווען איז אין דעם שטיבל גאָרנישט: קיין מענש און קיין הויז־ראָד, אין דער מיט נאָר און ביי די ווענט זיינען

איינִיגע טישלאַך און בענקלאַך געשטאַנען, אויפגעראַמט און צוגעגרייט, און פוסט און באַלויכטן־שענקעריש אויף עמיצנס קומען אין אָנקומען געוואַרט. האָבן מיר זיך ביי אַ טיש באַזעצט. באַלד האָט דער לץ דאָרט אָנגעקלאַפּט, האָט זיך אַ דינער באַוויזן — אַ שטילער און אַן אָנגעבּרייטער, אָנגע־קומען און אויף דינען גרייט, איז ער צום לץ דאַן און פאַר בענקל צוגעגאַן, מיט רעספּעקט און דינעריש זיך עטוואָס צוגעבויגן, פאַר אים געשטאַנען, אים אין מויל געקוקט און אויף זיין וואָרט און באַפויל געוואַרט.

— ווייִן! — האָט דער לץ אים אַ זאָג געטאָן, און דער דינער איז נישט געבליבן.

אַ פּאָר מינוט, און דער דינער האָט זיך מיט פלעשער און גלעזער אומגעקערט, זיי אויף אונזער טיש אוועק־געשטעלט, פּינקטלאַך און אַקוראַט צוגעגרייט און ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אַליין און אין דער זייט אַריין אָפּגעגאַן, און מיט אָפּשיי און כבוד ווייטער אויף אונזערע ווילענס און באַגערן געוואַרט.

און גענומען האָט דער לץ אַ פלאַש דאַן איינע פון די אויפן טיש שטייענדיגע, פריהער דעם מענש און אין זיין גלאָז אָנגעגאָסן, דערנאָך מיר און אין מיינער, און לסוף און זיין אייגענע גלאָז אָנפולנדיג, האָט ער זי אויפגעהויבן, פריהער אַקעגן מיר, דערנאָך דעם מענשן און אַקעגן די אויגן גע־שטעלט, און אַזוי, און גאָרנישט ניט, זאָגנדיג, דאָך באַפוילנדיג, געפאָדערט: —

— מיר טרינקען! — און דער מענש האָט נישט אָפּגעזאָגט.

צום צווייטן מאָל האָט דער לץ די גלעזער אָנגעפולט — און דער מענש האָט געפאָלגט.

און אַז דער מענש האָט צום דריטן מאָל זיין גלאָז אויס־געליידיגט, האָט מען געזעהן, ווי עפּעס איז ער אַנדערש

און איבערגעביטן געוואָרן, עפּעס איז אים איבערן פּנים אַ נייס און נישט קיין פריהערדיגס איבערגעגאַן, איז ער ווי היימישער און מילדער געוואָרן, ווי באַלוינט און באַגוטיגט אין פאַר־געקומענעם פאַרגעסן און מוחל געווען, איז ער פון זיין בענקל אויפגעשטאַנען, צום לץ דאַן צוגעגאַן, און אויפגעלייגט און גוטמוטיג אים שוין אין די פּלייצעס קלאַפּנדיג, אַזוי אַ זאָג געטאָן: —

— אי, לצים, לצים, ס'איז דאָך גאָר ניט אַזוי שלעכט, לצים!...

— וואָס ניט שלעכט? — האָט דער לץ, שמייכלענדיג איבערגעפרעגט.

— טאַקע אַ לץ צו זיין! — האָט אים דער מענש געענפערט.

— ווען מיר, אפשר, אַ בייט מאַכן?

— אָך! — איז דער מענש צופרידן געווען און באַש־טאַנען, — מיט די גרעסטע כבודן, כ'בין גרייט און פאַרטיג. און טאַקע באַלד, און טאַקע תיכף.

געוואַרט דערויף האָט דער לץ שוין פון לאַנגן, און אָט, און ווי ער האָט דאָס נאָר דערהערט, אַזוי איז ער באַלד און פון זיין בענקל אויפגעשפּרונגען, צום מענשן צוגעגאַן, נישט געזאָגט און נישט גערעדט באַלד פון זיך די פעל און די הער־נער אַראָפּגענומען און אויף מענש זיי אָנגעטאָן, דערנאָך שוין גיכער די טלאָהען פון זיך און די שיך פונם מענשן אַראָפּגעשלעפּט און מיט אים זיך געביטן: זיך די שיך און אים די טלאָהען אָנגעטאָן, האָט ער זיך דאַן שוין אַיילן און אונטעריאָגן גענומען, און אַזוי און אַיילנדיג, און אַזוי בשעת אָנטאָן דעם מענשן — אַלץ פון לץ און כוח פון לץ אים איבער־געגעבן, מיט שפּרונג און געשפּראָכן, מיט מויל און געשעפּט־שעט, און זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל, און זאָל ער טאָן, וואָס ער קען, און זאָל אים וואוילבאַקומען...

אָנגעטאָן און פּאַרטיג געוואָרן, האָט דער לץ דעם מענש און פון פּאַר זיך אַ שטופּ געטאָן, אויף וועדליג ער זאָל אים באַטראַכטן קענען דערווייטערט, אַליין פון אים אָפּגעגאַן, זיך אים אַקעגן געשטעלט, מיט די אויגן פון קאָפּ ביז פיס אים אַ מעסט געטאָן, לעבעדיג און לאַכנדיג אים באַטראַכט אַזוי, און אַזוי און באַטראַכטנדיג, ווי געפרייט זיך און געקוואָלן, געקוואָלן און נחת געקליבן: אָט אַזוי, אָט אַזוי, און גוט און וואויל, און וואויל און גוט, און ווי איך בין אַ לץ, און ווי דו בי.ט אַ מענש, און ווי מיר זיינען ביידע...

— און איצטער, מענשל, פריילאַכס! —

און אַ שאַף און אַ וואונק האָט דער לץ דאַן צום דינער געגעבן, האָט דער דינער ברייט אַ טיר און אין זאַל אַריין אַן עפן געטאָן, איז די זאַל גרויס און אומגעהייער געוועזן, האָט אין איר מיט שענק־חלל און ליידיגקייט געשמעקט, האָט פון איר און פון ערגעץ אַ ליכט געשלאָגן, איז זי ליכטיג און באַלויכטן געוועזן, ליכטיג און ווי די זאַל די גרויס, ליידיג און מיט הוילע ווענט נאָר דאָרטן.

און אַריין אַהין זיינען לץ און מענש שוין איבערגעטאָגענע דעמאָלט, זיינען זיי אין דער מיט אַריין, האָט מיר דער לץ באַלד אַ וואונק אַ באַפעיל געגעבן, האָב איך זיך גיך און ווי מ׳האָט באַדאַרפט, ווי איך קען און ווי פייל פון בויגן, איבער זאַל און קיילעכיג, ביי די ווענט און ביי דער ערד זיך גע־טראָגן, אומעטום און ווי ס׳איז נויטיג געווען אין די ווענט דאָרט אָנגעקלאַפּט. האָבן זיך באַלד טירן געעפנט, קליינע טירן און גרויסע טירן, אויבער־טירן און אונטער־טירן, ביי דער סטעליע און ביי דער ערד דאָרטן. און — נפשות האָבן זיך באַוויזן: — פריהער קליינינקע און מענשעלאַך, וועוריקלאַך און ברואימלאַך, זיך וואַרפנדיגע און ברעכנדיגע, פון די ווענט און פון גלייכע ווענט, מיט מענגעס און מיט מאַסן,

מיט געפּעק און זיך אַריינגעשיט, מיט מחנות און אַריינ־געקומען, און בטוח און פאַרזיכערט, אין זיך און אין זייערן, אין קומען און אין אָנקומען זייערן; זיינען נאָך זיי עלטערע אָנגעקומען: גרעסערע און ערנסטערע, שוין באַרוהטערע און געזעצטערע, דורך טירן און דורך לעכער פון טירן, פּאַמעלאַך און אָפּגעשטעלט, און מיט חברות און מיט בינטלאַך, און מיט עולם און מיט גרויסן, און אַלץ מיט הערנער און מיט עקן און אַלץ פּאַרריסן און ווי ס'פּאַסט פאַר זיי, און אַלץ פּאמעלאַך און ווי ס'געהער פאר אַזוינע; און ווייטער האָבן זיך אריינגעלאזט — אַ מענגע און אַ מאַסע, מיטאַמאל און מיט אַ טשערעדע אַ גרויסע און אַ שטויביגע, אַ פולע און אַן אנגעפּאקטע, אן ענגע און א האריגע, — אַריינגעגאַנגען און — אן אָרט פאר די, וואָס נאָך זיי, געלאזט; און ... מוידן האבן זיך אַ לאָז געטאָן, גרויסע און צעלאזענע, משוגהדיגע און פאַרשיידענע, פארשייטע און צעפּאַטלטע, מיט פיס און אויף הפקר, מיט תנועות און מיט לייבער, מיט נאַקעטע און מיט ווייבער, מיט חוזק און כאליאסטרע; און לץ מיט קאפעליע, מיט שדים און מיט טאצן, מיט ל'צים און מיט קלאַפּער־געצייג אינגאַנצן.

און ווייטער האָט דער לץ דאן באַפוילן: אַ טיש! זאָל אין זאַל און אין דער מיט אַ טיש געבראַכט און אוועקגעשטעלט ווערן, דער מענש וויל אַרויף, דער מענש וועט עפּעס באַווייזן ..

איז דער מענש, די לעצטע ווערטער פונם לץ אויס הערנדיג, ווי מבולבל געוואָרן, האָט ער זיך אין אַ זייט אָפּ־גערוקט, צווישן עולם זיך אויסמישן געוואָלט, האָט אים אבער דער לץ דעם וועג איבערגעטראָטן, פאַרן עולם אים פאר־שטעלט, אים נישט גיין געלאזט, אים געמונטערט און חשק אונטערגעגעבן: ניט געזאָרגט, מענש, און נישט געשעמט זיך,

ס'איז נישטאָ פאַר וועמען, ס'וועט גוט זיין, און ס'וועט גוט אַרויס.

האָט מען שוין אין זאַל צו דער צייט דעם טיש אַריינגעבראַכט, פריילאַך און רעשיג האָט דער עולם, ווארטנדיג, דערווייל אין זאַל פאַרבראַכט, מין מיט מין און באַשעפעניש מיט באַשעפעניש האָבן דאָרט מחנותווייז און אויף פאַרשיידענע לשונות גערעדט און צו טאָן געהאַט, גרויס מיט גרויס און קליינס מיט קלענערס האבן געטומלט, און, אַז אַלץ איז שוין גרייט געווען, און אַז דער טיש איז שוין אויף זיין אָרט געשטאנען — אויפגעשפרונגען און אין רעש איז אויף אים דער לץ צום ערשטן, בּרייט און בדחניש, און פריי און פריילאַך צום מענשן פון דאָרט אַ האַנט געגעבן, אים צוגערופן, אים ארויפגעהויבן און אים אַרויפהויבן־זיך געהאָלפן, און דער מענש איז, באין ברירה, אויפן טיש אַרויפגעגאַנגען, און נאָך ווייניגן קווינקלען־זיך און שעמען און דעם עולם־רעש איבערוואַרטן, צום עולם זיך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט: —

— עולם, זייט־זשע וויסן: אַליין בין איך פּראָסט, כ'האָב קיינמאָל פאַר דער וועלט און פאַר קהל נישט אַרויסגעטראָטן, בין אָבער אין אייער רשות געקומען, האָב איך זיך נאָך דערצו מיט לץ און מיט פעל געביטן, בין איך געניט, מוז איך טאָן, וואָס איר ווילט, בין איך גרייט צו דינען... זאָל מען־זשע פון מיר פאָדערן און וואָס נאָר איך וועל קאָנען, דאָס אלץ וועל באווייזן.

— די שאַנד! זאל ער די שאַנד באַווייזן! — האָט דער עולם אין איין קול געשריגן.

— וואָס מיינט מען דא? — האָט דער מענש געפרעגט.

— זאָל ער זיך אַליין אין פנים שפייען און און זיין צורה כראַקען.

— ס'גייט נישט, לצים.

— פאַרוואָס איז?

— ס׳קאָן עס נישט דער מענש: דאָס מויל איז אים אין פּנים.

— ווען מיר שפּייען! לאָ׳מיר אים שפּייען! — האָבן לצים צום טיש און אויפן טיש זיך געריסן.

— האַלט אויף! — האָט דער לץ דאָן, וואָס איז אויפן טיש מיטן מענשן געשטאַנען, אויסגעשריגן, אַקעגן לצים זיך געשטעלט און די הענט אויפן מענשן באַשיצן אויסגעשטרעקט.
— האלט אויף, רעדט צו דער זאַך און פאָדערט, וואָס ס׳איז מעגלאַך.

— זאָל ער־זשע פון זיין הויט אַרויס... זאָל ער זיך אויף זיין אנדעדער זייט איבערקערן, לאָ׳מיר זיין אינעווייניגסט און זיין לונג־און־לעבער זעהן...

— ער קאָן נישט: פון דער אייגענער הויט קריכט מען נישט, — האט דער לץ ווייטער געשריגן.

האָט דער עולם צום דריטן און צום לעצטן מאל אויסגערופן:

— זאָל ער־זשע פון זיינס און זייניגעס באַווייזן, פון מענש און מענשלאַכעס, און וואָס ס׳קאָן אַ מענש און אויף וואָס ער איז פעהיג.

— גוט, — איז דער מענש באשטאַנען.

און אויסגעגלייכט זיך, מוסכם און מיטן קאָפּ אויף יא געשאָקלט, געוואַרט האָט נאָך דער מענש אַ ווײַלע פון אויבן אויפן טיש דארט שטייענדיג, ביז די קולות וועלן אויפהערן, ביז דער עולם וועט זיך אונטן בארוהיגן, און אָט, און אַז זיי זיינען שטיל געווארן, און אַז זיי האָבן אַלע ווייטער די קעפּ צו אים אויפגעהויבן און פון אים שוין אויפן ווייטערדיגן געוואָרט, האָט זיי דער מענש אַזוי געזאָגט:

– ווילט איר, לצים, דעם מענש און דאָס זייניגע זעהן, וואָס ס'קאָן און וואָס עס וואַרפט ארויס אַ מענש, דארפט איר אים פולע פרייהייט געבן, אַליין און אַלע אין זיין רשות זיך איבערגעבן און טאָן, וואָס ער וועט הייסן. און שווערן זאלט איר אים ביי זיך און ביי יעדערן, ביי עדה און ביי אלעם הייליגן און ביי אייערע הערנער אַלע – און אַנדערש ניט.

– וואָס הייסט עס? — האָבן זיך לצים פארוואונדערט און נישט פארשטאנען, אָנגעלאפן און בייז געוואָרן און איינס מיטן אנדערן זיך איבערקוקן און איבערפרעגן אָנגעהויבן:

– וואָס הייסט עס? ער ביי אונז און מיר אים שווערן? און ווער נויט עס אונז, און ווי זיינען מיר באַוואָרנט?...

– איך וועל אויך שווערן, – האָט זיי דער מענש באגוטיגט.

– ביי וואָס? — האָבן לצים געפרעגט.

– ביי זיך און ביי אלעם מענשלאַכן.

– ס'איז פאַלש און פליישיג!

– ביי וואָס דען?

– ביי די הערנער דיינע. דו טראָנסט זיי איצט, דו נוצסט זיי איצט און האסט איצט זייער כוח, דארפסטו ביי זיי שווערן, און וועסטו זיי פאַרשווערכן, און אויב דו וועסט די שבועה ברעכן, וויסן זאָלסטו זיין, אז קיין לעבעדיגער וועסטו נישט אַרויס פון דאַנען.

– גוט! – איז דער מענש ווייטער באשטאנען.

און אונטערגיין און פאַרזאַמלען האָבן באַלד נאך דעם די שדים זיך גענומען, פריהער קליינס ביי קליינס און ביי דער ערד זיך געהאַלטן, דערנאָך ראנד־ארום און ארום זיי האבן גרעסערע זיך אויסגעשטעלט – קליינס ביי קליינס און גרויס ביי גרעסערס – האָט זיך אין זאל אַ פאַרנעם־גרויסע, מורא־דיגע און שטיל־געוואָרענע שדים־און־שבועה־ראד געבילדעט,

אויף דער ראָד און איבער איר האָט דער לץ, וואָס איז אויפן טיש געשטאנען, געהערשט, איבער איר די הענט גע־האלטן און געשעפטשעט און אַ שפרוך געשפּראָכן, און אַזוי און די הענט האַלטנדיג, און אַזוי און שפּרעכנדיג, אויף ראָד און אויף שדים, אויף שדים און אויף ראָד, די שבועה און איר האַרבקייט, די שבועה און איר פייערלאַכקייט געגעבן.

— און איצטער, איר, — האָט זיך פון דער ראָד און נאָך איר אָפּשווערן אַ קול און צום מענש און לץ זיך געקערעוועט, דערהערט.

און נישט צוגעגאַנגען, און אויפן ארט געבליבן זיינען שדים אין דער ראָד און אין פריהערדיגן סדר שטייענדיג, האָבן זיי זיך אַזוי ווי פריהער און ווי ביי זייער שבועה געהאַלטן, האָבן זיי דערזעהן, ווי שטיל און אומגעוויינטלאַך דאָרט זיינען זיך אויפן טיש פון אויבן דער לץ און דער מענש צונויפגעגאַן, ווי אפגערעדט און ווי פון פריהער באַשטימט איינער צום צווייטן די קעפ צוגעבויגן, קאָפּ צו קאָפּ און שפּיץ־קאָפּ צו שפּיץ־קאָפּ, די קערפּערס פון ווייטן אָפּגע־טרעטן, און אַזוי און אָנגעבויגן, און אַזוי און מיט די קעפּ זיך נאָר אָנגערירט, האָבן זיי אויף זיך און וואָס אויף זיי איז מוטל געגנומען — פון זיך און פון אויבן, פון שדים און פון אונטן, און פון אַלעמען און אויף היטן...

און, אז דער מענש מיטן לץ האָבן לסוף די קעפּ אויפ־געהויבן און זיך צעגאַנגען, האָט דער מענש, שמייכלענדיג און אויפגעלייגט, צום עולם זיך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט: —

— און איצטער, לצים, לאָ'מיר אין דער שבועה פאַר־געסן און צו דער זאַך זיך נעמען. איך לייג פאָר: זאָל אַהער באַלד אַ שפּיגל געבראַכט ווערן, זאָל מען אים אַקעגן מיר און ביי דער וואַנט אַוועקשטעלן, אַלע איר זאָלט זיך צו אים און צו זיין גלאָז אויסדרייען, און איך און אַליין וועל פאַר

אייך און זיין גלאָז זיך ווייזן און דאָס אויסגעצומענע און פון אייך געוואונשענע, ווי גערעט און דער מדובר איז געווען, פאר אייערע אויגן פאָרשטעלן. און אַ תנאי נעם איך מיט אייך אויס: קיין וואָרט און קיין באַוועגונג, נאָר זעהן און שווייגן.

— גוט.

און אַ לאָז געטאָן און אַרויסגעשיקט זיינען באלד און פון דער עדה צוויי שלוחים געוואָרן, זיינען זיי אין אַ טיר, וואָס אין אַ זייטן־צימער, אַריין, אַ פאָר מינוט זיך דאָרט פארזאַמט, באַלד האָט זיך פאַר זיי ברייט און אַ וואַרע־מאכנדיג די טיר אויף צוריק געעפנט, האָבן זיי פון דאָרט אַ שפיגל געטראָגן, אים אין זאל אַריינגעבראַכט, אויפן אָרט, ווי מענש האָט געהייסן, אים אַוועקגעשטעלט, און באַלד און אין אים אַ קוק טוענדיג, האָבן שוין די גאַנצע עדה געקערט צו אים און אָפגעשפיגלט אין אים געפונען.

און אין זאַל האָט עפעס טונקלען אָנגעהויבן, עפעס פינס־טערלאַך און פינסטערער ווערן, דאס ליכט פון זאל האָט זיך לעשן גענומען, אויסגיין און אלץ ווייניגער ווערן.

איז די עדה שוין אין דער פינסטער כמעט, און אינאיינעם פון הינטן געשטאַנען, דער מענש איבער זיי און אויפן טיש פון אויבן, האָבן זיך די שדים מיטן מענשן אין שפיגל איבער־געקוקט און געוואַרט אויף אים, דער מענש אָבער האָט נאָך געזאַמט, געשטאַנען און צייט געהאַט, און פאַרטראַכט און פאַרטראָגן צוריק אין שפיגל אַריין געקוקט. און פלוצים...
און אויפגעכאַפּט האָט זיך דער מענש פון קוקן און פון וואַרטן לאנגן, האָט ער עפעס מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, איז עפעס מיטאַמאָל און נישט־קלאָרעס אויפן שפיגל איבער־געגאַן, און די שדים האָבן דערזעהן:

אויף גראה און פינסטערלאַך איז מיטאַמאָל דעם שפּיגלס מראה פֿאַרענדערט געוואָרן; אויף וואַסער־קאָליר און נישט צוזעהן דאָרט גארנישט. איז דאָס גראָוקייט רירעוודיג און שיטער געוועז; האָט זיך עס ווי באַוועגט און נישט איינגע־שטאַנען; די גאַנצע צייט אין איין בייטן און אומענדערן זיך געהאַלטן; האָט זיך עפּעס געטאָן אין שפּיגל; איז מיטאַמאָל דאָרטן נאַכט געוואָרן; חושך און ימש־חושך; פינסטער און שטאָק־פינסטער; און הויך און פון אויבן האָט זיך אַ לאַמטערן באַוויזן אַ רויטער און אַן אומרוהיגער, אַ שרעקנדיגער און ווי אויף סכנה־וואָרנדיגער האָט ער דאָרטן אַ וועג באַלויכטן; אַ ווייטן און אַ נאַכטישן; אַ לאנגן און אַן ארויפגייענדיגן; האָט זיך אויף אים אַ מענש באַוויזן; אַ גייער און שוין אַ לאַנגאָנענדיגער; אַ פארשטויבטער און אַ פארוואָגלטער; איז ער אַזוי אויף וועג און ארויף דארט געגאַנגען; און באלד שוין פון אויג און פון האריזאנט געזאָלט פֿאַרשווינדן. אין דעם; און ווי דער גייער האט שוין דאָרט ווייט און קליין און ווי אַ פינטעלע אויסגעזעהן; אַזוי האָט זיך פלוצים און אויף צוריק־זיין־וועג די ערד אין דער מיט געעפנט; האָט זיך אַ הייל דאָרט באוויזן; פון דער הייל און פון דער טיף אירער האָט זיך א קאָפּ ארויסגעוויזן; און פאמעלאַך־פאמעלאַך פון הינטן און ארויף און אויפגיין דארט גענומען;

דאָס איז אַן אלטער; גראוער און איינגעבראָכענער לץ געוועז;

און אויפגעגאַן; זיך אוועקגעשטעלט; און ווייט ארומקוקן־זיך האָט דער לץ; דער אלטער; ביי דער ראנד פון הייל אנ־געהויבן; געקוקט און געקוקט; פאמעלאך; און זיך אייגגעקוקט; און ארום און ארום — אין פעלד און אין אלע עקן־פעלד; און דערנאָך; און אז ער האט לסוף דעם מענש שוין ווייט און ביים האָריזאָנט דארט דערזעהן; האט ער באלד א האנט און

רערלדיג צו דעם מויל זיינעם צוגעשטעלט און הויך און אויף א קול און אים רופן גענומען:

— מענש־דארט, מענש־דאָרט, קער זיך אום אהער!

דערהערט האָט דער מענש דאס קול פון דער ווייטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט, האָט ער זיך א שטיקל צייט אויף צוריק־וועגס איינגעקוקט, ביז ער האָט פון זיין ארט דארטן דעם לץ דא דערזעהן, איז ער נאָך א פאר מינוט אזוי געשטאַנען, ווי געוואַרט און זיך געישבט, און דערנאָך און ווי עפעס א באשלוס אננעמענדיג, צוריק און צום לץ זיך געלאָזט, און אז ער איז צוריק געקומען, האָט אים דער לץ אזוי געזאגט:

— מענש, איך קוק דיר שוין נאָך פון לאַנג, כ׳האָב דיך אין לאנגע נעכט געזעהן, איך ווייס ווער דו ביזט, איך וויל דיר עפעס פאָרלייגן. ס׳איז ביי מיר אַ טאָכטער דאָ, און איינע פון די שיינע, און ווי ס׳גיט זיך אויס ביי אונז, און איך בין שוין אלט, וויל איך פון איר קינדער זעהן, וויל איך פון איר קינדער דערלעבן, זיי האַלטן און זיי ל׳יבן, און דו האָסט קיין קינדער נישט, און ווילסט האָבן און וועסט נישט האָבן און פון איר יאָ — קום מיט מיר...

— און ווער בין איך?

— דער עקר.

— נו?

— לייג איך דיר מיין טאָכטער פאָר.

— און צו איר?

— אַלע אייגנשאַפטן און אַלע מעגליכקייטן פון לצים און פון דורות: דיין וועלט אויף זיי און דיין ממשלה אויף זיי׳ און — נאָך אמאָל — א טאָכטער אן אויסנאַם.

— און די קינדער? — האָט דער מענש געפרעגט.

— זיינען דיינע, — האָט דער לץ געענפערט, — כ׳זאָג זיך

אָפּ פון זיי און פון צו שאַפן אויף זיי, זאָלן זיי צו מענטשן זיין און צו אלעם מענטשלאַכן געהערן.

— און וואָס וועסטו פון זיי האבן?

— איך — נאָך די זכיה.

— אויף וואָס?

— אויף זיי זעהן און זיי ליבן.

— גיי איך מיט דיר. און — זאָל זיין פון שד.

און דאָ האָט זיך פאַר זיי די הייל, פון וואַנען דער לץ אין אַרויסגעקומען, געעפנט, פריהער דער מענש און דער־נאָך איז דער לץ אהין אריין, האָט זיך באלד די הייל און די טיפעניש דארט פאַר די שדים דאָ אין זאל פאַרגעשטעלט, האָט זיך אין שפיגל ווייטער עפעס אַנדערש באוויזן, און די שדים האָבן דערזעהן:

— רייך און מיט הרחבה, מיט אויבער־שטאָק און אונטער־שטאָק אין אויף א פלאַץ אַ גרויסן אַ נאַכט־פּאַלאַץ געשטאַנען, אַ שטילער און אַ נאַכטישער, אין אלע פענסטער זיינע האָט זיך ליכט געלויכטן, און אַרום און אַרום זיינען טירן און אויפגאַנגען געווען, זיינען דער לץ מיט מענש צו איינע פון יענע טירן צוגעגאַן, זי אויפגעעפנט, אין אַ קארידאר אַריין, אין אַ לאַנגן און אַ גלייכן, אין א שטילן און אַ קלינגענ־דיגן, זיינען אויך דאָרטן טירן געווען, זיינען זיי ווייטער צו איינער צוגעגאַן, אין איר אָנגעקלאפט אין וואַרטן גענומען, האָט זיך באַלד פון אַ צימער דאָרט און פון יענער זייט אַ טיר געעפענט און מ׳האָט דערזעהן:

שטיל, אויף נאַכט און פאַרן שלאפן גיין איז די יונגע טאָכטער פון שד אין צימער און אין דער מיט אויף דר׳ערד און אויף די קניה געשטאנען, מיטן פנים צו בעט און צו קאָפּ פון בעט געקערעוועט, ווייל ביים צוקאָפּנס פון אויבן דאָרט האָט א נאכט־און־עבודה־זרה־לעמפּעלע געברענט, האָט זי

אַזוי געקניהט, די אויגן צום פלעמל און די הענט איבער קאָפּ געהאלטן, און אַזוי און קוקנדיג, אין שדישער תּפילה מאַריך געווען... אַריינגעגאַנגען און שטיל געשטעלט זיך האָט דער לץ דער פאָטער אירער איר פון אונטן, באַלד און אויף די קניהעס און גלייך אונטער די פלייצעס איר זיך אַראָפּגעלאָזט, איז אַ שטיקל צייט אויך ער אַזוי פאַר דעם ליכט און לעמ־פּעלע געשטאַנען, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און שטיל און מיט כבוד זיין טאָכטער פון שטיין און מתפּלל זיין געוועקט:

— טאָכטער, האַ, טאָכטער...

— וואָס איז, טאַטע?

— כ'האָב דיר דיין זיווג געבראַכט.

און אויפגעהויבן, צו דער טיר צוגעגאַן און ביי א זייט זיך אַוועקגעשטעלט האָט פון שד די טאָכטער, האָט זי אין קאָרידאָר, און וואו דער מענש האָט זיך געפונען, אַרויס־געקוקט, האָט זי אים דערזעהן, זיין שטיין און זיין וואַרטן ז'אָרטן, האָט זי זיך צום פאָטער געקערעוועט און אים א זאָג געטאָן:

— זאָל ער אַריינגיין, טאַטע.

און אַריינגעקומען, און אין צימער שטיין געבליבן איז דער מענש מיטן לץ און מיט דער טאָכטער זיינער אינאיינעם, האָבן זיי זיך אַ שטיקל צייט איינע דאָס אַנדערע באטראכט און שטיל געשוויגן, און דערנאָך, און אז דער לץ האָט זיין זאַך און שוין פאר אָפּגעטאָן געפונען, האָט ער זיך צו דער טיר אויסגעקערעוועט און איבעריג, און ווי נישט אויף זיין אָרט, און שטיל, און ווי ס'באדארף צו זיין, זיין וועג זיך ארויסגעגאן, ארויסגעגאן, האָט זיך די טיר דאן אליין און פון איר אָרט זיך רירן גענומען, און פאמעליך־פאמעליך, שטיל און פארן זיווג אינעווייניג זיך פארמאכט און צוגעשלאסן. —

— — — — — — — — — — — — — —

— וואס איז דאָס? וואָס הייסט עס? — האָבן לצים, וואָס זיינען אין זאַל געשטאַנען, און דאָס אַלץ געשעהענע און אין שפּיגעל צוגעזעהענע, — געשריגן.

— וואָס הייסט עס? וואָס האָט ער אונז באַוויזן? און ווער האָט אים דאָס רעכט געגעבן? — האָבן לצים געגוואַלדעוועט און איינס צום אַנדערן זיך געקערעוועט און געפרעגט ביי זיך.

— ער לאַכט פון אונז! — האָט זיך אַ קול פון דער עדה פאַר דער עדה דערהערט.

— ווייי צו אים: ער לאַכט פון אונז! — האָבן אַלע מיט אַמאָל און דאָס קול יענץ אונטערגעהאַלטן, צום מענש זיך אויסגעדרייט און מיט הענט און מיט פענט, מיט פּנים און גרימאַצאָרן צו אים צוגעטראָטן — ווייי צו אים!

— בלייבט רוהיג, לצים, און געדענקט, וואָס מיר האָבן אויסגענומען.

— וואָס אַזוינס?

— הערן און שווייגן.

— מיר קאָנען נישט.

— מוזט איר קאָנען.

— פאַרוואָס איז?

— איר האָט געשוואוירן.

— גערעכט, — האָבן זיך לצים אין דער שבועה דערמאַנט, נאָכגעלאָזט, פון מענשן אָפּגעקערעוועט און אַרונטער זיך גערוקט.

— גערעכט, — האָבן זיי איינער מיטן אַנדערן און מיטן מענשנס רעכט שוין מסכים געווען, זיך איבערגעקוקט און, באין ברירה, אַנשטילט געוואָרן...

— און, איצטער, לצים, צום שפּיגל! — און דער מענש האָט ווייטער די הענט צו דער וואַנט און צום שפּיגל אויסגעשטרעקט.

האָבן זיך לצים ווייטער פארזאמלען און שטילער ווערן געגומען, האָבן זיי זיך אין א ראָד צונויפגענומען, די אויגן, וואוהין דער מענש האָט זיי אָנגעוויזן, געקערעוועט, און אזוי, און שוין ווי פריהער־געווארענע, אט־וואס דערזעהן:

האט די גלאז פון שפיגל ווידער־אמאל איר מראה און איר אויסזעהן געביטן, איז איבער איר ווידער א גראהער און נישט־קאליר איבערגעגאן, א שיטערקייט און צעשוואומענקייט, האבן זיך אויף איר פלעקן און סתם־פלעקן באוויזן, געווארן און צו נישט געווארן, ארויסגעגאנגען און פארגאנגען, געשוואומען און געשווינדלט, און לסוף זיך איינגע־שטעלט און מיט אט־וואס ארויסגעקומען:

האט זיך יענער נאכט־פאלאץ פון אונטער דער הייל באוויזן, מיט ליכט און מיט הרחבה דארט, מיט אויבער־דירות און מיט פענסטער און מיט טירן און אויך ווי צום ערשטן מאל זיך פארגעשטעלט: מיט ביינאכט און ארום ביינאכט, מיט ליכטיג זיין און פלאץ פאַלאַצישן, האט זיך אין א פענסטער זיינעם דער אלטער לץ באוויזן — א שיינענדיגער און מיט אַ קינד אויף די הענט, אַ צופרידענער און זיך אין נחת דערלעבט, האט ער עס צום פענסטער צוגעטראגן און עפעס אויף ארויס און אויף דרויסן דעם באוויזן...

נישט געוואלט און נישט דאס פענסטער באגערט האט דאס קינד ביים אלטן, האט עס אים ווי ערגיץ־אנדערש וואו געצויגן, האט זיך מיט אמאל און פאר די שדים דער פאלאץ א דריי געטאָן, איז ער נישט געבליבן, האט זיך פאר די אויגן שטיל און נאר א צימער זיינער באוויזן, מיט ווענט און מיט חלל, מיט הויז־ראד און מיט אינעווייניגסט, איז דער אל־טער מיטן קינד אויף די הענט דארט אין דער מיט גע־שטאנען, דאס קינד האט אים צו איינע פון די ווענט געצויגן, און אז דער אלטער איז מיט דעם צוגעגאן, האט ער מיט א

הענטל אין וועגטל געקלאפט און מיטן צווייטן דעם אלטן פארן שד־הארן געשלעפט:

— אט דא, זיידע, אט דא זאלסטו באווייזן.

און געקוויינקלט און אויסדרייען האט זיך דער אלטער פון אט דער בקשה געוואלט, האט ער דעם קאפ זיינעם און זיין הארן צוריק געצויגן, דעם גאנצן קערפער פון קינד און אין דער זייט געבויגן, דאס קינד אבער האט אים פעסט גע־האלטן, זיין דרייען און זיין בויגן־זיך איינגעהאלטן, האט זיך דער אלטער דעמאלט צעשמייכעלט און אזוי געטאָן:

האט ער צו דער וואנט, וואוהין דאס קינד האט געצויגן, א טישל צוגערוקט, עס דערויף ארויפגעזעצט, גלייך און אויף דער וואנט נאָר דעם קוקן געהייסן, און אליין און אונטער דעם, און אונטער די פלייצעס דעם געשטעלט זיך... א פאר מינוט, און אז דאס קינד איז אזוי שטיל און זיך־נישט־אויס־געדרייט געבליבן, אזוי האט דער אלטער דאן, אויף דער וואנט און אויף א פינטעלע דארט זיך פארקוקנדיג, עפּעס רעדן אנגעהויבן, רעדן און זאגן, מיט ראיה און אויגן, ווי ערגעץ ווייט פארטראגן, אזוי פארטראכט און געשפראכן, גע־זאגט און אין דער וועלט אריין, ביז ער האט לסוף די האנט צו דער וואנט אויפגעהויבן און... פארשוואונדן איז מיט־א־מאל די וואנט פאר אים און פארן קינד דעמאלט געווארן, אויף איר ארט האט זיך א חלל און ליידיגקייט געבילדעט, און קינד מיט שדים און שדים מיט קינד האבן פנים אל פנים און איינס דאס אנדערע אין דער נאהענט זיך געטראפן:

— זיידע! — האט דאס קינד אויסגעשריגן, זיך צוריק אווארף געטאָן, און צום אלטענס שויס צוגעפאלן.

— ווער איז דאס?

— ניט שרעק זיך, קעצעלע, ס'איז גארנישט.

— און די הערנער זייערע?

— ס׳איז פארשפראכענע.

און געלעגן און מורא געהאט האם א שטיק צייט נאך נאכדעם דאס קינד און שויס פון אלטן, האט אבער די גאנצע צייט דער אלטער עס איבערן קעפעלע געגלעט און דעם איינגערעדט, האט זיך עס געלאזט: פאמעלאַך־פאמעלאַך און אלע מאל מער און מער דעם קאפ אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און אראפגעלאזט און לסוף — און בארוהיגט און אויפגעשטא־נען איז עס פון שויס פון אלטן, האט עס פרייער שוין און פעסטער אין זאל און אויף שדים א קוק געטאָן, האט עס דעם אלטן ווייטער פארן הארן אנגענומען, אים צו זיך צוגעבויגן און אינאיינעם מיט אים אין זאל קוקנדיג און אין שדים זיך איינקוקנדיג ביי אים אזוי געפרעגט:

— און ווער זיינען זיי דארט, זיידע?

— ס׳איז שדים, קעצעלע.

— און וואס קערסטו זיך אן מיט זיי?

— גארנישט.

— און דיינע הערנער?

— ס׳איז ביין און שמאטעס און קיין מאכט און קיין ממשות.

— און וואס טוען זיי דארט, די שדים?

— נישט זיי טוען, מ׳טוט מיט זיי.

— ווער?

האט דער שד שוין די האנט אויסגעשטרעקט און אויף מענש און איבער שדים שטייענדיגע שוין אנווייזן געוואלט, האט אבער אין דער רגע דער מענש דעם לץ און זיין האנט־באוועגונג באמערקט, האט עס אים נישט געלוינט, האט ער אים א וואונק און אויף־מען־טאר־נישט אנגעוויזן, האט זיך דער לץ שוין ווי צוריקגעכאפט, די האנט שוין נישט וואו

מ׳דארף געקערעוועט און מיט שטאמלען און מיט נישט־צו־דער־זאך דעם קינד אויף זיין פראגע אזוי געענפערט:

— ווער? יענער!

— — — — — — — — — — — — — —

— פּאַכאַליק, עבירה־מעקלער! - האבן לצים מיט אמאל און אין איין קול נאך לאנגן שווייגן און צוקוקן זיך אויפגעכאפּט און אויסגעשריגן.

— עפּוש אלטער! ביינער פוילע! — האבן זיי זיך פון ארט א ריס געטאָן און אויגן מיט בלוט און פויסטן מיט אדערן אנגעגאסן.

— א טויט אויף אים! א טויט אויפן ממזר! — האבן זיך פון ראד א לאז געטאָן און צו שפיגל, און צו קינד אין שפיגל, צו.

האט אבער תיכף דער מענש צו וואנט און צו שפיגל דארט מיטן דער האנט א מאך געטאָן, איז דער לץ מיט קינד באלד פון אויג זיי פארשוואונדן, און אז די לצים זיינען צו — מיט העגט און מיט פענט, מיט כעס און מיט אויגן אנגעלאפענע — איז שוין פאר זיי א הוילער און געוויינטליכער שפּיגל־גלאז געשטאנען און אליין נאר זיי און די כעסדיגע פנימער זייערע אפגעשפיגלט...

— וואו זיינען זיי? וואו זיינען זיי אהינגעקומען? — האבן זיך לצים באלד אויף צוריק און צו טיש א ווארף געטאָן, צו מענש און צום אויבן־שטייענדיגן צו, און ביי אים געמאנט.

— שטילער, שדים! — האט דער מענש זיי פון אויבן און דעם גאנצן אנגעלויף זייערן באפוילן — שטילער!

— מיר האבן פריהער געוואוסט, מיר האבן זיך פריהער געריכט, ווער האט אים געבראכט אהער, און ווער האָט אים די זאך געטרויט? — האָבן זיי זיך איצט אין זייער שבועה און שוואַכקייט און אין דעם מענש און זיין אויבערהאנט דערמאָנט.

— ווער האָט אים געבראַכט אַהער? זאָל ער זיך צום משפּט שטעלן, זאָל ער דין־וחשבון אָפּגעבן!

— איך! — האָט זיך דער לץ, וואָס האָט זיך דער ערשטער מיטן מענטש געביטן און אים פּאַר די שדים פאָרגעשטעלט, זיך איצט אַרויסגעשטעלט און אויפן טיש זיך באַוויזן, — בארוהיגט אייך, שדים: ס׳איז ניט שיין, ס׳איז פאַרן מענטש ניט שיין, ער וועט לאַכן און זאָגן: ביי שדים איז קיין אחדות נישט, אין שדימס וואַנט האָט זיך אַ בראָך באַוויזן און איינציגווייז־איינציגווייז זייערע מחנות פאַרלאָזן, הערט מיך דערום אויס: אָט האָט אונז דער מענטש איינעם און פון אונזערע באַוויזן, אַן אַלטן און אַן עפּושדיגן, א מיאוסן און א עובר־בטלדיגן, האָט ער אין אונז געפעלשט, האָט ער אונז פאַרלאַזט, האָט ער אין אונזערע זינען פאַרמיאוסט און זיין טאָכטער פאַר אַ מענטשן אויסגעגעבן, איז ער מיאוס און עקלדיג, איז ער אומריין און ווי אַן אומריינער זיך באַגאַן און וויסט איז זיין מזל — געוויס! דאַרפן מיר דאך אָבער זעהן, דאַרפן מיר אָבער די זאַך באַקלערן און פאַרשטיין, לייג איך דערום פאָר: זאָלן מיר זיך, ווי פריהער און ווי ביז אַהער, זיך האַלטן, דער מענטש זאָל אונז דאָס ווייטערדיגע און דאָס געשעהענע באַווייזן, וואָס עס קאָן און וואָס עס וואַרפט אַרויס אַ לץ, וועלן מיר זיך באַטראַכטן, וועלן מיר זיך אַן עצה האַלטן, זיך מישב זיין און צו עפּעס קומען.

און אויסגעהערט און איינגעשטימט האָבן אויף די רייד פון לץ די שדים אַלע, האָבן זיי אַ ווײַלע געטראַכט, האָבן זיי איינס אויף דעם אַנדערן געקוקט, שטיל און מיט הסכמה צווישן זיך זיך איבערגעקוקט, האָט עס דער לץ דערזעהן, דאָס גרייטקייט און דאָס איינשטימען זייערס, האָט ער באַלד און ביי זיי שוין נישט פרעגנדיג, צו דעם מענשן מיט אַ

האַנט אַ מאַך געטאָן, אים אַ וואונק געגעבן און אויף שפּיגל אָנגעוויזן: „ווייטער, מענש...״

און צונויפגעזאַמלט האָבן זיך די שדים נאָך דער אויפ־רודערונג אין געזעמל זייערן פריהערדיגן, זיינען זיי זיך ווייט צום פּאַר טיש און פּאַר שפּיגל צונויפגעגאַנגען, און שטיל און אַנטשוויגן געוואָרענע, אין ראד און אויף וואָס ס׳וועט געשעהן אין ראד, אַריינגעגאַנגען.

און דער מענש האָט זיי באַוויזן: — און צום דריטן מאָל האָט זיך דאַן דער שפּיגל בייטן געגומען, אַנדערש ווערן און גראה ווערן, זיך ווייזן און צונישט ווערן, בײַנאַכט און מיט שטערן, ביי זון און מיט פּלעקן, זיך אויפדעקן און פאַרדעקן — געגנישט און געוואַסערט, געמינעט און מטושטש געוועזן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס׳האָט זיך אַ בילד באַוויזן:

ס׳איז אַ פאַרטאַג און אין יענעם פּאַלאַץ געוועזן, האָט זיך דער מענש מיט זיין שדים־ווייב אין זייער שלאָפצימער באַוויזן, האָט אויף דער סטעליע נאָך אַ נאַכט־לעמפּעלע גע־ברענט, טונקעל און צוגעשלאָגן, האַלבלאַך און פאַרטאַגלאַך, דורך לאָדן און שפּאַרונעס האָט שוין דער בלאַסער און דרויס־ענדיגער טאָג אַריינגעקוקט; זיינען זיי נאָר וואָס פון שלאף אויפגעשטאַנען, באַלד שוין אַרויסגיין און דאָס חדר פאַרלאָזן געדאַרפט, האָבן זיי נאָך אָבער דערווייל געזאַמט, נישט געטאָן און דאָך פאַרנומען געוועזן, און אַזוי און נישט טוענדיג, ווי דאָס אין־נאַכט־זיין און אינאיינעם זיין נישט פאַרענדיגט.

און צוגעגאַנגען איז דער מענש צו דער יונג־פרוי דעמאלט זיינער, פאַר איר און אקעגן זיך געשטעלט, זיינע הענט אויף אירע אַקסלען אַרויפגעלייגט, אַ ווײַלע און צוויי איר אין די אויגן געקוקט, מיט ליבע און פאַרטאָגיגער, שטיל און נאָך נאכט שטילער, און די יונג־פרוי האָט אויף אים צוריק גע־קוקט, זיך געשעמט און ווי דאַנקבאַר געוועזן, געזעטיגט און

אקעגן אים געשטאַנען, ווי געלאָזט און דערלויבט, געדינט און אויף ווייטער גרייט געווען, און אַזוי און קוקנדיג, שטיל און אויף ווייטערדיגן אַרויסקוקנדיג, אירע אַקסלען אין זיינע הענט געלאָזן. האָט דער מענש איר קאָפּ אין זיינע הענט גענומען, שטיל איר קערפּער צו זיינעם צוגעטוליעט, און זי איז נאָכ־געגאַן, שטיל און צופרידן איר געליבטן זיך געגעבן, גע־גאַנגען און געליבט געווען, ארואגענומען און איבערגעפולט מיט גליק, און שטיל און גליקלאַך אויף אים און אויף וואָס געשעהן־זאָל געווארט.

— וואָס אַזוינס, ליבער?

— זאָלסט פאַרטאָגיגע ליבע פאַרדינען.

— נו?

— פרעג איך ביי דיר, — און גענומען און אָפּגעפירט האָט דער מענש די יונג־פרוי צום בעט צום נאכטישן, שטיל און שווייגנדיג איר אן אָרט אויפן ראנד אָנגעוויזן, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט, ער נעבן איר, האָט ער איר האַנט אין זיינער גענומען און איר אַזוי געזאָגט:

— פרעג איך ביי דיר, דו דאַרפסט וויסן: ווי באפרייט זיך אַ מענש פון לץ און לצים און פאַרפירן זייערן?

— מיט ליבע און דיין שטייגער, ליבער מיינער, — האָט זי אים געענפערט.

— וואָס הייסט עס?

— זאָלן מענשן צו די טעכטער פון די שדים קומען און זיי ליבע געבן, — זיי ליבן זיי, זיי גארן זיי, זיי גייען אויס נאָך זיי און נאָך דער ליבע זייערע.

— וואָס־זשע וועט זיין?

— וועלן, סוף כל סוף, די שדים און אויף דער וועלט זיך ווייזן, אויפן טאָג און אויפן ליכטיגן, וועלן זיי צו פאר מענשן קומען, מיט האק און מיט פאק און מיט ווייבער און

מיט קינדער, מיט רומל און מיט עדה און וואָס ס׳פּאַרמאָגט נאר אַן עדה — וועלן זיי פאַר די פיס פאַלן און זיי אַזוי זאָגן: מיר האָבן געזעהן, מיר קאָנען קיין תקומה נישט האָבן, קיין כח און קיין מעגלאַכקייט, זיינען מיר אַרויף, זיינען מיר צו אייך געקומען, געבן מיר זיך אייך אונטער און טוט מיט אונז, וואָס איר ווילט: — פאַר האלץ־העקערס און פאַר וואַסער־שעפּערס, אויף אַלעס צו דינען און געהארכזאם הערן.

— און ווער האָט דיר געזאָגט דערפון?

— דער טאַטע.

— דאָס איז לסוף, אויף ווייטער און אויף שפּעטער··· און אצינד, און נאָך איידער יענע צייט איז געקומען, און אַז אַ מענש איז אין לצימס האַנט אַריינגעקומען, מיט וואָס באַפרייט מען אים?

— מיר ווייסן.

— בעט איך ביי דיר: זאָל אַצינד אַ וואַנט און אויף שדים־וועלט געעפנט ווערן, אין פאַרטאג און אין אונטער־גרוב, זאָלסטו מיר זיי און זייערע ערטער ווייזן און פון נאַכט און פאַרפירונג דעם ערשטן און דעם בעסטן און אַ מענשן מיר באַפרייען.

— געפּועלט.

און אויפגעהויבן און פון בעט אויפגעשטאַנען איז די יונג־פרוי פון מיט־איר־מאן און אינאיינעם־זיצן, איז זי אָפּ־געגאן, ווי געניט און געוויינט צו איינער אַ וואנט דאן צו־געגאן, זיך איר אקעגן געשטעלט, מיט פנים צו וואַנט און מיט רוקן צו מענשן געשטאַנען, אַ ווײלע זיך געזאַמט, געשטאַנען און געשפּראָכן, האָט זיך באַלד די וואַנט דאן געעפנט און מענש מיט יונג־פרוי, און לצים און אין זאל זייערער האָבן זיך מיט די אויגן באַגעגנט.

און געזעהן האָט דער מענש דא אין צימער מיט דער

יונג־פרוי זיינענדיג, ווי אין זאַל און איבער לצים איז דער מענש דער פאַרפירטער אויף זיין נאכט־און כשוף־טיש גע־שטאַנען, אויסגעמאטער־ט און מיד, געל און אויסגעמוטשעט־פעל און הערנער האָבן זיך אים פון קאָפ און קערפער אויף די זייטן געררוקט, שוין נישט גוט געלעגן און זיך נישט גע־האַלטן, און פון נאַכט און פאַרשטעלונג, פון שפיל און מאַרשא־לעק אויף טאָג און אויף אָפּרוה זיך געבעטן.

און געזעהן און פאַרשטאַנען האָט די לאַגע פון מענשן דער מאַן פון יונג־פרוי, האָט ער שטיל און נישט באַמערקט פאַר לצים צום מענש דארט אַ וואונק געטאָן: זאָל ער אויס־וואַרטן, זאָל ער זיך רוהיג האַלטן, ער ווייסט פון אים, ער טוט פאַר אים, ער זעהט וואו ער געפינט זיך...

און ווייטער איז דער מענש דאן צו זיין יונג־פרוי צוגעגאַן, ווייטער אויף איר אקסל זיין האַנט ארויפגעלייגט, האָט זי אויף אים געקוקט, מיט ליבע און אויף דינען גרייט, איבער־געגעבן און אויף אלעם, האָט איר דער מענש אין די אויגן אַ שמייכל געטאָן, און שטיל און מיט אַ טייט־פינגער אויפן מענש און אויפן פאַרפירטן דארט אנגעוויזן:

— אט דעם.

— האָסט צו מיר אין דער רעכטער שעה געטראָפן.

— וואָס אזוינס, ליבע מיינע?

— מיר ווייסן: ס'איז אונזער זאַך און מ'טוט, וואָס מ'דארף.

און אפגעלאפן, מיט שמייכל און צופרידן איז באלד פון צימער אַרויס די יונג־פרוי דאן אין ליבע, שפילנדיג און צוזאגנדיג פון דער שוועל צו איר מאן און מענשן זיך אויס־געדרייט, ווי די מינוט און אים אליין־לאזן געזשאַלעוועט, די צייט און זיין אליין בלייבן געקאַרגט, און פארשפרעכנדיג און אויף געוויס, ליבנדיג און ער־מעג־זיכער־זיין, וועט זי

שוין זיין בקשה דערפילן, וועט זי זיך באלד אומקערן און אַלעס, וואָס מ׳דאַרף שוין ברענגען.

און געשוויגן און אויסגעוואַרט האָבן דער מענש אין צימער דא און די שדים אין זאַל דאָרט די פרוי פון פּאלאץ, אַ מינוט און צוויי, אַ מינוט און נאָך איינע, האָט זיך באלד צוריק די טיר געעפנט, שטיל און פון יענער זייט האָט די פרן, זיך אין דער שטיל באוויזן, די שוועל אריבערגעטראָטן און אין צימער אַריינגעגאנגען.

און דערזעהן האָבן לצים אין זאַל און אין דער שטיל דארט שטייענדיג די פרוי און ביים אַריינגיין, ווי שטיל און פארדעקט האָט זי עפּעס אויף די הענט און איינגעדעקט געטראָגן, אויפגעלייגט און צופרידן מיט פארשטעלטן און גע־טראָגענעם צום מאן און צו איר געליבטן צוגעגאַן, זיך מיט דעם אים אקעגן געשטעלט און אים עס אונטערגעטראָגן:

— אָט־וואָס!

זיינען לצים אין זאל און אינאיינעם שטייענדיג עפּעס אומרוהיג און מבולבל געוואָרן, האָבן זיי זיך איינס צום אַנדערן געקערעוועט, איילנדיג און גיך, און זיך ווי אַן עצה געהאַלטן, מיט אויגען און צעמישט שוין די זאַך דאָרט דער־פילט, זיך איבערגעקוקט און געפרעגט זיך: וואָס וועט דא זיין? וואָס וועט דאָ געשעהן?...

— — — — — — — — — — — — — —

— זונה! — האָט איינער פאַר אַלע אַ לץ און מיט אַ קול זיך אַרויסגעכאַפּט און אויסגעשריגן.

— פלייש און זנות! — האָבן אַלע דאָס קול אונטערגע־כאַפּט און מיט הענט און מיט פּענט פון אָרט זיך אַ ריס גע־טאָן און צו דער פרוי צוגעשריגן:

— זונה! טראָג עס אַוועק פון דאנען, נעם עס פון אונזערע אויגן צו; ס׳איז דיין טויט דיר דאָ!

— כ׳וויל נישט! — האָט די יונג־פרוי די לצים אויף להכעיס און אין־פנים־קוקנדיג אויסגעשריגן, צו איר מאן זיך געשטעלט און דעם צודעק פון דער זאַך אראפגעכאפט.

— קו־קו־רע־קו! — האָט דער האָן דאן מיטאַמאל און איבערגעשראָקן אויף די הענט ביי פרוי די פליגל צעשפרייט און אויסגעקרייט — קו־קו־רע־קו!

— האַלט אים, כאפט אים! — האָבן זיך לצים מיטאַמאָל צו זייער מענש און צו טיש זיך אויסגעדרייט און הענט אויף הענט און פויסטן איבער פויסטן צו אים געוואָרפן און זיך לויפן געלאָזט, — האַלט אים! אַ טויט אויף אים!

האָט זיך אבער אין דער רגע אין שפיגל און אין גלאז פון שפיגל אַ לאָך און ווי אַ מענש די גרויס געעפנט, האָט זיך דער מאַן דאָרט, וואָס פון דער יונג־פרוי, באַוויזן, האָט ער צום מענשן אַ מאַך געטאָן און אים אַ צייכן געגעבן: גיכער!

און אראפגעשפרונגען און אין דער עדה אַריין איז מיט־אַמאָל דער מענש דאן, דער פארפירטער, אין אימפעט און אין געדרענגעניש איבער לצים און איבער קעפ זיי אריבער, צום שפיגל און צו דער לאך־געוואָרענער צו, האט זיך אַ האַנט פון יענער זייט און פון דעם ליידיג־געוואָרענעם באַוויזן, האָט זי אים אנגעכאפט און אינגאנצן און מיט קערפער באלד און אויף יענער זייט אַריבערגעצויגן.

— האַלט אים! כאפט אים! — האָבן זיך לצים נאָך אים און שוין נאך זיין פאַרשוואונדן־ווערן געיאגט און איינס אויפן אנדערן, און איינס איבערן אנדערן אין שפיגל זיך געריסן, — אַ טויט אויף אים, אַ מהומה, ער וועט אונזער שאנד דערציילן...

— כ׳וועל געוויס דערציילן!... האָט זיי דער מענש און שוין פון יענער זייט, אויסגעלייזט און ווייט שוין זייענדיג, געשריגן, — כ׳וועל געוויס דערציילן, כ׳וועל אייער שאנד

אויפדעקן, און... נישט געהערט האָבן שוין מער די שדים דעם מענשן און דאס קול זיינס פון ווייטן, זיינען זיי נאָר אפגעשמיסענע און ווי צום נאַר־געבליבענע ביים שפיגל און ביי דער לאך־געוואָרענער געבליבן, און מיט הענט און שוין אפגעלאזענע, און מיט כעס, וואָס שוין אנמעכטיגע, ווי פאר זיך אליין און פארן אנגעלויף זייערן זיך געשעמט און אין אפהענדיגקייט געשטאנען.

— און דער מענש?

– דער מענש האָט דערציילט און ווארט געהאלטן.

און אַזוי האָט דער שד דאן זיין מעשה געענדיגט.

---

# אויפן גרעניץ

אויפן גרעניץ פון ישוב און מדבר דרעהט זיך עפּיס אַ בריאה אַ פאַרשטעלעניש אַרום, די וואך און די מדבר־גרעניץ היט, און תמיד איז מיט היטן און מיט וואַכן באַשעפטיגט.

— וואָס וואַרט זי פון דער מדבר?

— עמיצער דאַרף אָנקומען און זיך באַווייזן פון דאָרט — זאָגט זי.

— ווער?

האלט זי זיך אויף פון זאָגן ... אָבער אַז מ׳שטייט צו איר צו, אַ סוף־טאָג אַמאָל, אז פון וואַכן און אומגייען איז מיד, און פון לאנגן זיך ארומדרייען און פון אנגעשטרענגטן אַרויסקוקן — שוין פארמאַטערט; און זי זעצט זיך אויף אַ שטיין דאן צו, און איר פּנים איז פארזאָרגט און מיט טרויער צו דער מדבר געווענדט; אַז מ׳טרעפט זיך דאן ביי איר און מ׳לאָזט זיך צו איר שטיין און צו איר צופיסנס אַראָפּ און מ׳טוט ביי איר — „אויף ווועמען וואַרט זי" — אַ פרעגי — אויסדרייען דרייט זי זיך דאַן מיטן פּנים צום פרעגער, מיט אירע אויגן טוט אויפן פרעגערס פּנים און אויף אים אינגאַנצן א קוקי און דאַן, אָפּקוקנדיג קערעוועט זיך ווידעד צו דער מדבר אויס, קערעוועט זיך אויס און ס׳זאָגט אַרויס פון איר: —

— אויף וועמען וואַרט איך? אויפן קעמל מיט די צוויי האָרבעס פון דער מדבר.

— און וואָס ברייגגט מיט זיך דאָס קעמל?

— נישט קיין רייטער און נישט קיין צוים־האלטער, נישט

קיינע סחורות און קיינע נישט משאות, נאָר צוויי ליכט אויף די האָרבעס...

— וואָס הייסט עס?

דאַן דערציילט די בריאה: —

— ווייט אין דער מדבר איצט, אונטער איינעם אַ זאַמד־באַרג אַ ריזיגן, וואוינט אַ ריז און א לעצט־פארבליבענער. געשוואוירן האט זיך דער ריז, ער וועט דעם וועג צוריק צו זיין עלטערן־שטאם געפינען, ער וועט אויף זייערע געטער און זייערע טעמפּלען אויסגראָבן, ער וועט זיי אומקערן און זייער ממשלה אויפשטעלן. האָט ער שוין אָבער אַ האלבע וועלט אויף גייען געפּטרט, און ביז ער האָט זיך אין דער מדבר געטראָפן, און ביז ער האָט זיך צו יענעם באַרג צוגע־שלאָגן... און זאָגן האָט מען אים געזאָגט, אז אויף יענעם באַרג האלטן זיך אויף די געטער, און דערציילן האָט מען אים דערציילט, אז אין אַ פארנאכט אַ מאָל, ווען דאר באַרג פאַרטונקלט און מיט נאכט פארבלאָזן ווערט, פאַר א שטורם און פאר א נאַכטישן אין דער מדבר, קאָן מען זיי אויפן הויכן שפּיץ, אויף זייערע שטעקנס אָנגעשפּארט, און אין זייערע מאנטלען איינגעהילט, זעהן. האָט ער זיך באַ־זעצט פון הינטן און לאַנג אַרויפגעקוקט אויפן באַרג. האָט ער זיי נאָך ביז איצט נישט געזעהן. און גארן גאַרט ער זיי און ווארטן וואַרט אומגעדולדיג, און אַלע פארנאכט פארן באַרג אור פאר זיין צופיסנס קניט, דעם קאָפּ ארויף און צום בארגס הויך פארריסן, און ער קוקט זיך זיינע אויגן אויס, און קיין שאָטנדל גייט נישט פארביי זיינע אויגן, און קיין מינדסטער ריר ווערט פון זיין געהער און פון זיין אויער נישט דורכגעלאָזט. האָט ער זיי אָבער נישט געזעהן און נישט געהערט אַ צייט. נאָר איינמאָל, אין אַ אָוונט אַ מאָל, נאָך לאנגן קניען, און נאָך לאנגן קוקן אָנגעשטרענג־

טן, האָט פון שפּיץ פון באַרג און פון זיין העכסטער הויך אַ קול דערהערט, און דאָס קול האָט אַזוי געזאָגט: —

— „ריז, דו וועסט דיינע געטערס ממשלה נישט אומקערן און דיין פאָטערס שטאָם נישט געוועלטיגן מאַכן, ביז דו וועסט דיר נישט קיין פּאָר געפונען, און ביז דו וועסט נישט פון זיך און פון איר אַ נייעם דור אויפשטעלן...“

האָט עס אויסגעהערט דער ריז, האָט ער זיך פאַרטראַכט: און וואו זאָל ער זיך אַ פּאָר געפונען, אַז פון ריזן־שטאָם איז ער דער לעצטער, און צו וועמען וועט זיך ווענדן, אַז דער מין זיינער איז שוין אויסגעשטאָרבן, און אין ישוב איז מען נישט גלייך צו אים, און אין ישוב האָט מען אויף אים, ווי אויף אַ אָנגעשעהניש און ווי אויף אַ ווילד־קדמונים אי־בערבלייב געקוקט... און אַז ער איז דעם ישוב דורכגעגאַן, האָט ער מיטן קאָפּ די זון פון ישוב פאַרשטעלט, און אַז ער האָט דורך דעם ישוב דורכגעשפּרייזט, האָט ער מיט זיינע פיס חורבנות און אומגליקן אָנגעמאַכט: און וועלדער און בוימער האָט ער אַוועקגעלעגט, און שטעט און פעלדער האָט ער צו־טריטן, און מענשן האָט ער צו מילבן געמאַכט, און מענ־שן האָבן זיך פאַר אים אין ערד־לעכער און אין שטיין־שפּאַלטן פאַרשטעקט, האָט ער אַזוי געטראַכט, און צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן, און ביי וועמען זאָל ער אַן עצה פרעגן, און דאָס קול פון באַרג האָט זיך דאָך נאָר איינמאָל גערעדט, און דאָס קול פון באַרג האָט ער שוין מער פון דאָרט נישט פאַרנומען, איז ער אין גרויס צער געווען, און אויף אַלע זייטן אין דער מדבר האָט ער זיך אַרומגעזעהן: און אפשר וועט עמיצער דאָך צו אים קומען, און אפשר וועט זיך עמיצער דאָך פון דער ווייט באַווייזן, איז אָבער די מדבר — מדבר און מער נישט — געווען, איז ער אַזוי עלנט אויף זיין אָרט געזעסן און די אויגן צו דער ווייטקייט גע־

האַלטן, האָט ער אויסער זיך נישט געפונען אַרום זיך גאָר־נישט, און אויסער האָריזאָנטן און הימלען אויף זעהר ווייט – קיין פויגל נישט באַמערקט. האָט ער ווידער געוואַרט אַ צייט, ביז איינמאָל און ווי ער איז אַזוי פאַרזאָרגט געזעסן, און פאַרשאַרט און פאַראומערט געוועזן, אַזוי האָט ער פון דער הויך און איבערן קאָפּ ביי זיך עפּיס פליגל און אַ גע־רויש דערהערט. האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער דערזעהן: – אַ פויגל און פון אַ פאַרנעם אַ היבשן האָט הויך און איבער דעם קאָפּ זיינעם אַ ראָד געמאַכט, אַרום־און־אַרום געשוועבט און ווי אין אַ אָנגעצייכנטן קרייז זיך געהאַל־טן, און דאַן, און זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך, זיך פאַר־האַלטן נידריג און שטייען געבליבן פון שוועבן. און דער פויגל האָט אויסגערופן:

– „ריז, נישט געזאָרגט און נישט געטרויערט, דיין פּאָר איז דיר שוין אָנגעגרייט, דיין פּאָר וואַרט שוין אויף דיר, אָבער דיין פּאָר איז זעהר ווייט פון דיר, און צו איר, און צום אָרט, וואו זי געפינט זיך, וועט דיך אָט דער בריף פירן”...

און דאָ האָט דער ריז פונם פויגל און צו די פיס פאַר זיך אַ בריף אַראָפּפאַלן געזעהן, אַ פאַרמאַכטן און אַ פאַרזי־געלטן, און ער איז אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און אים אויפגעהויבן, האָט ער אים אויפגע־חתמעט און אין אים לייענען גענומען, און אָט וואָס דער ריז האָט דאָרט אויסגעלייענט: —

„צום לעצטן פון די ריזן, וואו ער זאָל נישט זיין און וואו ער זאָל זיך נישט געפינען, — צי אויפן ים, צי אויף יבשה, צי אין ישוב, צי אין דער מדבר, — פיל שלום, ברכה און טייערקייט! צו־וויסן גיבן קומען מיר אים, אַז אויפן עק פון דער מדבר, דאָרט וואו די וויסטעניש קומט צום ים שוין צו, אויף ברעג און אויף שטיינער דאָרטיגע, איז אונז אַ אי־

בערבלייבונג און נאָך פון אַמאָל פאַרבליבן. און געקעניגט האָבן דאָרט אונזערע עלטערן לאַנג, און ביז זיי זענען אויס־געשטאָרבן, און ביז זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע אין גע־שלעגן אויסגעראָטן, איז אונז איצט פון גאַנצן ריזן־שטאַם נאָר איינע אַ טאָכטער פאַרבליבן; און וואוינען וואוינט זי אין טורם אין אַלטן, מיט די דריי פענסטער, וואָס איינס איז צום ים געווענדעט, דאָס צווייטע צו דער יבשה, און דאָס דריטע — הויך און צום הימל אויבן. און זאָגן האָט זי צוזאָגן, און הערשן הערשט נאָך איצט: אויף דער וואַסער און אויף די פיש פון וואַסער — אין ימים, אויף ערד און אויף בהמות און חיות פון ערדן — אויף יבשות, אוין אויף ווינטן און שטורם־ווינטן און אויף אַלערליי פויגלען — אין דער לופט פון אויבן. און אַלע הערן זיך צו איר צו, און אַלע אירע באַ־פוילן פאָלגן און זי אַליין אירע געטער פאָלגט, און זייערע געבאָטן היט. האָבן איר די געטער געזאָגט: וואָס וועט זי זיצן און וואָס וועט זי אויסזיצן, אַז איז׳ן איז די לעצטע, און דער קיסר־טורם האַלט אין אַלט ווערן, און קיינער פאַרריכט אים נישט, און אין זיינע ווענט האָבן זיך שוין האָלץ־ווערעם באַוויזן, און אומעטום איז שוין געלעכערט... און איז׳ן איז זי יונג, אָבער איר יוגנט גייט אומזיסט אַוועק, און איר לייב איז קרעפטיג, און פון איר מוטער־לייב קאָן אַ ריזן־דור אַרויס־קומען. האָבן זיי איר געעצהט: אַזוי ווי זיי ווייסן און אויף זיכער, אַז אַ ריז איז נאָך פאַרבליבן — צי אויף ים, צי אויף יבשה, נאָר ערגיץ איז פאַראַנען, און אויך ער איז אין איר לאַגע, און אויך ער איז דאָרט אַ איינציגער, און גאַרן גאַרט אַ צווייטע העלפט, און זוכט און האָט קיין פּאָר נישט — זאָל־זשע זי אים אָפזוכן און צו זיך און אין טורם ברייגנען... האָט זי געפאָלגט די געטער, האָט זי זיך צו אַלע פויגלען און צו די פלינקסטע און צו די געניטסטע געווענדעט, האָט זי זיי פאָרגע־

לייגט און געפרעגט: ווער וועט זיך דעם ריז נעמען אָפּזוכן? האָט זיך איינער און דער געשיקטסטער אַרויסגערופן, אַרויסגערופן און אויף זיך דאָס שליחות גענומען. האָט אים די קיסר־טאָכטער אַ בריף מיטגעגעבן, אויף דער וועלט צו פליהען און דעם ריז אָפּצוזוכן, אויף ימים און אויף יבשות – און קיין אָרט זאָל נישט פאַרפעלן – און אָט צו דיר, וואָס דו לייענסט איצט דעם בריף, און אָט צו דיר, פאַר ווען ער איז איצט צו די פיס געפאַלן, איז ער פון דיין איינציגער פאָר און פון דער ריזן־טאָכטער באַשטימט, און די ריזן־טאָכטער זאָגט: קום צו מיר... ליבע און טייערקייט וואַרט אויף דיר, אויף דיר און אויף דיין קומען, אויף דיר דעם איינציגן און אויף דיר דעם געוואַרטן פון לאַנג״.

אָפּגעלייענט, האָט דער ריז דאַן נאָך אַמאָל אויף אַרויף און צום פויגל־אָרט זיין קאָפּ אויפגעהויבן, איז דער פויגל ווידער אויף יענעם אָרט און אַרומשוועבנדיג געווען, האָט זיך צו אים געווענדעט דער ריז און ביי אים אַזוי געפרעגט:

— און ווי אַזוי קומט מען צו דער ריזן־טאָכטער?

— מיט די פיס.

— און וואו אַהין זאָל איך מיין וועג אנריכטן?

— אַהין, וואוהין דער פויגל וועט אָפּפליהען.

און דער פויגל האָט זיך פון זיין נידריג־האַלטן אין דער הויך אויפגעהויבן און נאָך אַמאָל עטליכע רעדער אַרום ריז און אַרום זיין קאָפּ געמאַכט, און דאַן, און אָפּרעדלענדיג, האָט זיך צו איינער אַ זייט און צו אַ האָריזאָנט איינעם אַוועקגעלאָזט און — אַוועקגעפלויגן. האָט זיך דאַן אויך דער ריז פון זיין זיץ־אָרט אויפגעשטעלט און מיטן פנים אהין, וואוהין דער פויגל איז אָפּגעפלויגן, זיך געווענדעט, און דאַן, און פאַרן ערשטן פוס אַוועקשטעלן, האָט זיך צום לעצטן מאָל צום

באַרג אויסגעדרייט, צו זיין הויך און שפּיץ אַ קוק געטון, און אַזוי געזאָגט צום באַרג:

— באַרג, איך זאָג צו, און כ׳באַשווער זיך: אַזוי ווי איך האָב דאָ הינטן און ביי דיין צופּיסנס גערוהט, אַזוי וועל איך פון אויבן, און אויף דיין העכסטער הויך מיינע געטער רוהען מאַכן, און איך זאָג אויך צו און גיב אַ נדר, אַז דעם ערשטן זון, וואָס וועט געבוירן ווערן, דאָס ערשטע קינד, וואָס וועט פון מיינע לענדן אַרויסגיין, וועט צו דיר פּאַר אַ נזיר אָפּגעגעבן ווערן, פּארן ערשטן כהן און געטרייסטן דינער צום באַרג...

אָפּגעזאָגט, און דער ריז האָט דעם ערשטן פוס אַוועק־געשטעלט — דער ריז האָט איין טאָג גאַנג געמאַכט, דעם צווייטן פוס — אַ צווייטן טאָג גאַנג, נאָך אַ מאָל דעם ער־שטן — און דער ריז האָט זיך אין דער מדבר־מיט אין עפּיס אַ געצעלט אָנגעשלאָגן... פון שטעקנס אין פון דרענגלאַך און פון ליילעכלאַך און שמאַטעס... און דאָס גאַנצע געביי האָט שוואַך־סוכהדיג און ביי דער ערד אויסגעזעהן, און אין מיטן דער מדבר און אין גרויסן עלנט פון דער מדבר גרויס רחמנות געוועקט... איז דאָס געצעלט אָבער זעהר קליין געווען, וואָלט דאָס דער ריז נישט באַמערקט אפילו, האָט זיך אָבער פון דער טיר און פון דער לאָך פון געצעלט עפּיס אַ מענש אַרויסגערוקט, אַ איינגעבויגענער און ווי פון דער ערד אויפגעגאַנגען, און איינגעהילט איז דער מענש געווען און מיט אַ טונקעלן מאַנטל פאַרוויקלט, און פון קאָפּ ביז די פיס איינגאַנצן, און קיין פּנים און קיין אויגן נישט אַרויסגעזעהן, האָט אים דער ריז דערזעהן, האָט ער זיך פאַרחידושט: ווער קאָן דאָס זיין און וואָס טוט ער אין דער מדבר דאָ? — האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, האָט ער אַראָפּגערופן און אויסגעשריגן:

— ווער איז דאָרט?

— דער קרעציגער — האָט אַ קול פון דר׳ערד׳ אַ פּאַר־דומפּנס׳ אַ שוואַכס און פון אונטערן מאַנטל־פּאַרווי־קעלטקייט אָפּגעגעטפּערט.

— און וואָס טוט ער אין דער מדבר דאָ?

— אין ישוב איז קיין אָרט פאַר אים.

— און פון וואַנען קומען די קרעץ צו אים?

— פון דער ריזן־טאָכטער, וואָס אין עק מדבר וואוינט.

— וואָס רעדט ער?

— זאָל ער זיך צו אים אנבויגן, זאָל ער זיך צו אים צו־בויגן, ער האָט קיין כח נישט, ער קאָן נישט הויך שרייען...

און דער ריז האָט זיך צו אים אנגעבויגן און אַ האַלבן קער־פּער אין דעם קאָפּ צו אים אַראָפּגעלאָזט, און דער קרעציגער האָט אָנגעהויבן, און דער קרעציגער האָט אַזוי דערציילט: —

— ביים עק מדבר און ביים ברעג פון ים איז אַ פּאַלאַץ פאַראַן, וואוינט דאָרט אַ ריזן־טאָכטער אַ לעצטע, פון אַלטן ריזן־שטאַם אַ פאַרבליבענע, — וואוינט אַ עלנדע און האָט קיין פּאָר נישט. געהט איר יוגנט אין אומעט און אין איינזאמקייט פאַרביי, פאַרברייגט זי עלנד און מיט די ווענט די צייט, דרעהט זיך אַרום און האָט קיין פריידן נישט, פון טאָג ביז נאַכט, און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך... איז איר אָבער בירושה מאַכט פאַרבליבן, האָט זי נאָך ביז היינט צו טאָג אויף אַלע פויגלען צו זאָגן, הערן זיי זי, ווי אירע עלטערן אַמאָל, הערן, דינען זי און אירע באַפוילן פאָלגן. האָט זי זיי צונויפגערופן און דעם בעסטן און דעם געשיקטסטן געשיקט, זאָל ער געהן און זאָל ער פליהען און זאָל ער פון עק וועלט איר איר באַשערטן און איר ריז ברייגגן. איז ער געפלויגן און געפלויגן, האָט ער געזוכט אַ צייט און קיינעם נישט געפונען, און לסוף און אַ היים זיך שוין אומקערנדיג, האָט זיך מיט מיר און אין וועג זיך געטראָפן. בין איך דאַן

יונג און אויך אַ ריז געוועןֿ און אויך איך האָב מיין פּאָר גע־זוכט, און אויך איך דאַן — מיין צווייטע העלפט. בין איך אים געפעלן געוואָרן, האָט ער מיר פאַרגעלעגט און זיין האַרינ־טע אויסגעלויבט, האָט ער מיר פון איר פיל דערציילט, און פון איר לעבן און פון איר עלנט אין פּאַלאַץ — בין איך באַשטאַנען אַן נאָכן פויגעל זיך געלאָזט, בין איך צו איר געקומען, צו איר יוגנט און צום וואוינונג אירן, און ליב פון איר אויפגענומען געוואָרן, האָב איך זיך באַזעצט ביי איר און אַ צייט ביי איר אָפּגעוועןֿ, האָב איך זיך באַקאַנט מיט איר, און איר מאַן און איר האַר וועדן געגרייט זיך... בין איך לסוף אויך איר מאַן געוואָרן. און געוועןֿ איז דאָס אַ ביינאַכט אַ מאָל, און אַ לבנה האָט דאַן אויפן הימל און אויפן ים גע־הערשט, און די לבנה האָט דאַן אויך צו אונז אין פענסטער אַריינגעשיינט, און איך בין מיט איר אינאיינעם געוועןֿ, און אויסער אונז אין פּאַלאַץ קיין בריאה. האָב איך זי דאַן דער־זעהן: ביי דער לבנה און אויפן בעט ליגנדיג, און איך האָב זיך דערשראָקן. און זי האָט געשוויגן און שטיל נאָר מיט די אויגן געקוקט, און אירע אויגן זיינען קאַלט געוועןֿ און דאָס פּנים איר׳ס פאַרטראַכט דאַן, און אינגאַנצן, ווי נישט קיין דאָרטיגע, און מיך ווי נישט באַמערקט גאָר... האָב איך זיך דאַן געוועןדעט צו איר און ביי איר אַ פרעג געטאָן: — וואָס טראַכט זי, און וואָס איז ביי איר אויפן זינען? — האָט זי מיר נישט געענטפערט. האָב איך זי נאָך אַ מאָל געפרעגט: וואָס איז מיט איר און וואָס זעהט זי אויס אַזוי, און פון וועמען איצט טראַכט זי? — האָט זי מיר אָפּגעענטפערט: „פון אַן אַנדע־רן און אַ בעסערן און נישט פון דיר, וואָס דו ליגסט דאָ”...

— וואָס הייסט — האָב איך ביי איר געפרעגט.

— אַזוי! האָט זי אויף מיר נישט קוקנדיג און ווי נישט ווילנדיג געענטפערט.

— פאַר וואָס?

— די ביזט קליין און קרעציג.

און באמת: ווי איך האָב זיך נאָך אירע ווערטער אַרום זיך אַרומקוקן געגומען, אַזוי האָב איך דערזעהן: ווי קליין און נישטיג בין איך בײַ אַ זייט בײַ איר און ווי אַ איבריגער געלעגן, ווי אַ נישט־באַדארפטער און אַ פרעמדער און ווי פון ענ־יצן דאָ איבערגעלאָזט געוואָרן; און זי איז שיין געוועזן און אַ אומגעוואוינליכע רוה דאן פארמאָגט, און זי איז שטיל געלע־גן און איך בײַ דער זײַט פון איר און דערצו נאך מיט עפיס א קרעציגקייט אזא באדעקט... בין איך אויפגעשפרונגען, בין איך פון בעט אראפ און זי ליגן געלאזט. האב איך נאך אויף איר א קוק געטאן און איר גלײַכגילטיגקייט און איר פאַר־פרעמדקייט געזעהן, און איר מיאוס־געפיל און איר־אלץ־איינס־צו־זיין צו מיין אַראָפּגיין. האָב איך זי נאָך באַטראַכט אַ ווײַ־לע, באַטראכט און באַלד פאַרשטאַנען: אַ מכשפה! אַ מכשפה האָט מיך באהערשט!.. בין איך באַלד אַרויס פון צימער, בין איך דאַן אויך פון פּאַלאַץ אַרויס און אונטערן פרייען הימל געקומען, בין איך צום ים דאַן צוגעגאַן און פאַר אים און פאַר זיין לבנה־הערשאַפט זיך געשטעלט. האָב איך דערזעהן דעם ים: בײַם ברעג און דאָרט וואו די וואַסער נישט טיף איז נאָך איז אַ קעמל און מיט אַלע פיר אין וואַסער געשטאַנען, ביז די קניען אין וואַסער און דעם קאָפּ פאַרריסן, און שטיל און אַזוי קוקנדיג, האָט נישט מיטן מויל געקייט, און נאָר מיט זיך און ווי מיט עפיס אַ מחשבה פאַרנומען געוועזן. בין איך צוגעגאַן צום קעמל, האָב איך אים אין מיין עלנט, ווי אַ פריינט געפונען, און אין מיין צער דעם דעמאָלטיגן — אַ נאָהענטן אין וואַסער. האָב איך זיך געווענדט צו אים און אים אַזוי געפרעגט: —

— און וואָס מיינסט דו, קעמל?

— כ׳מיין, ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, כ׳מיין, ביזט נישט דער ערשטער אירער.

— איז וואָס טאָן?

— אין דער מדבר אָפּגיין.

— און וואָס?

— און אַנדערע, אַזוינע ווי דו, זאָלסט פון וועג און פון אַהער־צו־גיין אומקערן.

און איך האָב געהערט דאָס קעמל, און איך האָב זיך דעם אויפן רוקן אַרויפגעזעצט, האָט דאָס מיך פון ים און פון ברעג אָפּגעפירט און אויפן זאַמד אַרויפגעהויבן, האָט דאָס מיך דערנאָך אין דער מדבר געבראַכט, האָב איך זיך דאָרט אין געצעלט באַזעצט, באַזעצט און אַלע דורכגייענדיגע און אַלע אַהין־זיך־לאָזנדיגע פון אַהין־צו־גיין וואורן, — און דאָס אינגאַנצן.

און דער קרעציגער האָט זיין דערציילן פאַרענדיגט, און דער קרעציגער איז שטיל אַזוי, אונטער זיין מאַנטל־איינגע־הילטקייט געבליבן, און אַזוי און אנשוויגן־ווערנדיג, פאַר־שטעלט און מיט קאָפּ אַראָפּגעלאָזטן, האָט מיט קערפּער און מיט שטייען שטומן אויפן ריז און אויף זיין איבער־אים־שטייען געוואַרט.

— און וואָס זאָל איך איצט טאָן, זאָגסט דו?

— נישט גיין.

— און דער פויגל, וואָס רופט?

— איז פון אירע שליחים.

שטיל און איינגיגע מינוטן. און דער ריז האָט זיך דאַן פון זיין אָנגעבויגן־שטייען אויפגעשטעלט, און דעם קאָפּ צום האָריזאָנט און אַהין, וואו דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן פריער, געקערעוועט. האָט ער אים געזוכט און מיט די אויגן אים אויסגעזעהן, איז ער נישט געווען און פון ערגיץ זיך

נישט באַוויזן, איז דערנאָך אַזוי אַ שטיקל צייט פאַרביי. איז ער פון ווייט צוריק צופליהן געקומען, אָנגעפלויגן און אַרום ריז זיך דרייען גענומען.

— און וואָס האָסט דו געוואָלט, ריז?

— דעם אמת וויסן.

— פון וואָס?

— פון דער ריזן־טאָכטער און פון דיין שליחות.

— ס׳איז אמת.

— און דער קרעציגער וואָס זאָגט?

— וזאָס אַ קרעציגער קאָן זאָגן.

— און אַ סימן?

— איז דאָס קעמל.

— וואו?

— אָט! — און דאָ האָט זיך נעבן ריז מיט אַ מאָל אַ קעמל שטייען באַוויזן, אין דער מדבר און אין דער מיט, און דעם האַלדז אַרויף פאַרהויבן, און קאָפּ און פנים אַנטקעגן אַ הימל־עק אָנגעשטעלט. איז דאָס אַזוי פאַרטראַכט געווען, איז דאָס צו עפּיס ווי גרייט געשטאַנען, און אַזוי און שטייענדיג, און אַזוי און גרייט זייענדיג, האָט ווי אויפן ריז און זיינע פראַגעס, ווי אים צו ענטפערן און ווי אים תשובות געבן, געוואַרט.

— און וואָס, קעמל, זאָגסט דו צום קרעציגן?

— כ׳קאָן אים נישט.

— און ווער האָט אים געבראַכט אַהער?

— נישט איך און נישט מיין מין — מיין גלייכן...

— קרעציגער! — האָט דאַן דער ריז אויסגעשריגן און אויפן קרעציגן און אויף זיין קאָפּ און קערפּער אַ פּוס אַ הויב געטאָן און אים אָנגעגרייט געהאַלטן. — קרעציגער!! — האָט ער נאָך העכער זיין קול אויפגעהויבן, און אויף אים

מיט אַ טאָל און מיט כח זיין פוס אַראָפּגעלאָזט··· און דער קרעציגער איז צו נישט געבליבן, און דער ריז האָט אויף אים זיין געצעלט און בײדל איבערגעקערט און זײנע שמאַטעס און דרענגלאך אויף אים אַ מצבֿה אויסגעשיט, און — זאָל ער ליגן, און זאָל ער נישט ליגנערן, און דער ריז האָט זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט.

און אַז דער ריז איז אזוי אַ טאָג און צוויי אין דער מדבר געגאַן, מיט קיינעם אויף זיין וועג זיך נישט אָנגעשלאָגן, און די מדבר האָט זיך נאָך נישט אויסגענומען און איר אויסגאַנג איז נאָך נישט צו זעהן געווען, האָט ער איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט אַ דאָרטיגן אופן וועג זיך אַראָפּגעלאָזט, אויף דער זאַמד זיך אַוועקגעלייגט, און דעם פויגל זיין באַגלייטער, זיין פֿירער און זיין פֿאָראויס־גייער, צו זיך רופן און אויף פֿאַרנאַכט אים אַיינלאַדן געגומען: פויגל, באַווייז זיך!·· האָט דער פויגעל פון אַ ווייטן הימל־עק און פון צוריק פליהן קומען זיך באַוויזן, שוין אין טונקעלקייט און מיט פליגל מאַטע, און נידעריג זיך האַלטנדיג און אין לעצטער שיין אין דער מדבר, איז ער צום ריז צוגעפלויגן, צוגעפלויגן און ביי אים אָנגעפרעגט:

— וואָס באַדאַרפסטו, ריז?

— ווי ווייט איז נאָך צום ריזן־טורם פרעגן.

— שוין נישט ווייט און דו קאָנסט זיך גרייטן.

— צו וואָס?

— צו נאַכט און צו נאַכטלעגער. לייג זיך.

און אַז דער ריז האָט זיך אַוועקגעלייגט, אויף דער לייגג פון דער מדבר די פיס און גלידער אויסגעצויגן, די אויגן פאַרמאַכט און פאַמעליך דעם שלאָף און מחשבות פון שלאָף זיך איבערגעגיבן, און אַזוי אויך איינגעשלאָפן פאַמעליך,

אַזוי האָט זיך באַלד אים הלומן אָנגעהויבן: — דער פאַרלאָזטער באַרג פון די געטער איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרן··· אין דער הויך און אויפן שפּיץ פון באַרג האָט זיך אַ טעמפּל באַוויזן, אַ נייער און אַ אויפגעבויטער, אַ באַנייטער און ווי היינט צו אַ יום־טוב געעפנט··· און איז׳ן איז אויף דער נאַכט אַצינד, און אין דרויסן איז טונקל און פינסטערליך, נאָר אין טעמפּל אינווייניג איז ליכטיג און באַלויכטן, און פון דאָרט און דורך די פענסטער די דאָרטיגע שיינט דער יום־טוב אויך אויף באַרג און אין דרויסן אַרויס··· און איז׳ן אין נאָך דערווייל דער טעמפּל ליידיג, נאָר אָט ווייזט זיך אויף זיין שוועל אַ איינער, אַ דינער און וואָס דעם טויער צועפנט, און דעם טעמפּל פאַר אָנקומענדיגע און פאַר אַריינגייענדיגע — זאָלן אַריינגייען. און אָט ווייזן זיך שוין אָנקומענדיגע פון באַרג, פון אַלע זייטן און פון זיין צופּיסנס, דורך טרעפּ און דורך סטעזשקעלאך פאַרשידן, און אַלע מיט ליכט אין די הענט, און אַלע די ליכט פון ווינט און פון פאַרלעשן פאַרשטעלן: — מ׳גייט אויף און מ׳קומט צו פאַר טעמפּל צו, און מ׳הויבט זיך צו זיין אַריינגאַנג אויף, און מ׳גייט אויך שטיל אין זיין אינווייניגסט אַריין. און די אויפגייענדיגע מערן זיך, און פרויען מיט קינדער גייען, און אַלטע ווערן דורך יונגע געפירט, און אַלע קומען אין טעמפּלס באַלויכטיגונג אַריין, און אַלע זיינען זיך אַהין מיט די ליכט צונויפגעגאַן. ווייזט זיך אין טעמפּל און אויף אַ בימה־הויך, ביי דער מזרח־וואַנט און אַנטקעגן דער טיר־אַריינגאַנג, אַ אַלטער כהן און אין ווייסן אָנגעטאָן געהילט. שטעלט ער זיך שטיל פאַרן עולם פאָר, שטעלט ער זיך פאָר און זאָגט אַזוי צום עולם: —

— אין נאָמען פון טעמפּל, און אין נאָמען פון די געטער פון טעמפּל, ערקלער איך פאַר ווידער אָפן און ווידער באַנייט

דעם טעמפל! דאָס האָבן מיר איינעם פון אונז, אונזערן אַ לעצטן און פון אונזער שטאַם אַ פאַרבליבענער, צו פאַרדאַנ־קען, דאָס האָט ער באַגערט, דאָס האָט ער געגאַרט צו אַ באַניי־אונג, און אַ דאַנק זיין ווילן, און אַ דאַנק זיין גאַרן, האָבן מיר זיך איצט צונויפגעזאַמלט, האָבן מיר זיך איצט צונויפגעקו־מען אַהער. לייג איך אייך איצט פאָר: באַעהרט דעם טעמפל...

און דער עולם האָט דעם כהן געהערט, דער עולם האָט זיך מיט די ליכט אין די הענט אויף די קניעס אַראָפּגעלאָזט, און דער כהן האָט אויף זיי זיינע הענט אויפגעהויבן, און דער כהן האָט אויף זיי שטיל מתפלל געווען, און דער עולם האָט שטיל געקניט, און אויף זיך און אויף די קעפּ זייערע די תפלה און איר שטילקייט גענומען...

— און איצט, — האָט דער כהן געזאָגט — שטייט אויף און הערט.

און דער עולם איז פון קניען אויפגעשטאנען, דער עולם האָט זיך פון דער ערד אויפגעהויבן, און אַלע האָבן אויפן כהן געקוקט, און אַלע האָבען אויף זיין וואָרט געוואַרט. און דער כהן האָט זיך ווייטער אָנגערופן, און דער כהן האָט אַזוי געזאָגט:

— אין נאָמען פון טעמפל, און אין נאָמען פון די געטער פון טעמפל, שענקן מיר דעם גוטס־טוער אונזערן אַ גע־שאַנק אַצינד, שענקן מיר אים צו זיין חופה־נאַכט צוויי ליכט נישט אָנגעצונדענע, פאַר אים און פאַר זיין פּאָר, פאַר אים און פאַר דער ריזן־טאָכטער פון אים אויסדערוואוילטער.

און דאָ האָט זיך דער כהן פון בימה־טיש, וואָס איז פול מיט ברענענדיגע ליכט באַשטעלט געווען, צוויי נישט קיין אָנגעצונדענע, צוויי נישט ברענענדיגע אַראָפּגענומען: גרוי־סע און לאַנגע, וועקסענע און מיט קנויטען נאָך נייע, האָט ער

זיי אין בײדע הענט גענומען, האָט ער זיי צום עולם אויס־געשטרעקט, האָט ער אויסגערופן און ווידער געזאָגט: —

— זאָל ער צוגיין און זאָל ער זיי נעמען, אונזער גוטס־טוער און אונזער טעמפּל־אויפריכטער, צו זיין חופּה און צו זיין נאַכט דער ערשטער, און אַז ער מיט זיין באַשערטער, אַז ער מיט זיין פּאָר ווען זיך פאַראייניגן, וועלן זיך דאַן אויך די צוויי ליכט מיט די קנויטן צונויפגיין, וועלן זיי זיך אָנצינדן איינס ביים צווייטן, וועלן זיי צו איין פייער ווע־רן, וועלן זיי דאַן צו מענשן אָפּגעשיקט ווערן, וועלן מענשן די ליכט דערזעהן, וועלן זיי וויסן: אַ אַלטער שטאַם איז צו־ריק אויפגעריכט געוואָרן, אַלטע געטער זענען צוריק צום לע־בן געקומען, און די ריזן און די משפּחה פון ריזן האָבן צוריק זייער ממשלה און זייער געוועלטיגונג באַקומען...

און דער ריז האט דאס אויסגעהערט, ווייל דער ריז איז צווישן עולם געווען, האט ער זיך ארויסגערוקט פון צווישן עולם און צו פאר אלטן כהן און פאר זיין בימה־שטאנד גע־נעהנט, האט ער צו אים די הענט אויסגעשטרעקט און ביי אים די ליכט צוגענומען און מיט זיי אויף צוריק זיך גערוקט.

און אט, ווי דער ריז איז אזוי צוריק און מיט די ליכט גע־גאנגען, אזוי האט ער דערזעהן: טונקל און אויסגעלאשן האט אין טעמפל דאס ליכטיגקייט גענומען ווערן, אויס יום־טוב און ווי עפּיס א טרויער האט זיך אויף די ווענט אנגעצוי־גן און אויפן גאנצן עולם האט זיך ווי א טונקל שאטן־איינגע־הילטקייט אראפגעלאזט, און דער גאנצער עולם איז אין דער פינסטערליך געבליבן, און די ליכט אין די הענט זייערע האבן איינגיין און זיך אויסלעשן גענומען, און אויך די ליכט פון דער בימה — צו צאנקן און איינציהען זיך מיט שיין. איז אין טעמפל דאן שטיל געווארן. האט מען אויף דער בימה דער־זעהן: אויפן ארט פונם כהן דעם פריערדיגן איז איצט א

מענש און א איינגעבויגענער, א פארהילטער און אין עפּיס א מאנטל א מין געשטאנן, און זיין פּנים האט מען נישט גע־זעהן, און אויך נישט זיין קערפּער גאר, און אויך זיין קאפּ איז אים פארדעקט געווען, און פון אונטער זיין פארדעקט־קייט האט זיך זיין קול דערהערט, האט זיך עס שוואך דער־הערט און אזוי געזאגט:

— און זאל ער נישט מיינען דער ריז, און זאל זיך אים נישט אויסדאכטן, אז דאס, וואס ער זעהט אצינד, איז גע־זעהן טאקי, און אז דאס, וואס ס׳קומט איצט פאר זיינע אויגן פאר, געשעהט טאקי און מיט אנ׳אמת... ס׳איז א חלום נאר און פון אים א אויסטראכטעניש, ס׳איז זיינס א אויסווייזונג און ווייל ס׳וויל זיך אים, און גערעכט איז דער וואס איצ־טער רעדט, און רעכט געהאט האט קרעציגער, און ער זאגט: צוטראָטן האט ער אים, אבער נישט זיין אמת, הערן וויל אים נישט, אבער איז׳ן איז אזוי...

און דא איז פון פאר די אויגן פון ריז דער גאנצער טעמ־פּל און אַלץ, וואס האט פארפולט דעם טעמפּל, פארשווינדן גע־ווארן, און דער עולם איז נישט געבליבן, און אויפן בארג האט דאס פריערגע פּוסטקייט געהערשט, און שטיל נאר אין דער נאכט און אויפן בארג־שפּיץ פון אויבן איז שטיל דאס געצעלט פון קרעציגן, און נעבן דעם דער קרעציגער גע־שטאנן... און דער ריז האט אויפגעציטערט, און דער ריז האט זיך אויפגעכאפּט.

— פויגל! — האט ער א געשריי נעטאן, — וואו ביזטו?

און אז דער ריז האט אינאיינעם מיטן געשריי די אויגן א עפן געטאן, און ארום זיך אוך ארום זיין געלעגער וויית און אויף אלע זייטן זיך ארומגעקוקט, אזוי האט ער אויף אומעטום א גראהען פארטאג נאר געטראפן, א שטילן און א מדבּרישן, און קיינער איז נעבן זיין געלעגער נישט געווען,

און קיין באשעפעניש האט זיך פון ווייט נישט באוויזן, און אלץ האט נאך געדרימלט, און אלעס נאך — טויט געשוויגן. האט דער ריז דאן נאך אמאל צום פויגל גערופן, גערופן און יענער האט זיך אנגערופן. איז ער צופליהן געקומען, פון פארדרעמלטקייט און פון פארגראהטקייט ארויס, און ווי א פארשלאפענער זיך פארן ריז פארגעשטעלט, האט ער זיך פאר אים באוויזן אזוי און ביי אים „וואס ער דארף" א פרעג געטאן.

— א חלום האט זיך מיר געחלומט.

— כ'ווייס.

— און וואס?

— ס'איז גאר נישט.

— און די צוויי ליכט?

— אט זיינען זיי!

און דא האט דער פויגל אויף נעבן א זייט זיינער אנגעוויזן, איז שוין דארטען פון פארטאג און ווי פון לאנג דארט ווידער דאס קעמל געשטאנען, האבן אויף זיינע צוויי הארבעס צוויי ליכט זיך באוויזן, צוויי גרויסע און לאנגע, וועקסענע און נאך נישט אנגעצינדענע; זיינען זיי איינס אנטקעגן דאס אנדערע געשטאנען, גלייכע און אויפגעשטעלט און איינס אנטקעגן צווייטן פונקט, און שטיל אזוי זיי האלטנדיג און קעמלדיג אזוי די ליכט אויף די הארבעס טראגנדיג, האט דאס קעמל ווי אויפן ריז און אויף זיין פון דער־ערד־אויפשטיין ארויסגעקוקט, אויף זיין אויפשטעלן זיך און אין וועג זיך לאזן געווארט.

און דער ריז איז אויפגעשטאנען, און פון נאכט און ליגן זיך אפגעטרייסלט, און דער פויגל איז שוין און דער ווייט אפגעפלויגן, און אויך דאס קעמל האט זיך פון ארט גערירט, און אויך דער ריז איז דאן פון זיין ארט אפגעגאן, אפגעגאן און צום טאג און צום ווייטער־גיין זיך געלאזט.

און צום דריטן און צום לעצטן מאל איז דער קרעציגער דעם ריז אין וועג געקומען. און געוועזן איז דאס אזוי: נאכ־דעם, ווי דער ריז איז שוין א צייט אין וועג געהאט געוועזן, שוין די מדבר אין די ברייט געהאט דורכגעשפאנט און באלד צום סוף אירן און צום אנהויב ים און צום טורם ביים ים זיך דערנעהענט, — אזוי האט ער איינמאל אין מיטן העלן טאג אין דעם מדבר א מדבר־בילד דערזעהן: — און אפגעשפיגלט, און אין העלער מדבר געבראכט און פארגעשטעלט האט די זון פארן ריז: א גרויסע שטאט, וואס איז פול מיט מויערן געבויט געוועזן, און פול מיט גאסן איז די שטאט, און פול מיט טומל און מיט מענשן אין די גאסן, און מענשן איילן זיך ערגעץ און איינס אנטקעגן דאס אנדערע קומען און מענשן מיידן זיך אויס אין איילעניש, און מענשן זיינען שטארק באשעפטיגט אלע. האט זיך פלוצלים א פלאץ אין שטאט אויפגעעפנט, א גרוי־סער און א ריזיגער, און וואס א גרויסע מענגע קאן זיך צו־נויפנעמען און זיך צונופזאמלן אהין, איז דער פלאץ דערווייל ליידיג און מיט קיינעם נישט פארנומען געוועזן און אויפגע־ראמט און מיט ליידיגקייט איז געשטאנען, און קיינער האט זיך נישט געוויזן דארטן. האבן דערנאך צו אים מענשן אנקומען גענומען, פון אלע זייטן און פון אלע גאסן, וואס פירן אהין, און פון אלע עקן און אויך פון אונטערגעסלאך ארויסצוקומען: — פריער איינציגווייז און ביי די עקן זיך געהאלטן, דערנאך געמערט זיך און אויך אין דער מיט אריין, און פאמעליך־פאמעליך דעם פלאץ אלץ אנגעפילטער געמאכט, און אלץ מער און מער און צו א גרויס פארזאמלעניש געווארן. איז דער פלאץ פול און באדעקט געוועזן, און שווארץ פון מענשן האט ער אויסגעזעהן, און א שווארץ פארפולעניש האט די גרויס זיינע פארנומען. האט זיך דאן אין דער מיט אין זיינער א הויך ארט באוויזן. צי פון האלץ און ברעטער געמאכט, צי

פון זאמד אנגעשיט — איז נישט צו זעהן געווען פון דארט, און אויף יענעם ארט, דעם אונטערגעהויבענעם, האט זיך א מענש ארויסגערוקט און העכער פון אל דעם פארזאמלעניש האט זיך אנגעזעהן. האט דער מענש א ווײַלע דעם עולם אויסגעווארט, א מינוט און צוויי און זיך איבערגעקוקט אין ווארטן, און דאן, אום דעם עולמס אויפמערקזאמקייט צו זיך צו ווענדן, האט א האנט אין דער הויך אויפגעהויבן, אויסגעשטרעקט און אויס־גערופן צום עולם:

— „עולם און פארזאמלונג גרויסע, א יום־טוב איז אונז היינט אויסגערופן, א גרויס־געשעהעניש האט אונז היינט צו־נויפגענומען, ווייסט: אין דער מדבר האט זיך א ריז באוויזן, אין דער מדבר האט ביז א הער א עלנדער געוואוינט, און א לעצטער איז ער געווען, און איינער נאר און א פארבליבע־נער, און איצט האט זיך אים זיין פּאָר געטראפן, און היינט גייט ער מיט זיין פּאָר זיך פּאָרן; און אויפשטעלן מיינט א דור, ווי ער און ווי די אמאליג־עלטערן זיינע, און גרויסע ריזן וועלן פון זיינע לענדן ארויסגיין, און גרויסע ריזן וועלן אין ישוב איצט אנקומען, און א ניי־געוועלטיגונג וועט איבער אונזערע קעפּ איצט הערשן. און הויך וועט דעם ריזס מלוכה געבויט זיין, און ביזן הימל וועט זי דערגרייכן, און די הויכע זון וועט פון הימעל דערלאנגען אום מיט איר זיין קאפּ צו קרוינען. און געשיצט וועט איר זיין און פון דער ריזן־קרוין באהיט, און קיין שונא וועט אויף אייך נישט אנ־פאלן און קיינע פיינט־חילות וועלן אייערע גרעניצן נישט אריבערטרעטן... הערט־זשע אויס און פארנעמט דאס אלעס, הערט עס אויס און פרייט זיך מיט דעם געזאגטן!“

און דער עולם האט דאס אויסגעהערט, און דער עולם האט געשוויגן, און דער עולם האט נאכן מענשנס רייד פון ארט זיך נישט א ריר געטאן, און קיינער האט קיין קול נישט

אויפגעהויבן און קיינער האט קיינעם צו קיין פרייד־אויס־דרוקן נישט געוועקט. א׳יז מען אַזוי שטיל געשטאנען, האט מען אזוי געווארט אויפגעהאלטן, און פלוצלים — און פון דער מענגע ארויס האט זיך א קול דערהערט, א קול א איינציגס און וואס ס׳האט איבערן גאנצן פלאץ געקלונגען, געקלונגען און אויסגעשריגן: מיר דארפן אים נישט! מיר נויטיגן זיך אין אים נישט! מיר ווארטן נישט אויף אים, ער זאל די זון פארשטעלן...

— מיר דארפן אים נישט! מיר ווילן אים נישט! — האט זיך פון אלע עקן און פון אלע זייטן און אויך פון דער מיט דער גרויסער און פון אלע מיילער שוין געטראגן — מיר דארפן נישט, ער איז אונז פרעמד, דער ריז, ער וועט איבער אונזערע קעפּ טרעטן, ער וועט אונזערע בנינים חרוב מאכן, ער וועט אונז די זון פארשטעלן און אויף אונז א פינסטער־ניש שיקן, — מיר דארפן אים נישט!

אלע האבן זיך צו דער ערד א בויג געטאן, און אלע האבן הויפנס ערד און הויפנס שטויב און שטיינער אנגענומען, און אלע האבן זיך מיט די אנגעפולטע הויפנס צו דעם מענשן, וואס איז אויפן הויכן ארט געשטאנען, געווענדט, געווענדט און אויסגערופן:

— וואו איז ער? — האבן אלע אין איין קול און אין איין ליארם־אויסרופן געשריגן. — אט! האט זיי דער מענש אויפן ריז און וואס איז דאן אין דער מדבר געשטאנען, אנגע־וויזן — אט איז ער און טויט מיט אים, אט איז ער און אין די הענט אין אייערע!

און דער עולם האט ווארפן גענומען, שטיינער געשאטן און שטויב געשטויבט, און א גרויסער טומל איז צווישען דער מענגע געווארן, און איינער האט אויפן אנדערן אנגעטריטן, און איינער האט דעם אנדערן געשטויסן, און אלע האבן זיך

צונויפגעדרענגט און אנגעלאפן איינער אויפן צווייטן, און אלע האבן זיך אלץ נעהענטער און נעהענטער צום ריז גע־ריסן, און פלוצלום – און אפגעטאן האט זיך דאס זעהונג, און נישט געבליבן איז דער עולם, און דער פלאץ איז ליידיג געווארן: אפגעראמט און אהן קיינעם, אויסגעליידיגט און קיין נפש נישט צו זעהן, און נאר אויפן ארט אויפן הויכן איז איינער אליין און דער פריער־אויסרופער געשטאנען און פנים צו פנים מיטן ריז זיך איבערגעקוקט, און, שטיל אזוי זיך איבערקוקנדיג, געשוויגן און אליין אויפן פלאץ נאר ביידע, איז ער איצט אליין געוועזן, דער אויסרופער, האט ער איצט עפיס טרויעריג און ווי נאך עפיס פארלירנדיג אויסגעזעהן, האט ער זיך נאך זיין שווייגן און אויפהאלטן געווענדט צום ריז, האט ער זיך צו אים אנגערופן און אזוי געזאגט: –

– ריז, וואוהין גייסט דו? און וואוהין זיינען דיינע טריט אנגעריכט?

– אהין, וואוהין דער פויגל רופט! – האט דער ריז געענטפערט.

– נאך וואס?

– די אלטע ריזן כחות צו דערוועקן און דעם ישוב מיט מאכט באגליקן.

– ווער דארף עס?

– איך וויל עס און איך מוז עס!

– און דער עולם?

– איז דעם קרעציגנס!

און דא האט זיך דער מענש, וואס פאר ריז, צו פארהילן און ווי זיך אין עפיס איינדעקן גענומען, דאס פנים און דעם קאפ באגראבן און אין זיין קלייד זיך באהאלטן... איז שוין דאן פארן ריז זיין אלטער און זיין באקאנטער, דער קרעצי־גער און דער פריערן, אין זיין איינגעבויגנקייט און אין

זיין אייגעהילטקייט געשטאנען, און דער ריז האט צו אים א שפאן געטאן, און דער ריז האט מיט כעס און עקעל אויף אים א געה געטאן... איז דער קרעציגער נישט געבליבן, און אויך דאס גאנצע זעהונג אין דער מדבר איז באלד פון פאר ריז און פון אויג אים פארשוואונדן, און נושט די שטאט איז געבליבן, און נישט די גאסן אין שטאט, און יעדער שפור פון זיי איז פארלוירן געגאן, און – אין מדבר איז דאן שוין פארנאכט געווען, און אז דער ריז האט זיך נאכ׳ן שפאן ארומ־געקוקט, און נאכ׳ן גיי צום קרעציגן, ווי די אויגן געעפנט, אזוי האט ער פאר זיך שוין די מדבר און ביי איר אויסגאנג דערזעהן... און מיט ים האט אויף אים א שמעק געטאן, און באלד האט ער פון ים דעם ברעג באמערקט, און אויפ׳ן ברעג איז א טורם געשטאנען, א אלטער און א פארעלטערסער און מיט פענסטער, וואס האבן אי צום ים אי צו מדבר געקוקט... איז שוין דאן פארנאכט געווען און אויפ׳ן טורם־שפיץ האט א פאַן געפאנט און די פאן האט גערופן, און די פאן האט אין טורם אריין איינגעלאדן, און דער ריז האט זיך געלאזט אהין, און דער ריז האט צום טורם זיינע טריט אנגעריכט...

האט ער דאן דערזעהן: – און דער פויגל איז צו איינעם א טורם־פענסטער צוגעפלויגן, און מיט פליגל מידע אין א שויב דארט אנגעקלאפט. האט זיך דאס פענסטער געעפנט. האט זיך פון דאר׳ט א קאָפּ ארויסגערוקט, א גרויסער און א זעלטנער, א טורם־טאכטערדיגער און וואס לאנג אויף עמי־צען פון דער מדברווארט. האט ער זיך באוויזן און זיך צו־שטראלט, און צום אנקומענדיגן און זיך ווייזענדיגן ווי זיך אַ ריס געטאן אנטקעגן. האט אים דער ריז דערזעהן, און דער ים איז רוהיג געווען, און ביים אנהויב, און ביי ברעג ביי זיינעם איז אויך דאס קעמל און פון דער מדבר אנקומענדיג געשטאנען, געשטאנען און מיט די ליכט אויף די הארבעס,

מיט די גרויסע און מיט די שווייגנדיגע, מיט די וועכסענע און די נאך נישט אנגעצונדענע קיינמאל.

איז דער ריז דאן אין טורם אריין. און ווי ער האט זיך מיט דער טורם־טאכטער באגעגנט, האט קיינער נישט געזעהן, און ווי זיי האבן זיך באקאנט צום ערשט, איז קיינער נישט געווען דערביי. ווייל א חדר אין א חדר האט זי געהאט, און אין יענעם חדר איז זי נישט געקומען קיינמאל, און יענץ חדר איז פון אלעמאל אפגעשלאסן געשטאנען, און נאר אויף דעם פאל ביי איר אנגעגרייט געווען. און א טיש און א לאמפ איז דארט געשטאנען, און דער לאמפ האט זיך נישט אנגעצונדן קיינמאל, נאר היינט און צום באגעניש האט געברענט צום ערשטן.

זענען זיי אריין. און א שעה איז אוועקגעגאן — און זיי זענען דארט שטיל געווען, און נאך א שעה — און זיי האבן זיך אלץ געזאָמט... און די נאכט איז אנגעקומען און אויפ׳ן הימל האבן זיך שטערן געוויזן, און די נאכט איז צוגע־פאלן — און דער טורם און דער לאָמפ פון טורם האבן מיט גרויסן יום־טוב ליכט געלייכטן... און שפעטע נאכט האט דערגרייכט — און דער ים האט פון שלאף גערעדט, און דאס קעמל איז ביים ברעג געשטאנען און האט זיך צום ים׳ס רעד צוגהערט, און דאס קעמל האט די פיס אין וואסער גע־נעצט, און אויפ׳ן טורם און אויף דעם לאָמפ פון דארט גע־ווארט... האט ער זיך לסוף אויסגעלאשן, דער לאָמפ... און שטיל איז דארט געווארן, און דער טורם איז אלט און פארעלטערט געשטאנען, און דאס פינסטערניש, ווי באנייט היינט אבער, און ווי קיינמאל נישט פינסטער געווען ביז א הער... און דער ים האט געזיפצט, און דער ים האט מיט כחות געאטעמט. און דאס קעמל איז שטיל געשטאנען, און דאס קעמל האט אויף סוף־נאכט ארויסגעקוקט. האט זיך דאן אויך אויסגעלאזט די נאכט. האט זיך אויפ׳ן הימל דער

שטערן פון פרימארגן באוויזן און אויף ים און אויף מדבר אראפגעקוקט, אוןביידע אינאיינעם מיט איין בליק און מיט איינע חסדים געבענשט... האט זיך פון טורם דאן א פענסטער געעפענט, א פענסטער און וואס צום ים קוקט ארויס, און עפּיס א קול האט זיך אויפ'ן ברעג און אויפ'ן וואסער דערהערט:

– די נאכט איז אריבער און מיט מזל אונז די נאכט, און אויך פאר ליכט און אויף די הארבעס ביים קעמל איז די צייט שוין געקומען...

האבען זיך דאן די ליכט, וואס אויף די הארבעס ביים קעמל איינס צום אנדערען צוגעבויגן. האבן זיי זיך דערנע־הענט איינע צום צווייטן, און דער מארגענשטערן האט דאס צוגעזעהן, אין דער מארגענשטערען האט זיי פון הימל שיין אראפגעשיינט, און ביידע קנויטן האבן זיך אנגעצינדן, און ביידע קנויטן האבן זיך אין איין פייער פאראייניגט, און – דאס קעמל איז פון וואסער ארויסגעגאן און פון ים־ברעג ארויסגעשפאנט, און אזוי, און מיט די ליכט שוין ברענדיגע, און אזוי, אין פארטאג דעם שטילן, האט זיך עס מיט דעם פנים צו דער מדבר און צום וועג אהין געווענדט, און מיט'ן געדאנק אויך אויסער מדבר און מיט ליכט און בשורה אין ישוב אנצוקומען...

און אויף אָט דעם קעמל וואַרט איך דא, אויף אט דעם קעמל קוק איך ארויס ביי גרעניץ, און שוין א צייט, אז ס'גייט אין דער מדבר, און צייט שוין קומען דעם.

אזוי דערציילט די בריאה.

# אין וואַלד.

– „וואָס וויל מען פון מיר? וואָס וויל דאָס שפּילן פון מיין לעבן האָבן? און איך האָב דאָך מיין נשמה געשוואָרן מיט איר אין שטילקייט צו לעבן. און געזאָגט האָב איך איר: אָט האָסט דו דיר אַ וואַלד אַ ווילדן, מיט פריהמאָרגנס און אויפדערנאַכטן, מיט שטילע אויפשטיינס און נאָך שטילערע באַלייגנס, און מיט אַ הייל און מיט אַ לעבן אַן אָפּגעזונדערטן, און חברן וועסט זיך נאָר מיט יונגע וועוורעקלאַך אויף בוימער, מיט בלינדע מױלוואורפן אין זייער אונטערגראָבנס, און אין ליכטיגע פריהמאָרגנס וועסט דו ביים ברונעם וואַסער שעפּן און אין פינסטערע אָוונטן מיט די ליפּן דאָס נאַכט־געבעט שעפּטשען, און מיט קיינעם קערסט דו זיך נישט אָן, און קיינעם זעהן ביזט דו נישט מחויב, און קיינער וועט דיר דאָ דיין רוה נישט שטערן, און קיינער וועט דיר דאָ דיין וואַלד־לעבן נישט איבערשלאָגן.

אַזוי האָב איך איר צוגעזאָגט און זי האָט מיר געגלויבט און איז באַשטאַנען, און ווי אַ טאָכטער האָט זי דעם קאָפּ צו מיין שויס צוגעלייגט, און איך האָב זי געגלעט און באַרו־היגט: „יאָ, טאָכטער, און יאָ, טאָכטער", און מיר זיינען אין וואַלד אַוועקגעגאַן און אַ צייט אַזוי דאָרט אָפּגעלעבט, און פּלוצלום – אַן אָנשיקעניש: און ווען מ׳דאַרף ניט דעם שפּילער, איז ער דאָ, און ווען מ׳רופט אים ניט, איז ער אויסגעוואַקסן, און ווען אין וואַלד קיין ווינטן זיינען ניטאָ, מאַכט ער אונז ווינטן הערן, און ווען קיין רעגן גייט ניט, מאַכט ער רעגענען אין וואַלד, און אין די רוהיגע פאַרטאָגן

אונזער רוה שטערט ער, און אין די אָוונטן און אין די ביי־נאַכטן אונז ניט שלאָפן לאָזט; און טאָכטער איז שוין באַ־הערשט פון שפּילער, און די טאָכטער אַ פאַרטראַכטע גייט שוין אום, זי האָט זיך שוין אין טאַטן און אין זיין צוזאָגן פאַרגעסן, קוקט זיך דורך די בוימער שוין איין, זי וויל שוין וויסן און קענען דעם שפּילער — דאַרף מען דערום דערגיין, דאַרף מען, ווער ער איז, געוואָר ווערן"...

אַזוי האָט צו זיך אַליין, אין אַלטן וואַלד, דער איינציגער איינוואוינער דאָרט גערעדט, געפּיהלט, אַז אַ פרעמדער כח, נישט קיין אייגענער און נישט קיין געטרייער האָט זיך אים אַהער באַוויזן, וואָס וויל אים פון זיין אָרט אַרויסנאַרן, זיין געשטעלטן לעבנס־שטייגער שטערן, און זיין שטיל־געשאַפענע וועלט אים אומברענגען. האָט ער זיך פאַרטראַכט און לאַנג באַקלערט די זאַך, האָט ער עצות געזוכט און דער עיקר פאַר דער טאָכטער זיך געזאָרגט. און איינמאָל, אין אַ פאַרטאָג, ווען ער האָט די טאָכטער נאָך וואַסער צום ברונעם אַוועקגעשיקט און אַליין אין זיין הייל געבליבן, האָט ער פון זיין שויס עפּעס אַ פאַרוויקלטע זאַך אַרויסגענומען, זי צעוויקלט און זי באַטראַכט, און דאַן זי ווידער פאַרוויקלט און צוריק אין שויס זי אומגעקערט, און דעמאָלט, און ווי געשטאַרקט פון דער זאַך, האָט זיך אַזוי געזאָגט שוין אַ געשטאַרקטן: „ס'איז דאָ אַן עצה, אויף דער ערשטער פּרוב־נאַכט אַ מיטל"; און אַז די טאָכטער איז באַלד צוריק פון ברונעם געקומען און אין דער האַנט ביי איר די קריג מיט וואַסער, האָט זיך דער וואַלד־איינוואוינער געקערט צו איר, און צו איר, נאָך אויף דער שוועל שטייענדיגער, אזוי געזאָגט:

„— טאָכטער, כ'ווייס ביזט אומרוהיג, און דיינע געדאַנקען זיינען דיר מיטן שפּילער פאַרנומען, און דו ווילסט אים זעהן, און דו גאַרסט עס שטאַרק, און דו קאָנסט זיך נישט איבערשטאַרקן,

און פאַרהאַלטן דיך בין ניט בכח, און געגן דיין ווילן דיר גיין איז ניט אין שטאַנד אין מיינעם, האָב דערום דיר העלפן באַשלאָסן, בין איך דיר דערום גרייט צו הילף, און מיט אונזערעביידנס כח וועלן מיר זיך דערשלאָגן צום געוואָלטן — קום מיט מיר.״

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיין טאָכטער פאַרנומען און האָט זיך מיט איר אין וואַלד, אין טיפן און אין געדיכטן, אַוועקגעלאָזט, און וואוהין ער האָט זיך גיין געלאָזט, האָט ער איר נישט געזאָגט, און וואָס ער האָט אין זינען געהאַט מיט זיין גאַנג, האָט ער איר ניט אויפגעדעקט, נאָר גייענדיג, האָט זיך באַלד אין אַ חיה־שער ערד־לאָך אָנגעשלאָגן, וואָס איז אונטער אַן אַלטן בוים, אין אַן אויסגעהוילטן און אין אַ דורכגעפוילטן געווען. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן, און באַלד אַהין אַריינגעשריגן און צו די דאָרטיגע איינוואוינער גערופן: — „ווער איז דאָרט, און ווער איז אין דער היים אַצינד, איך דאַרף האָבן, און איך גיי דאָ מיט דער טאָכטער דורך.״

האָט מען זיך פון דאָרט אָפּגערופן: „דער מאַן איז אַוועק־געגאַן, און איך בין מיט קליינוואַרג אין דער היים, און וואָס אַזוינס האָט געטראָפן, און מיט וואָס קאָן אפשר איך דינען״.

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט געענטפערט: אפשר איז אייך אויסגעקומען און אין לבנה־נעכט, די לעצטע צייט, ווען מיט אייערע קינדער שפילט זיך, צווישן בוימער און צווישן ליכט און שאָטן, אין איינעם אַ שפּילער, נישט קיין געוועזענעם ביז אַהער און נישט קיין באַקאַנטן קיינעם, זיך אָנשלאָגן, צי האָט איר אים געזעהן און צי קאָנט איר מיר ניט זאָגן, וואָס פאַר אַן אויסזעהן ער האָט, ווער ער איז און וואָס טוט ער דאָ?

— ניין! — האָט מען פון דער ערד־לאָך אָפּגעענטפערט — אונז אַזוינער האָט זיך נישט געטראָפן, נישט אין דער לעצטער צייט און אויך נישט פריער קיינמאָל, און מיר ווייסן נישט, און אויך אונזער „ער״ ווייסט נישט, און מיר הערן דאָס דאָס ערשטע מאָל, און אויך אונזערע שכנים און אייגענע האָבן דערפון נישט שמועסן געהערט.

האָט דאָס אויסגעהערט דער וואַלד־איינוואוינער און מיט זיין טאָכטער אָפּגעגאַן, און אין וואַלד איז שוין דאַן גרויסער טאָג געווען, און אַלעס איז שוין מיט אַרבעט פאַרנומען געווען, און פויגלען און פויגעלאַך האָבן זיך עסן געזוכט, און באַבעלאַך און ווערעמלאַך האָבן זיך אויף דער ערד און אונטער בלעטער גערירט, און זון האָט געוואַרעמט און וואַלד האָט געשפייזט, און ליכט און שאָטן האָבן זיך אין לויפערלאַך געשפילט און ליכט־פלעקן און זומער־שפרענקעלאַך זיינען זיי נאָכגעלאָפן; האָט זיך דער וואַלד־איינוואוינער אַרומגעקוקט, אַז ער מיט דער טאָכטער זיינען פון דער הים שוין ווייט, און אַז אַ גרויסע שטיק וועג האָבן זיי שוין דורכגעמאַכט; און געגאַנגען זיינען זיי באָרוועס, ווייל די שיך האָבן זיי ניט מיטגענומען פון דער היים, און אויך קיין עסן האָבן ניט געהאַט, ווייל אויך קיין עסן האָבן זיי זיך נישט פאַרגרייט אין וועג. האָט זיך דער וואַלד־איינוואוינער אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעזעהן, און צו דער טאָכטער האָט זיך דאַן געקערעוועט, און צו דער טאָכטער האָט ער געזאָגט:

— טעכטערל, ס׳איז שוין באַלד האַלבער טאָג, און פון דער היים זיינען מיר אָהן עסן אַוועקגעגאַן, און דו ביזט שוין מיד און הונגעריג געוויס — אַר־זשע מיר אויס, טאָכטער, און מירן זעהן, וואו מיר זיינען.

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיין אויג אין אַלע זייטן געווענדעט, און זיין וואַלד־ראיה די אויסגעפּרובטע

דורך אַלע וואַלד־דורכלויכטן געשיקט, האָט אים זיין ראיה אַן אָרט איינס אָנגעוויזן, און אַוועקגעלאָזט האָבן זיי זיך אַהין און נאָך לאַנג געגאַן ביז יענעם אָרט, און צוגעקומען זיינען זיי צו אַ בינשטאָק אַ וואַלדישן, וואָס בינען האָבן אויף נידעריגע בוימלאַך געהאַט, זיך דאָרט אין אַ שטילער בינען־מאַסע געהאַלטן, און נאָר אייניגע פון זיי האָבן זיך אַרום דער לעבעדיגער בינען־שטילקייט געדרייט, אַלע מאָל אָפּ־און צוגעפּ־לויגן און באַשעפטיגט געווען; און האָניג איז דאָרט איבעריגס געווען. און די מוטער־בין האָט דעם וואַלד־איינוואוינער אַ באַקאָנטע אָנגעקערט. האָט זיך דער וואַלד־איינוואוינער געקערט צו איר און ביי איר אַן ערלויבעניש געבעטן, און די מוטער־בין האָט ערלויבט, און ער האָט פאַר זיין טאָכטער האָניג גענומען, און אויך פאַר זיך אויף זיך צו קוויקן. האָבן זיי געגעסן און דער וואלד־איינוואוינער האט זיך מיט דער בין צורעדט, און געפּרעגט האָט זי אים, וואָס ער איז אַזוי ווייט פון דער היים פאַרגאַן, און וואָס טוט ער דאָ מיט דער טאָכטער ביי טאָג? און ער האָט איר דערציילט, אַז אין וואלד האָט זיך אַ נישט קיין געזע־הענער שפּילער באַוויזן, וואָס זיין רוה און זיין טעכטערלס שטערט, און דאָס טעכטערל איז אים אומרוהיג און איר געמיט איז צעזייט, און ער מוז דעם שפּילער זעהן און אויך דעם טעכטערל אים ווייזן, און אויב די בין האָט אים געזעהן, און אויב געהערט פון אים, זאָל זי אַזוי גוט זיין און אים אויך זאָגן.

— ניין! — האָט אים ד׳ בין געענטפערט.

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך מיט איר אָפּגעזעגנט און פאַרן עסן אָפּגעדאַנקט, און מיטן טעכטערל האָט ער זיך פּאַרנומען און אין טאָג און אין וואַלד אַוועקגעשפּאַנט. האָט דער טאָג שוין זיין העכער־האַלב דערגרייכט, און אין וואַלד איז דאַן זעהר שטיל געוואָרן, און וואַלד־איינוואוינער

מיט טאָכטער זיינען ווייטער געגאַנגען, נישט גערעדט צווישן זיך און יעדער איז מיט זיינעם פאַרטראַכט געווען, און קיינער האָט קיינעם נישט איבערגעשלאָגן אין טראַכטן. אַזוי לאַנג און צווישן בוימער...

און לאַנג האָט עס אַזוי געדויערט, און ביידע האָבן נישט באַמערקט ווי אזוי, נאָר מיט אַמאָל, אַז דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך עפּעס פּלוצלום אָפּגעשטעלט און זיך פאַרהאַלטן פון גיין, און טאָכטער נאָך אים האָט זיך אין זיין שטיין אָנגעשלאָגן, — אַזוי האָבן זיי דערזעהן, ווי אין וואַלד איז שוין דער פאַרנאַכט צוגעפאַלן, און אַ קילקייט האָט שוין דאַן באַהערשט אַלעס, און די בוימער זיינען גלייכע און נישט־גערירטע געשטאַנען, און ווייט אין וואַלד ערגעץ האָט נאָך אַ נשאר זון־רויטליכקייט געצאַנקען, אָבער אַרום האָט שוין אַלץ אויף נאַכט באַלייגט זיך און קיין סמן פון טאָג און קיין סמן פון טאָג־באַשעפטיגקייט איז שוין נישט צו מערקן געווען; זיינען זיי שטיין געבליבן, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך אַרומזעהן גענומען, און אויף דער טאָכטער האָט ער אַ קוק געטאָן און איר טאָג־מידקייט באַמערקט, און אַז צייט איז איר צו רוהען שוין, און אַז פאַרנאַכט און תמיד אין דער צייט שוין שלאָפט באַשטענדיג, האָט ער מיט די אויגן אין אַלע זייטן געזוכט, ביז לסוף האָט זיך אין עפּעס אָנגעשלאָגן מיט זיין קוק און אויף דער טאָכטער אַהין, מיט אַ האַנט אָנגעוויזן: „גיב אַ קוק, טאָכטער, און זעה, וואָס ס'שטייט דאָרט אין וואלד, און מיר האבן גוט און זעהר גוט געטראָפן"...

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט די טאָכטער נאָך זיך גערופן, און אַ שטיקל צייט האָט נאָך געדויערט, ביז זיי האָבן זיך דערנעהענט אַהין, און אַז זיי זיינען נאָהענט געקומען, האָבן זיי פאַר זיך אַ היטער־שטיבעלע דערזעהן —

פון דרענגלאַך און פון צווייגן געמאַכט, און פון מאָך און פון גראָזן מ'ט אַ משופּע דעכעלע גערעקט, אום דער רעגן זאָל פון דאָרט אַראָפּרינען, און פאַר אַ טיר און אַן אַריינגאַנג האָט אַ לאָך געדינט, נישט קיין פאַרשטעלטע און נישט קיין פאַרהאַנגענע מיט גאָרנישט. האָבן זיי זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך אין טיר אַהין מיט אַ „גוט־אָוונט“ געווענדט. האָט זיך פון דאָרט און פון פאַרנאַכט־פינסטערניש פריער אַ קאָפּ אַרויסגעשטעקט, און דאַן אַ קערפּער מיט אַ וואַרעם היטער־אויבערשט אויף נאַכט און פאַר קעלט זיך שיצן, האָט ער זיך אָפּגעדעקט און זיך אַרויס־געשטעקט, און אַ „גוט יאָר“ האָט ער געענטפערט, און, ווער ס'איז געקומען, געפרעגט.

— איך — האָט דער וואַלד־איינוואוינער געענטפערט. איך, דער וואַלד־איינוואוינער, צו דיר, תמיד־שטענדיגער אין וואַלד, בין מיט מיין טעכטערל דעם גאַנצן טאָג געגאַנגען און צו דיר איצט אויף נאַכטלעגער געקומען.

— און וואָס האָט זיך געטראָפן?

— אַזוי און אַזוי: עפּעס אַ שפּילער האָט זיך אין וואַלד באַוויזן, און ער האָט מיר מיין רוה און מיין טעכטערלס גע־גערויבט, און איך זוך אַן עצה... און פאַר אַלעמען טרעט מיר פאַר מיין טאָכטער דיין געלעגער אָפּ.

און דער תמיד־שטענדיגער איז פון היטער־שטיבעלע אַרויסגעקראָכען און פאַר די שטייענדיגע פאָטער און טאָכטער צוגעקומען. זיינען אים זיינע וויעס און ברעמען גראָה באוואַקסן געווען, און אַליין האָט ער אין אָוונט, ווי אַ געוויקס אַזאַ, וואָס איז פון דער ערד אַרויסגעקראָכן אויס־געזעהען, און נישט אַלט איז ער נאָך געווען, אָבער ווי מיט אַ וואַלד־פאַרבלאָזיגקייט פאַרבלאָזן, און מיט טרוקענע בלעטער, מיט ערד און פאַראַיאָריגס האָט פון אים געשמעקט. א'ז ער

אַרויסגעקומען און זיין געלעגער פאַר דעם וואַלד־איינוואוי־נערס טאָכטער געלאָזן, און יענער האָט זיך צו זיין טאָכטער געקערעוועט און איר אויפן שטיבעלע אָנגעוויזן און איר אַהין אַריינגיין געהייסן.

איז די טאָכטער אַהין אַריין, און זי האָט זיך אויפן גע־לעגער אַראָפּגעלאָזט, און דעם פּאָטער אין תּמיד־שטענדיגן אינדרויסן געלאָזט. און ביידע זיינען זיך היימיש געווען, און ביידע האָבן זיך געקענט פון לאַנג, און אַ צייט, אַז זיי האָבן זיך שוין ניט געזעהען, און איצט, אַז זיי האָבן זיך זיך באַגעגנט, האָבן צווישן זיך שמועסן און זיך אויספרעגן גענומען, און גערעדט האָבן זיי שטיל, און ביי דער טיר זיינען זיי געשטאַנען, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט לסוף פון שמועס פון זיין שויס דאָס, וואָס ער האָט אינדער־פריה דאָרט געהאַלטן, אַרויסגענומען, און דאָס אין פאַרנאַכט־שטילקייט דעם תמיד־שטענדיגן געוויזן; און יענער האָט געקוקט אין דרין, און יענער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם לאַנג, און מיטן קאָפּ אויף „גוט" געשאָקלט, און דעם וואַלד־איינוואוינער נאָך עפּעס געזאָגט דערנאָך, און יענער איז פון אים אָפּגעגאַן און צום שטיבעלע זיך געקערעוועט, אַהין דעם קאָפּ אַריינגעשטעקט און די טאָכטער אַ רוף געטאָן; און אַז זי האָט זיך אָפּגערופן, האָט ער איר די זאַך דער־לאַנגט — עפּעס אַ בייטעלע מיט אַ פאַרמעטל אינווייניג און אויף אַ שנירעלע דאָס צו טראָגן; איר דאָס איבער־געגעבן, און דאָס אויף נאַכט און צום שלאָפן זיך אויפן האַלז דאָס אויפהענגען געהייסן. און די טאָכטער האָט דאָס צו־גענומען, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך פון דער טיר אָפּגעקערט און ווידער דאַן צו זיין פריינט דאַן געווענדט.

איז שוין אינדרויסן דאַן גוטע נאַכט געווען, און דער וואַלד איז שוין געשלאָפן, און פון צייט צו צייט געזיפצט

פון שלאָף, און אַ לבנה־נאַכט האָט היינט באַדאַרפט זיין, אָבער אויפגיין וועט ערשט שפּעט אין אָוונט, און אין וואַלד וועט זיך ערשט שפּעט באַווייזן. און ביידע פריינט זיינען פונם שטיבעלע אָפּגעגאַנגען און אויף אַ קלאָץ פון אַ בוים אַ געפאַלענעם, וואָס איז אין דער נאָהענט געלעגן, זיך אַוועק־געזעצט, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט פון שלאָפן אַ טראַכט געטאָן און זיין פריינט עס געזאָגט, און יענער האָט, אַז „ס׳ איז נישט רעכט" געזאָגט, און אַז זיין עצה איז איבער־זיצן, ער וויל הערן, ער וויל בייזיין, און דאַן וועט אים, וואָס ער זאָל טאָן, עצהן, אָבער פריער און פאַר אַלעמען זאָלן זיי אַ פייער צעלייגן.

און דער תמיד־שטענדיגער איז צו אַרונטער זיין שטיבעלע אַוועקגעגאַן און דאָרט פון אַן אַש־גריבעלע אַן אויסגעלאָשנס אַ לעצטע קויל אַרויסבאַקומען, און געבראַכט האָט ער זי און מיט צווייגלאַך דינע אַ פייער אויפגעבלאָזן, און נאָך צווייגן האָט ער געבראַכט, און אַ גאַנצן הויפן פאַרן פייער, און אונטערגעלייגט און צוגעלייגט, און דאָס פייער האָט זיך פאַרגרעסערט. און אין וואַלד איז דאַן פינסטער געווען, און אַרום פייער האָבן זיך שאָטנס אין וואַלד־געדיכטעניש געקליבן, און פון וואַלד האָט זיך קיין קול און קיין טריט נישט געהערט, נישט פון קיין חיה קיין גייענדיגער און נישט פון קיין פויגל פונם שלאָף ריידנדיגן, נאָר ווען ניט ווען האָט נאָר אַ בוים ערגעץ אַ קרעכץ געטאָן, און ביים פייער האָט מען נישט געזעהן און נישט וויסן געקאָנט, פון וואַנען ס׳גייט דער קרעכץ. זיינען זיך די פריינט אַזוי שטיל געזעסן, און דער אָוונט איז געגאַנגען, און די לבנה איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, און דאָס טעכטערל פון וואַלד־איינוואוינער איז אין פינסטערן היטער־ביידל געשלאָפן, און דער פאָטער מיט פריינט האָבן זיך ביים פייער געהאַלטן און פון שמועסן

אַנשוויגן געוואָרן, אין שטיל און אַזוי אַנשוויגן־ווערנדיג האָבן עפּעס שטילע און ווי אויסוואַרטנדיגע אויסגעזעהן...

האָט זיך פלוצלום און פון טיפעניש פון וואַלד אַ שפּילן דערהערט, פון אַ כלי אַן איינציגער, וואָס לאָזט זיך הערן פון דער ווייט, אַ פייפל, וואָס עמיצן פון זיך צו וויסן גיט, און אַז קיינער איז נישטאָ, און מ׳קאָן איצט אַרויסגיין, און דאָס פייפל רופט, און מ׳דאַרף דעם נישט אָפּזאָגן.

און נאָך האָט זיך דערהערט, און דאָס שפּילן האָט זעלטן גוטס מיט זיך געבראַכט – אַן אָנזאָג, אַז די לבנה שוין אונטער וואַלד דאָרט שטייט, און וואַלד באַלויכטן ווערן וועט פון אַ זייט באַלד, און די שעה איז די רעכטע, און די שעה איז די פאַרהוילנסטע, און מ׳דאַרף זיך פון בעט איצט אויפשטעלן, און מ׳מעג פון שלאָף זיך נישט דערוואַכן, און אויך מיט פאַרמאַכטע אויגן און מ׳קאָן אינדרויסן אַרויסגיין, און לבנה און ערב־לבנה וועלן, וואוהין מ׳דאַרף, שוין פירן...

און נאָך שפּילן איז אונטערגעקומען, און גאָלדענע בערג האָט עס צוגעזאָגט, און אז אויף די בערג־הויכן האָבן זיך פיל מענשן איצט צונויפגעזאַמלט, מיט זעק און מיט פאַרטיכער, און מיט פעק און מיט טיכער גרויסע, און מאַנסבילן און נקבות פיל, אַ מאַסע און אָהן אַ צאָל, און ווי מאָן און ווי מילבן אויף די בערג זיינען איצט פאַרשפּרייט, און אין די זעק – גאָלד, און אין די פאַרטיכער — גין־גאָלד קלייבן...

און די לבנה באַשיינט זיי אין זייער מאַסע, און די שיין פון לבנה מיט פיל רייכטימער באַגליקט זיי, און זיי נעמען זיך אָן, און זיי הערן נישט אויף זיך אָנצונעמען, און אַז די זעק און פאַרטיכער שוין פול ווערן, גייען זיך דאַן צונויף און מיט די רייכטימער לייגן זיך צוזאַמען, און מאַנסבילן מיט פרויען פּאָרן זיך אויף די בערג, און מ׳פּראַוועט חתונות דאָרט רייכע... און כלי האָט אויסגעמאָלט די בערג, און לעבעדיג

פאַרגעשטעלט די גאָלד־קלייבער, און ווער ס'האָט דאָס געהערט, האָט זיך אויך אים דאָרט זיין געגלוסט. און ווער ס'האָט דאָס שפּילן פאַרנומען, האָט איצט צווישן יענע גליקליכע געוואָלט זיין...

און וואַלד־איינוואוינער מיט תמיד־שטענדיגן האָבן דאָס געהערט און פון די ערטער זיך אויפגעשטעלט און די אויערן אָנגעשטעלט און דאָס וואונדערליכע רופן און דאָס רייכע צוזאָגן פאַרנומען. האָט זיך די לבנה שוין פון אונטער די וואַלד־בוימער פאַרנומען, און פון צווישן די בוימער מיט אַ זעלטן וואַלד־פאַרהוילעניש אַריינגעשיינט... און די פריינט האָבן זיך צום היטער־שטיבעלע געקערט און אַהין אַ קוק געטאָן דאַן, און אויף דער טיר און ביים אַרויסגאַנג די טאָכטער מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ שלאָפנדיגע, נישט גערירט און אויסגעצויגן, מיטן פּנים צו דער לבנה, דער אויפגייענדיגער, און מיטן קערפּער דעם גאַנצן צו יענער ריכטונג אָנגעריכט, דערזעהען, און בלאַס־באַשיינט איז זי געשטאַנען און הוילע הערונג איז זי געווען, און באַלד, האָט זיך געדאַכט, וועט זי זיך פון איר אָרט אָפּטאָן און אַזש אַהין, וואוהין מ'האָט גערופן, זיך לאָזן. און אויפן וואַלד־איינוואוינערס פּנים האָט זיך אַ גרויסער צער אויסגעדריקט און ער האָט אויף זיין פריינט אַ קוק געטאָן, און זיין פריינט האָט אויף אים צוריק געקוקט און מיט זיין קוק אים באַרוהיגט: ווי אויסאַרן און זיך שטיל האַלטן האָט אים געהייסן, ווייל די סכנה איז ווייט, און דאָס, וואָס ביי דער טאָכטער אויפן האַלז איצט הענגט, וועט זי היטן און אָפּהיטן פון צו דער לבנה זיך לאָזן...

און די לבנה איז שוין דאַן מער אויפגעגאַן, און דער וואַלד איז איר אַנטקעגן געגאַנגען — מיט פאַרהוילעניש און מיט נאַכט, מיט בוימער־ריחות און מיט צוגעשלאָגענער

זילבער־שיין אַזוינערי און דאָס פּייערלי דאָס אויף דר׳ערד צעלייגטעי האָט געבלאַסט און די רויטקייט פאַרלאָרןי און מיט גליהענדיגן און מיט אַש האָט זיך ווי צום ווייטן און צו דעםי וואָס פון ווייטן טוט זיךי צוגעהערט...

האָט דאָס שפּילן ווידער גערופן און צום וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער גערעדטי און צוגעזאָגט האָט עס:

— אַ נאַכטי און וואָס זי איז ניט בייגעווען אַזוינעי וואו יונגע רייטער אויף פעלד־שטעזשקעס רייטןי אויף יונגע פערד און אויף בלוטיג־שטאָלצעי אויף הויכע און מיט קעפּ פאַרריסענע; און די רייטער זיינען אויפגעלייגטי און יונגע פרויען באַלייטן די רייטער אויף זייער וועגי און אָט באַלד וועלן צו אַ וואַלד־אָנהייב צוקומעןי און פון די פערד וועלן זיי אַראָפּגייןי און די פערד וועלן זיי צו די בוימער בינדןי און אַליין צו די פרויען וועלן זיי ווענדןי און יעדער איינער צו זיין איינער אויף פּאַר־ברענגען; נאָר איינערי און דער שענסטער פון די רייטערי וועט אַליין און אָהן אַ פּאָר בלייבן; און טרויעריג וועט ער זייןי און קיין אָנטייל אין דער פרייד ניט נעמעןי און אַז זיינע פריינט וועלן אים פריילאַך וועלן מאַכןי וועט ער זיך אָפּזאָגן און וועט פון וואַלד־אָנהייב אַליין אין גרויסן פעלד אַרויסגיין; און שטיין וועט אַליין און אין אַ זייט אין איינער וועט קוקןי און פון וואַלד וועלן זיך צו אים פרייד־געשרייען און קולות פון אויפגעלייגטקייט דערטראָגןי און ער וועט זיך פון אָרט נישט רירןי און ביים הימל און ביי לבנה אויף זיין באַשערטער פרעגן: וואו איז זי און ווען וועט זי אָנקומען פון פעלד? — און דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער איז דאָך די געוואַרטע פון רייטערי און ער שטייט און קוקט אַרויס אויף איר — פאַר וואָס־זשע זאַמט זי זיךי און פאַר וואָס גייט אים ניט אַנטקעגן אין פעלד?..

און דערזעהן האָט דער וואַלד־איינוואוינערי ווי זיין

טאָכטער האָט זיך ווי פון איר אָרט אַ לאָז געטאָן און ווי צו לבנה אַ גיי טאָן געוואָלט, און ער האָט זיך באַלד מיט זיינס אַ קוק צו זיין פריינט געווענדט. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט אים באַרוהיגט, און דאַן האָט ווייטער אויף זיין טאָכטער אַ קוק געטאָן און צוריק זי אויף איר אָרט, אַ שטייענדיגע און אַן אויסגעצויגענע, אַ זיך־איינהערנדיגע, אָבער נישט אָפּ־גייענדיגע געטראָפן; און דער תּמיד־שטענדיגער איז עפּעס ערנסט געוואָרן מיט אַמאָל, און דאָס שפּילן האָט זיך אויך צו ערנסטערעס געגרייט...

האָט דער וואַלד־איינוואוינער פּלוצלום דערזעהן, ווי איבערן פייערל, וואָס האָט זיך אויף דער ערד געטליעט, האָט עפּעס אַ פליה און אַ שווינדל געטאָן, פון פליגל צענומענע פון אַ באַשעפעניש אַ געשווינטער... איז דאָס אַ פלעדער־מויז געווען און קרומליך איז זי פאַרביי פייער דורך, און באַלד פון אויג און אין וואַלד ערגעץ פאַרשוואונדן. און דאָס אָרט פון תּמיד־שטענדיגן איזליידיג געוואָרן, און דער תּמיד־שטענ־דיגער האָט נאָך זיך קיין סימן נישט געלאָזט... האָט דער איינוואוינער פאַרשטאַנען: דאָס האָט זיך זיין פריינט אין וואַלד אַוועקגעלאָזט דאָס אָרט אויסצוזעהן, פון וואַנען ס'הערט זיך און פון וואַנען דאָס שפּילן קומט. און אַז ער איז אַוועקגעפלויגן, וועט ער דערפליהען, און אז ער האָט זיך אונטערגענומען, וועט ער אויספירן די זאַך. האָט ער ער געוואַרט און לאַנג געשטאַנען, און איינער אַליין איז געגן זיין טאָכטער געבליבן, און אַליין האָט זיך איצט דערפיהלט און פאַר „טאָמער עפּעס מאַכט זיך" פּחד געהאַט. האָט זיך דאָס שפּילן ווידער דערהערט און די כּלי האָט גערופן:—

— אין דער וועלט אַריין, און כּל זמן, און ס'איז נאָך שפּעט ביינאַכט; וואָרעם אָט באַלד וועט דער טאָג אָנקומען,

און וואָס ביינאַכט ס׳איז מעגליך, וועט צום טאָג אוממעג־ליך ווערן; און אויסגעמאָלט האָט זיך אַ גרענעץ אויף עק וועלט, דאָרט וואו נאַכט מיט טאָג באַגעגנט זיך, וואו פוסט ס׳איז דאָרט און שטיל און ליידיג אַרום, און אַ ווינט גייט דאָרט אום, און ווער ס׳קומט אַהין, ביי דעם די פּאָלעס פון זיין קלייד צעפליהען זיך; און קיינער קומט ניט אַהין, און קיינער איז נישט זוכה אַהין צו קומען, נאָר פון נאַכט און אַ פּאָר אַ מאָל, ווען זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט און איינאיינעם פאַרבראַכט די נאַכט, און די צייט איז זיי ווייניג געווען, און נישט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט האָבן זיך אָפּגעגעבן, נישט מיט אַלץ פון זייער גוטס האָבן זיך געטיילט, און זיי מוזן נאָך צייט און אָרט האָבן, און די נאַכט האָבן נאָך נישט אויסגעלעבט, פאַרבלאָנ־דזשען זיי אַהין אַמאָל, און ער איז אין אַ לאַנגן קלייד אָנ־געטאָן, און איר איז קיל אין עק וועלט, און ער וויקלט זי איין, און ער נעמט זי אונטער זיין קלייד אַרונטער, און זי טוליעט זיך פעסט צו אים און מיט פאַרמאַכטע אויגן מיט איר געליבטן איר איבעריגע נאַכט־ליבע לעבט איצט איבער··· זאָל מען־זשע זיך צואיילן צו עק וועלט, וואָרעם אַלע נאַכט נאָר איינס אַ פּאָרל אַהין קומט, און היינטיגע נאַכט די כּלים „זי״ רופן.

און דערזעהן האָט דער וואַלד־איינוואוינער, ווי איבער זיין טאָכטערס קערפּער איז אַזוי ווי אַ קעלט דורכגעגאַנגען, און זי האָט זיך טוליען גענומען און ווי אַ צווייטן קערפּער נעבן זיך צו זוכן אום דעם קאָפּ צו אים אָנשפּאַרן און אונטער זיין קלייד אַרונטערגענומען ווערן, איז אָבער קיינער נישט געווען נעבן איר··· האָט זיך אויפן פּייערל, וואָס אויף דער ערד, ווייטער א פלעדער־מויז דורכפליהען דערזעהן, און אַ שווינדל געטאָן און ווי אַ פּאָרפל־זיך איבערן פייער, און די

פּלעדער־מויז איז נישט געבליבן; און אויפן אָרט פון תּמיד־שטענדיגן איז איצט צוריק דער תּמיד־שטענדיגער געשטאַנען, און ווי אַ מידער פון אַ וועג און אַ פּאַרמאַטערטער פון פליהען; און מיט די פּלייצעס צום וואַלד־איינוואוינער איז ער אויסגעקערעוועט געוועזן, און מיט זיין פּנים און מיט זיין האַלבן קערפּער צו דער ערד עפּעס אָנגעבויגן, גלייך ער וואָלט דאָרט עפּעס געהאַלטן און עפּעס געבראַכט פון פליהען, און מיט עפּעס זיך דאָרט געפּאָרעט, וואָס מיט וואָס האָט מען נישט זעהן געקאָנט. האָט ער זיך דערנאָך אויסגעדרייט צום וואַלד־איינוואוינער און צו אים מיטן פּנים זיך געשטעלט, האָט דער וואַלד־איינוואוינער דערזעהן: —

ביי זיינע פיס און פאַר זיינע קניעס איז אַ באַשעפעניש אַ קליינס, אַזוי ווי אַ מאַלפּעלע, געשטאַנען, מיט אַ קעפּעלע אַ צוגעפּלעטשטס און מיט אויגעלאַך אין רחמנות קוקנדיגע, וואָס אַ קנעכטל און אַ געפאַנגענס האָט זיך אין אַ פרעמדער האַנט און אין אַ פרעמדן רשות געטראָפן, און אַ גרויסער פּחד איז אויף דעם אויסגעדריקט געוועזן. און דאָס קערפּערל ביי דעם איז אַ האָריגס געוועזן, מיט אַ הייטל און מיט שוואַרצע האָר, און פּיסלאַך קעלבערשע האָט דאָס געהאַט, מיט יונגע קלאָהעלאַך, צענומענע און צעשפּאָלטענע, ווי ביי אַ קעלבל אַ יונגס, און מיט די הענטעלאַך האָט עס זיך דאָס פּנימל פאַרשטעלט. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט עס פאַר אַן אויערל געהאַלטן, שטייף און דאָס נישט אָפּגעלאָזט, פּעסט — ס׳זאָל נישט אַנטלויפן פּרובן. האָט ער זיך אַזוי מיט דעם באַשעפעניש צום וואַלד־איינוואוינער זיך געווענדעט און ווי דאָס אים פאָרגעשטעלט, און דאַן האָט דעם וואַלד־איינוואוינער צום פייער צוגיין געהייסן, און אויך ער מיטן באַשעפעניש זיינען אַהין צוגעגאַן, און אַראָפּלאָזן און זיך זעצן האָט דעם וואַלד־איינוואוינער אַ וואונק געגעבן, און אַליין ער האָט זיך

געזעצט און דאָס באַשעפעניש נעבן זיך געהאַלטן און פון אויערל דאָס נישט אָפּגעלאָזט· האָט דער תמיד־שטענדיגער אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, און ווי צײַט און אָפּרוה זיך געגעבן און אויך דעם באַשעפעניש רוה, ס'זאָל צו זיך קומען, און דאַן האָט זיך אָנגערופן און אַזוי דעם באַפוילן:

— און איצטער, רוחל, דערצייל!

— פון וואָס, מײַן האַר? — האָט זיך דאָס רוחל אַ וואָרף געטאָן דערשראָקן.

— ווער זענט איר, און וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש אויפן וואַלד־אײַנוואוינער?

— רוחות זײַנען מיר, און כ'בין גרייט, מײַן האַר!

און דאָס רוחל האָט דערציילט:

— מיט אַ שטיק צײַט צוריק האָט זיך אונזערער א גרויסער רוח אַ באַוואוסטער אַ פוס אויסגעוויכנעט··· ס'האָט זיך אים אײַנמאָל אויף אונזער אַלטער פויק טאַנצן פאַרגלוסט··· די פויק איז בײַ אונז בירושה, אַן אַלטע און אַ פאַרמעטענע. און אין די זײַטן איז זי נאָך געל און נײַליך, אָבער אין דער מיט שוין שוואַרץ און אָפּגענוצט — פון קלעפּ, וואָס מ'האָט גע־קלאַפּט אויף איר אויף שמחות און אויף רוח־חתונות פרײַלאַכע, איז זי שוין אויך שוואַך דאָרטן. און דעם רוח האָט זיך פאַרגלוסט און ער האָט אונז צו זיך פאַררופן אײַנמאָל, אַ גרויסן עולם און כלי־זמרשן, און מיט אַלע כלים זאָל מען גרייט קומען, און ער אַליין וועט אויף דער פויק טאַנצן, און ווען מ'וועט דאַרפן, און ווען כלי־זמר וועלן זיך נויטיגן אין דער פויק, וועט ער דאָס שוין מיט די פיס מאַכן, וועט ער טאַנצנדיג אונז צום טאַקט צופאַלן···

זײַנען מיר זיך צונויפגעקומען, אין זײַן גרויסן זאַל און אין זײַן רײַכן, וואָס די ווענט און דער באָדן זײַנען מיט ווײַכע געוואַנטן באַדעקט און באַהאַנגען געווען. האָט מען

די פּויק אין דער מיט אַוועקגעשטעלט, און כּלי־זמר בּיי די ווענט האָבּן זיך אויסגעשטעלט, און אַ גרויסער עולם איז געווען אויך אויסער כּלי־זמר, און דער רוח האָט זיך אין דער מיט באַוויזן, און ער איז אויף דער פּויק אַרויפגעגאַנגען...

האָט ער זיך שפּילן געהייסן:

„אין אַ הייסן זומער־טאָג איז אומעטיג דעם רוח, אין הייסן מיטן טאָג האָט ער זיך ניט וואו אַהין צו טאָן... און אין וואַלד איז אים ענג און אויך אין טיפסטן געפינט זיך קיין אָרט ניט, ווייל די היץ אין קאָפּ אים שלאָגט און אויך אין הייל די ליכט דערלאַנגט... און ווען זעהן האָט ער ניט, און מיט ווען באַגעגענען געפינט ער ניט, ווייל רוחות נאָך פון נאַכט דאַן שלאָפן, רוחות פון זייערע אַרבעטן אָפּ־רוהען, און אין בוים־לעכער זיינען פאַרשטעקט און וואו באַקומט מען זיי, אַז ער איז שוין אויסגעשלאָפן, און יענע זיך נישט וועקן לאָזן... דערמאָנט זיך דער רוח אין אַן עק הימל דאַן, דאָרט ליגט עפּעס אַ וואָלקנדל פון אינדערפריה אויפן בלאָהען הימל־ים אַ קליין אינזעלע ערגעץ, וואָס בּיי די ברעגעס און אַרום איז מיט שניי־ליכט, און אויך העכער און אַרויף צו איז ליכטיג, נאָר גאָר און פונקט אין דער מיט האָט אַן ערטעלע, אַ שוואַרצס, אַ קליין שטיקעלע פאַרטונקלט.. קאָן מען דאָך דערפון עפּעס האָפן, קאָן דאָך פון יענעם אָרט פאַרן רוח עפּעס גוטס און דערפרישנדיגס אַרויסקומען"...

— האָבּן מיר דאָס אים געשפּילט

און אַ היץ האָבּן מיר אין וואַלד אָנגעטריבן, און אין וואַלד אַן אָטעם־ענגעניש געמאַכט... און דער רוח בּלאָנדזשעט אַ דערשלאָגענער אַרום, ער קאָן זיך קיין אָרט און קיין שאָטן־ווינקל נישט געפינען. האָבּן מיר נאָך יענעם וואָלקנדל אין הימל אַ ווינטל אַרויסגעשיקט, און דער רוח אויף דער פּויק האָט זיך דאַן מיט גרינגע פּיס אויף דער פּויק אַוועקגעלאָזט

ביי די בּרעגן פּויק און אַרום און אַרום געלאָפן. און גרינג־געיאָגט און געטראָגן האָט זיך קיילעכיג, און דאָס ווינטל האָט יענץ וואָלקנדל דערגרייכט, און נאָך וואָלקנדלאַך האָט עס דאָרט צונויפגענומען און אינם הייסן טאָג צו איינעם און אַ גרויסן זיי געמאַכט. און אַ ווינט־שליחל איז אין וואַלד אַריין, און אַ לופטל איז צווישן די בּוימער און שפּיצן דורכגעלאָפן, און אָנגעזאָגט האָט עס: עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן אויסער וואַלד, און בּאַלד וועט דאָס אויך אַהער דערלאַנגען..

האָט זיך טאַקע בּאַלד אָנגעהויבן. און פון הימל איז אויף ערד און הימל אַ גרויסער ווינט אַרויס, און פון אויבן האָט ער וואָלקנס געטריבן און אונטן האָט ער אַ שטויב אויפגעהויבן, און אין וואַלד איז ער אַריין און צווישן בּוימער האָט אַ רעש אָנגעמאַכט, און בּוימער זיינען זיך שאָקלען אַוועק, און רוח אין וואַלד האָט דעם אָטעם פאַר פרישקייט אָפּגעכאַפּט און דאָס האַרץ קעגן ווינט זיך צעכראַסטעט; און רוח אויף דער פּויק איז דערפרייט געוואָרן און מיטן קאָפּ אויף צו די פּלייצעס פאַרוואָרפן און די אויגן צו סטעליע געווענדעט, און מיט אַ שמייכעלע אויף מויל אויפגעעפנט האָט אויף פּויק און אויף די ראַנדן זיך אַוועקגעלאָזט... האָט זיך אין וואַלד דאַן אַ טונקלקייט אָנגערוקט, און דער הימל האָט זיך פאַרצויגן, און רוח אין וואַלד האָט די אויגן צום הימל אויפגעהויבן...
און נאָך מער האָט זיך די שיין פאַרטונקלט, און רוח אויף דער פּויק האָט די אויגן נאָך העכער פאַרריסן, זיי פון דער סטעליע נישט אָפּגעטאָן און מיט אָפענעם מויל פון הנאה גרויסער צו שמייכלען נישט אויפגעהערט; און די זון איז נישט געבּליבן, און דער וואַלד האָט אין אַ פאַרנאַכט־טונקלקייט פאַרזונקען, און נאָכן רעש איז אין וואַלד אויף אַ רגע רוהיג געוואָרן, און אין שטילקייט האָט אַ בּלאַסער טאָג־בּליץ אַ בּליץ געטאָן, און רוח אויף דער פּויק האָט זיך אַ שטעל געטאָן, פון

דערוואַרטונג און פון בליץ־בלענד אויפגעהאַלטן... און פלוצלום — אין דער לופט און אין הימל, אין וואַלד און אין דער פויק האָט מיט אַמאָל אַ קראַך געטאָן — אַ דונער האָט דעם דרויסן און די ערד געטראָפן, און אין פויק און אין דער מיט דער געפלאַצטער, איז מיט אַ קנאַק און מיט אַ פוס דער רוח אין אַ לאָך אַראָפּ אַריין...

און דער רוח האָט דעם פוס אויסגעוויכנעט, און דער רוח האָט דעם פוס נישט אַרויסנעמען געקאָנט, און אָנגעלאָפן זיינען מיר אַלע, אום אים אַרויסהעלפן פון דאָרט, און מיט גרויסע ווייטיגן פאַר אים האָבן מיר אים פון דער־לאָך באַפרייט, און פון דעמאָלט אָן אַ קראַנקער ליגט, און פון דעמאָלט און פון יענעם טאָג איז שוין אַ היפשע צייט פאַרגאַן.

האָט דער רוח אויפן בעט ליגנדיג און קראַנק זייענדיג פאַרשיידענע זאַכן אויסגעטראַכט, זיינען אים פאַר דער צייט פאַרשיידענע איינפאַלן איינגעפאַלן, און איינע פון די זאַכן איז אויך אָט די לעצטע זאַך — ער ווייסט און ער איז געוואָרע געוואָרן, אַז ביים וואַלד־איינוואוינער איז אַן איינציגע טאָכטער דאָ, אַן איינציגע און אַ געטרייע און מיטן פאָטער אין אָפגעזונדערטקייט לעבט, און דער וואַלד איז אַ היים זיי, און די שטילקייט זיי — אַ מוטער, זאָלן מיר גיין און זאָלן מיר זיך אַריינמישן, און זאָלן מיר זייער לעבן און שטיל־שטייגער צעשטערן, און גיין זאָלן די כלי־זמר: זיי האָבן אים קראַנק געמאַכט, זיי זיינען די סיבה פון זיין קראַנקייט און אומעט־ליגן געוועזן, זאָלן זיי זיך מיהען און אים דערפרייען, זאָלן זיי זעהן און אים זיין צייט פאַרברענגען העלפן. און מיר זיינען געגאַנגען: מיר זיינען דאָך אין רשות ביי אים, און מיר האָבן געטאָן, ווייל ער איז דער האַר אונזערער, און אַזוי געשפילט, און ביים וואַלד־איינוואוינער די טאָכטער אַרויסנאַרן געוואָלט.

— און ווי אַזוי פאַרהיט מען זי פון אייך? — האָט דער תּמיד־שטענדיגער ביים רוחל, און דאָס אַלץ נאָך פאַרן אויערל האַלטנדיג, געפרעגט.

— כ׳ווייס נישט, מיין האַר.

— מוזט דו וויסן!

— בין איך אַ געהרגעטער דערנאָך. און נאָכן אויסזאָגן וועל זיך פאַר מיינע לייט שוין נישט ווייזן קאָנען, מ׳וועט מיך פאַרברענען און מיין אַש אויף אַלע זייטן צעזייען.

— וועל דיך נישט אָפּלאָזן! — האָט דער תּמיד־שטענדיגער געזאָגט.

— מיין האַר! — האָט זיך דאָס רוחל ביי אים געבעטן.

— אומזיסט!

און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דעם רוחל אין די אויגן געקוקט, און דאָס רוחל האָט די אויגן צו דער ערד אַראָפּ־געלאָזט, און געטראַכט און געשוויגן און דערווייל די צייט אָפּגעצויגן. און אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, אַז דער תּמיד־שטענדיגער איז רוהיג געבליבן און אַלץ דאָס פון אויערל נישט אָפּגעלאָזט, האָט דאָס רוחל די אויגן פון דער ערד אויפגעהויבן און מיט געבעט אַ קוק געטאָן, און מיט ווערטער און מיט גרויס רחמנות זיך נאָך אַמאָל בעטן געפרובט:

— מיין האַר!..

— אומזיסט! און זאָגסט דו נישט, אַזוי וועל איך דיך ביז צום טאָג פאַרהאַלטן און צו זון און צו ליכטיגקייט דיך ברענ־גען.

— זאָל עס נישט טאָן דער האַר.. איך וועל אויסזאָגן!

און דאָס רוחל האָט געזאָגט: זאָל דער האַר מיר מיט אַ גאָל־מעסער די האָר פון מיין שפּיץ קאָפּ די גרויס ווי אַ מטבע אויסגאָלן, זאָל מען דאַן די האָר צונויפנעמען און זיי צום פייער דערנעהערן און זיי דאָס פייער שמעקן געבן,

וועלן זיי אַ ריח פון פאַרסמאַליעטקייט און אָפּגעבּרענטס באַקומען, זאָל מען זיי דאַן אונטער דער נאָז פון דער איצט־שלאָפנדיגער טאָכטער אונטערטראָגן, וועט זי זיי דערפילן און זיך אויפכאַפּן, און אַזוי ווי די ערשטע נאַכט האָט זי דאָס, וואָס זי האָט אויפן האַלז געטראָגן, פאַרהיט, אַזוי וועט זי דאָס האָר שמעקן אויך די צווייטע נאַכט פאַרהיטן, — טו עס, מיין האַר, און לאָז מיך אָפּ וואָס גיכער...

— און די צווייטע נאַכט?

— דאָס איז ניט אין רשות ביי מיר.

— און וואָס זאָל איך דעמאָלט טאָן?

— דאָס אייגענע, וואָס האָסט היינט געטאָן, און יעדע נאַכט האָט אַ סוד און אַ כח אירן, אַ כח און אַ געגן־כח, און וואָס פאַר אַ כח ס'וועט מאָרגן אויף איבערמאָרגן הערשן, איז היינט נישט אַנטפּלעקט פאַר קיינעם. טו עס מיר.

— גוט.

און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דאָס רוחל צו זיין היטער־שטיבעלע צוגעפירט, מיט דעם אַריין אַהין און דאָרט זיין גאָל־מעסער געפונען, איז ער מיט דעם אַרויס און דאָס רוחל צום פייער צוגעפירט, און דעם דאָס קעפּעלע אָנגעבויגן און אין שפּיץ־קאָפּ די האָר און קיילעכיג און ווערדליג אַ מטבע די גרויס אויסגעגאָלט. און פאַרהאַלטן האָט נאָך דאָס רוחל און די האָר זיינע דעם וואַלד־איינוואוינער איבערגעגעבן, און יענער האָט זיי צום פייער דערנעהענט און זיי שמעקן געגעבן דאָס פייער, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט און איינגעלאָפן עטוואָס, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דעם וואַלד־איינוואוינער אַ וואונק געגעבן: און זאָל ער אין שטיבעלע אַריינגיין, און זאָל ער די האָר דער טאָכטער דאָרט, וואָס איז שוין צוריק אויף איר געלעגער געלעגן, שמעקן געבן. האָט יענער אַזוי געטאָן: און אַריינגעגאַן איז ער און די טאָכטער אויפן

געלעגער געטראָפן אַ בלאַסע, און דאָס נאַכט־זעהן איז איר נאָך אויפן פּנים געבליבן, און די לבנה־פּאַרפירונג האָט נאָך אויף אירע אויגן און אונטער ברעמען געבלאָנדזשעט; האָט ער איר די האָר אויף אַ שמעק טאָן אונטערגעטראָגן, און די טאָכטער האָט אין שלאָף געעטעמט, און דער ריח איז איר אין די נעזלעכער אַריין, האָט זי זיך אַ דריי געטאָן, נאָך אַ שמעק – און זי האָט דערוואַכן גענומען, צום דריטן מאָל – און זי האָט די אויגן געעפנט.

— וואָס איז טאַטע?

— שלאָף, שלאָף, טאָכטער, גאָרנישט...

און דער וואַלד־איינוואוינער האָט די טאָכטער אויפן געלעגער איבערגעלאָזט און אַליין אין דרויסן אַרויסגעקומען. האָט ער שוין דאָס רוחל ביים תּמיד־שטענדיגן נישט געטראָפן. און דער תּמיד־שטענדיגער איז אַליין געווען, און אין וואַלד און ווייט ערגעץ האָט זיך דאָס ערשטע דערוואַכנדיגע פויגל־פישטשעלע דערהערט. דאָס האָט דאָס ערשטע פריה־פויגעלע פון נאַכט־נעסטעלע זיך אַרויסגעלאָזט. איז שוין באַלד סוף נאַכט און נאָהענט צו טאָג געווען. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דעם וואַלד־איינוואוינער אָנגעוויזן: זאָל ער זיך אויף דער ערד און אונטער אַ בוים צושפּאַרן, זאָל ער זיך אַוועקלייגן און צום טאָגליך אַ שלאָף כאַפּן, און אויך ער, און ער איז מיד פון דער נאַכט, און צייט איז אָפּצורוהען, און מ׳מעג איצט רוהיג זיין.

און וואַלד־איינוואוינער האָט זיך געלייגט און אויך תּמיד־שטענדיגער איז אין וואַלד ערגעץ אויף אַן אַנדער אָרט אַוועקגעגאַן, און ביידע האָבן איינגעשלאָפן און דעם טאָג־ווערן נישט געזעהן. און דער פריהמאָרגן איז געוואָרן, און די זון האָט שוין הויך געהערשט און די וואַלד־באַשעפענישן האָבן שוין זייער ערשטן טאָג־הונגער געשטילט. און דעם

וואלד־איינוואוינערס טאָכטער איז שוין אויפגעשטאַנען פון לאַנג, און אויפן פייער, פון דער נאַכט איבערגעבליבענעם, איצט אַ געקעכץ און אין די כּלים פון תּמיד־שטענדיגן צו־געשטעלט — פאַר די עלטערע, ווען זיי וועלן אויפשטיין, זיי זאָלן האָבן, און דערנאָך אַליין נישט קאָכן דאַרפן. און געזעסן איז זי און דאָס פייער אונטערגעהאַלטן, און דאָס געקעכץ האָט זיך געקאָכט און דער רויך האָט זיך געראויכערט, און דער וואַלד איז מיט זיינעם פאַרנומען געווען, מיט טאָג און מיט טומל טאָגיגן און מיט זיינע באַשעפענישן צו נערן; און דאָס געקעכץ האָט זיך אָפּגעקאָכט, און דעם וואַלד־איינ־וואוינערס טאָכטער האָט דאָס פון פייער אַראָפּגענומען.

איז דער וואַלד־איינוואוינער דאַן דער ערשטער פון אונטער זיין בוים אויפגעשטאַנען און נאָך אַ פאַרשלאָפענער צו דער טאָכטער געגנעהענט. און דאַן, און אויך תּמיד־שטענדיגער איז אַ נאָרוואָס־אויפגעשטאַנענער אונטערגעקומען און דעם וואלד־איינוואוינערס טאָכטער האָט זיי וואַסער אויפן נאָכן שלאָף זיך וואַשן דערלאַנגט, און עסן האָט זיי דערנאָך געגעבן, און זיי האָבן אָפּגעגעסן אינאיינעם.

איז שוין דאַן אַרום האַלבן טאָג געוואָרן, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט זיך נאָכן עסן פון זיינע פריינט אָפּגעטיילט און אַליין עֶרגעץ אין וואַלד אָפּגעגאַן, און זיין פריינט איז מיט זיין טאָכטער געבליבן און איר נאָכן עסן די כּלים אויפראַמען און זיי צו וואַשן געהאָלפן, און נישט גערעדט האָט ער מיט איר גאָרנישט, און פון דער נאַכט ביי איר נישט געפרעגט, ווי ס'איז זיך איר געשלאָפן, און ווי זי האָט זיך אין פריהמאָרגן געפיהלט. האָבן זיי נאָר שטיל געטאָן און אַלץ אין אָרדענונג געבראַכט. האָט זיך דאַן דער תּמיד־שטענדיגער פון זיין אָפּגיין אומגע־קערט; און געטראָגן האָט ער מיט זיך פרישע דרענגלאַך נאָר וואָס אָפּגעהאַקטע, נאַקעטע און אָהן בלעטער שוין, גלאַטע

און פֿון אַלע צווייגלאַך אַרומיגע אַרומגעהאַקט, און ער איז מיט אַ פּאַק אַ גאַנצן צום פֿאָטער מיט דער טאָכטער צו־געקומען.. און אַ זאָג געטאָן האָט ער זיי, אַז זיי זאָלן מיט זיך נאָר דאָס, וואָס נויטיג איז פֿאַרנעמען, און זיי זאָלן אים נאָכגיין, ווייל היינט וועלן זיי אויף אַן אַנדער אָרט נעכטיגן, און פֿאָטער און טאָכטער האָבן אים געפֿאָלגט און באַלד דאָס, וואָס נויטיג נאָר איז געווען, פֿאַרנומען: אַ קרוג אויף וואַסער, און אַ טאָפּ אויף קאָכן, און נאָך קליייניגקייטן און נאָך טוכן אייניגע, און באַלד זיינען זיי גרייט געוואָרן אויף מיט אים צו גיין, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דעם וואַלד־איינוואוינער אַ רוף געטאָן, און ביידע האָבן זיך פֿאַר־אויס אַוועקגעלאָזט, און טאָכטער הינטער זיי, און מיט גע־טראָגענע כּלים אין די הענט, איז זיי הינטן נאָכגעגאַן...

איז שוין דעמאָלט שפּעטער טאָג געווען, און די זון איז שוין קרום און צו דער זייט פֿון וואַלד געשטאַנען, און צו אים, אַליין שוין צו מערב גענויגט, אַריינגעקוקט. און די לייט זיינען געגאַנגען און אין טאָג זיך שטיל געהאַלטן און אין וואַלדס טיפקייט זיינען זיי אַריין, פֿון אָרט צו אָרט, און פֿון איין וואַלד־אָנקומעניש צום צווייטן געקומען, און אַז דער פֿאַרנאַכט איז אָנגעקומען, און אַז די זון האָט שוין ביי דער ערד און פֿון אַלכסון פֿון וואַלד אַריינגעשיינט, און לאַנגע שאָטנס האָבן פֿון די בוימער אויף דער ערד שוין גערוהט, און אַלץ איז פֿאַרשטילט געוואָרן, און אַלץ האָט זיך צום זון־זעצן־זיך געגרייט, און די שעה פֿון זון־זעצן איז שוין אונטער וואַלד געשטאַנען, און אויף די לעצטע זון־ביסלאַך און שיין־ליכטיגקייטן זאָלן זיך אויסלעשן, אַרויס־געקוקט — זיינען די לייט דאַן אין עפּעס אַן אָרט אָנגעקומען, אין אַ פֿאַררוקטס און אין אַן אָפּגעזונדערטס, און וואָס זעלטן, ווען מ׳שלאָגט זיך אָן, און זעלטן, אַז מ׳טרעפֿט אַהין... און

דאָס אָרט איז אַ וואַלד־ליידיגס און אַ היפּשס געוועזן, אַן אָפּגעראַמטס, און אויסער גראָזן איז דאָרט קיין בוימל און קיין קוסטל נישט צו זעהן, און פון גרויסע נאָדל־בוימער נאָר און אומגעוואוינליך הויכע איז דאָס אָרט אַרומגערינגלט געוועזן, און די בוימער האָבן הויכע שטאַמען געהאַט, הוילע און פון געוויסן גאָלד־קאָליר זייערן, און נאָר מיט קעפּ און שפּיצן זייערע האָבן געגרינט, און איינע אַליין פאַרן גאַנצן וואַלד איצט אין זון־ליכטיגקייט אָנגעטאָן געשטאַנען, און אין פאַרנאַכט אין אַ זעלטן אויפגעהאַלטנקייט זייערער זיך געהאַלטן; און קיין צווייגל האָט זיך קיין שאָקל נישט געטאָן פון אויבן, און קיין שטאַם האָט זיך מיט קיין מינדסטן ריר נישט גערירט, און נאָר די הויכע קרוינען זיינען ווי אין אַ גרויס־פאַרשטאַנד שטייענדיגקייט געשטאַנען: זיי די העכסטע, זיי די איינציגע, האָבן דער זונס פאַרגיין און דעם טאָגס אָפּשייד צוקוקן באַדאַרפט...

און דער תּמיד־שטענדיגער האָט באַלד דעם פּאַק מיט די דרענגלאַך פון די אַקסל אַראָפּגעלאָזט, אים אויף דער ערד צענומען און פון דאָרט אַ האַק אַרויסגענומען, און באַלד זיך אַוועקגעשטעלט און די דרענגלאַך אַרומגעשפּיצט, זיי אַרומגעהאַקט און זיי פאַרשאַרפט און גענומען און אין דער ערד זיי אַריינגעשטעקט, אָפּגעטרעטן און איינס פונם אַנדערן אָפּגערוקט. איז פון די דרענגלאַך באַלד אַ היטער־בודע מיט דריי ווענט געוואָרן, אָבער נישט געדעקט זיינען די ווענט געוועזן און קיין דאַך האָט די בודע נישט געהאַט. און דער תּמיד־שטענדיגער איז דאַן צום וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער צוגעגאַנגען, און פון אירע זאַכן, פון די טוכן, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען, האָט ער גענומען און אויפן דאַך אַרויף־געוואָרפן, און אויך די ווענט האָט ווי־ניט־ווי דאַן איינגעדעקט.

איז שוין דאָס שטיבעלע פאַרטיג געוואָרן אויף נאַכט,

ווערליג פּאַר אַ מענשן און ווערליג איינער נאָר זאָל דאָרט איבערנעכטיגן קענען. און די זון איז שוין באַלד געהאַט פאַרגאַנגען, און אויך פון די הויכע שפּיצן־בוימער האָט זיך אָפּגעטאָן, און אין אָרט אין דאָרטיגן, איז אַ זעלטענע שטילקייט געוואָרן, אַן אָפּגעראַמט־מיטלסדיגע און אָהן שום בוימער דאָרט, ליידיג, און נאָר ביי די זייטן און קיילעכיג איז פון הויכע בוימער באַוואַכט געווען...

האָט דער תמיד־שטענדיגער צום וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער זיך געווענדעט, און איר אויפן שטיבעלע אָנגעוויזן: און זאָל זי אַריין אַהין, ווייל דער אָוונט איז שוין אין וואַלד, און אויפגעשטאַנען איז דאָך אַ פריהמאָרגן אַ גרויסן, און נאָכן טאָג און נאָכן גיין לאַנגן איז צייט איר שוין צו לייגן זיך...

האָט זי געפאָלגט דעם תמיד־שטענדיגן: און אַריינגעגאַן איז אין שטיבעלע און געלייגט האָט זיך, וואו געלייגט, און אויך איינגעדעקט האָט זיך דאָרט מיט וואָס נאָר ס׳איז איר געבליבן און זי האָט געהאַט אויף זיך איינדעקן. און די עלטערע זיינען אויסער שטיבעלע געבליבן און שטיל צו דער טאָכטערס באַלייגן־זיך צוגעהערט, און אויך צו דעם אָוונט, דעם דעמאָלטיגן, וואָס האָט שוין געהערשט און אַלץ אַרום שוין באַרוהיגט; און נישט קיין פייער צעלייגט האָבן אויפן אָוונט היינטיגן די עלטערע, און אָהן שום ליכט זיינען זיי אויף נאַכט געבליבן. און אַרום איז פינסטער געוואָרן, און די לבנה האָט היינט שפּעט באַדאַרפט אויפגיין, און פאַר איר אויפגיין איז דאָס נאַכט־אָנקומען אַלץ ערנסטערער און ערנסטערער געוואָרן...

האָט זיך פּלוצלום אַן אָנגעלויף דערהערט. און געלאָפן איז מען נישט ווייט און אונטער דער בוימער־פאַרשטעלטקייט, נאָר אויפן אָרט, וואו די פריינט זיינען געשטאַנען, האָט מען נישט געזעהן קיינעם. און דערהערט האָט זיך דאָס אָנגעלויף,

ווי אַ גרויסע מענגע אַן איילנדיקע וואָלט זיך אין יענעם אָרט אַריין אַריינגעשיט, און נישט גלאַט איז מען, און נישט סתּם איז מען אָנגעלאָפן, נאָר נאָך עמיצן געיאָגט זיך און אויף יענעם אָרט טאַקע אָנגעטראָפן דאָס געיאָגטע... און אַ קוויטש האָט זיך דערהערט, ווי אַ קליין באַשעפעניש וואָלט אין פיל הענט פון גרויסע אַריינגעכאַפּט געוואָרן, וואָס ווערן האָט זיך עס נישט געקאָנט, און נאָר אַ קוויטש פון פאַרפאַלן און פאַרצווייפלונג האָט דאָס געטאָן, און באַלד אַנשוויגן געוואָרן, ווי דערוואָרגן...

און די פריינט האָבן פאַרשטאַנען די זאַך, אַז דאָס האָט מען איצט דאָס רוחל, און דאָס אָפּגעגאָלטע פון זיי, געכאַפּט, און קיין לעבעדיגס וועט עס שוין נישט אַרויס, און קיין אברל דערפון וועט שוין ניט בלייבן נאָכן געכאַפּט ווערן.. האָבן זיי זיך ווייטער איינגעהערט: און דאָס אָנגעלויף איז מיטן געכאַפּטן דורכגעגאַן, אין אַ געדראַנג און אין אַן ענג־צונויפּ־געדריקטקייט, און דאָס געפּאַנגענע איז ווי פון אַלעמען געהאַלטן געוואָרן, ווער פאַר וואָס ס׳האָט זיך נאָר אָנכאַפּן געקאָנט, און אַלע האָבן זיך נאָר צו דעם און דעמס קערפּערל געצויגן..

איז אויף אַ שטיקל צייט שטיל געוואָרן, און נישט געהערט און נישט געזעהן האָט מען גאָרנישט. האָט זיך אָבער פּלוצלום עפּעס אַ שיין באַוויזן, אַ רויטע און אַן אָפּשלאָגנדיגע, ערגעץ נישט פון ווייט און פון וואַלד אַהער אַריינדערלאַנגענדיגע, און די שיין איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן און וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער ערד־און לופט־שטח פאַרנומען, האָבן זיך די פריינט אַרומגעקוקט און דערזעהן: – אין וואַלד האָט זיך אַ פייער אַ גרויס באַוויזן, אַ פייער־הויפן און פון אַ פאַרנעם אַ גוואַלדיגן, און אַ מחנה און אַ מענגע פון גרויסע בּרואים און גרעסערע, און אויך פון קליינוואַרג און באַנומענע,

האָט דאָס פייער, קיילעכיק און אין אַ ראָד, אַרומגערינגלט, און אויפן פייער און אין דער הויך איבער דעם איז אַ קערפּערל און אַ קליינס, אַ שוואַרצס און אַ קינדערש געהאַנגען, מיטן פּנימל אַראָפּ, און מיט הענטלאַך און מיט פיסלאַך צעשפּרייט, און גלייך אויפן גרויסן ברען דעם פלאַמיגן...

און די פריינט האָבן זיך אָפּגעקערעוועט פון אַהין צו קוקן און ביידע באַלויכטענע האָבן איינס אויפן אַנדערן אַ קוק געטאָן.. האָבן זיך פלוצלום ביי זיי אויסגעלאָשן די פּנימער, און פון פייער־שיין פריהעריגער זיינען איצט ווי צעטומלט געווען, און די ערשטע רגעס איינס דאָס אַנדערע ווי זיך פאַרלירנדיק געשטאַנען. און אַ צייט איז אַוועקגעגאַן, ביז דער ליכט־שווינדל איז זיי פון די אויגן אַרויס, און ביז די נאַכט־שיין און ביז דאס ווידער־קוקן־מעגליכקייט האָט זיך צו זיי אומגעקערט, האָבן זיי דערנאָך דערזעהן: און דער וואַלד איז צוריק וואַלד געוואָרן, און דאָס אָרט זייערס ווי געווען ווידער. און שפּעט אין אָוונט איז שוין געווען, און די לבנה און דער אָנהויב אירער האָט שוין די ערשטע סימנים און די ערשטע בלייכקייט אַהער און דורך די בוימער דערלאַנגט. און אויסגעטיילט האָט זיך פאַר זיי דאָס היטער־שטיבעלע און שוין אַ שוואַך־באַלויכטנס איצטער, און אויך די טאָכטער פון דעם וואַלד־איינוואוינער האָט זיך דאָרט געפיהלט, אין איר שלאָף און דער צייט אירער פון פאַר־לבנה..

און די וואַלד־פריינט זיינען אויף זייערע ערטער געשטאַנען, און דער תמיד־שטענדיגער איז רוהיג געווען, אָבער ווי אויסגעטאָן פון דאַנען, און ווי מיט ווייטס און נישט מיט היגס פאַרנומען. און די לבנה איז אויפגעגאַן, און איר מער־שיין האָט זיך אין איין וואַלד־זייט געוויזן, און יענע זייט איז שוין אין באַלויכטנקייט און אין לבנה־שטייגער געשטאַנען, און די אַנטקעגנדיגע נאָך ניט און זי האָט אין דער באַלויכ־

טענער אַריינגעקוקט. האָט זיך דאַן ווי יענע נאַכט ווידער פון וואַלד און פון לבנה־פאַרהוילעניש אַ שפּילן דערהערט. האָט עס געשפּילט און אַזוי געזאָגט:

— אין דער ערשטער נאַכט האָט מען גערופן, און אין יענער נאַכט האָט מען זיך נישט אָפּגערופן, געבעטן — און מ׳האָט דאָס געבעט נישט פאַרנומען; אָבער דער, וואָס רופט, האָט דאָך נישט גערוהט דעם טאָג, און ער האָט זיך קוים די צווייטע נאַכט דערוואַרט, און איצט אַ טרויעריגער איז, און אַליין איז ווידער... און הויך אין הימל איצט, אונטער דער לבנה דער שווייגנדיגער, שטייט אַ וואָלקן אַ טונקל־איינזאַמער, און דער וואָלקן איז אַ שטיבעלע אַ נאַכטיגס פאַר דעם הימלפאַסטוך, וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג אין פעלד פאַרבראַכט, און איצט אין ער אַהיים געקומען און זיינע שאָף אין שטאַלן שלאָפן, נאָר ער אַליין קיין רוה נישט ווייסט, און ער זיצט און פלעכט איצט פאַסטעלעס אין אומעט... און וואָלט מען געוואָלט, און וואָלט מען נאָר פון וואַלד אַרויסגעקומען, אַזוי וואָלט דער פאַסטוך אַ שטריק אַראָפּדערלאַנגט, און צו זיך אַרויף, אויף נאַכט און אין שטיבעלע, אַרויפגענומען... און וואָס איז געשעהן, און וואָו איז דאָס וואָרט פאַרשפּראָכן, צי געדענקט מען ניט ביים טייכל, ווען אַ לעמעלע איז ביי די פיס געשטאַנען, און דאָס לעמעלע האָט זיך מיטן פּנימל אין זייערע פּיס געריבן, און שאָף האָבן געטרונקען דעמאָלט, און שאָף האָבן זיך נאָכן טרינקען אויפן ברעג איינס נעבן אַנדערן אין אַן ענג רעדל צונויפגענומען... און וואָו איז דער צוזאָג, און וואָו איז דאָס וואָרט, דאָס דעמאָלדיגע, און פאַרוואָס געדענקט מען נישט, און פאַר וואָס רופט מען זיך אויף לבנה־רוף ניט אָפּ?..

און ווידער האָט עס געשפּילט, און דאָס שפּילן האָט דערציילט:

— פאַר צער איז איצט דער פאַסטוך אין הימל אַוועק־געגאַן, פאַר צער האָט ער אין דער נאַכט פאַרבלאָנדזשעט. און אָנגעטראָפן האָט ער אַ וואַלד אַ ביינאַכטיגן, און דער וואַלד דאָרט אין דער הויך און נעבן אַ טייך געפינט זיך.. און אין וואַלד זיינען הויכע פעלזן פאַראַנען, וואָס פון צו־פוסנס זייערן שטילע קוואַלן אַרויסקוועלן, און פון וואַלד־הויך אין דער נידער און צום טייך אַראָפּרינען. זיצט דאָרט ביי אַ פעלז און ביי אַ קוואַל־אָנהויב אַן אַלטער מאַן דאָרטן, אַ ווייסער און אַ וואַלדישער, און וואָס נאָר אין לבנה־נעכט ביים וואַסער באַווייזט זיך. און הויל איז ער, און האַלב נאַקעט איז זיין לייב און די האָר פון זיין קאָפּ זיינען מיט גראָזן פאַרטריקנטע און מיט בוים־נאָדלען באַשאָטן. זאָגט ער און שעפּטשעט באַשטענדיג, און מיט שפּרוך און מיט זאָ־געכץ איז זיין מויל פאַרנומען. איז צו אים איצט דער פאַס־טוך אונטערגעקומען, און געבראַכט האָט ער אים אַ בינטל וואָל אַ מתנה און אַ קריגל זויערמילך צום עסן. און אים אָפּ־געגעבן און זיך געשטעלט פאַר אים, און פאַר זיין אַלטקייט מיט כבוד געשטאַנען; ווייל דער אַלטער דער נביא פון די פאַסטוכער איז, און אין שלעכטע צייטן די פאַסטוכער צו אים אַן עצה פרעגן קומען... און דער אַלטער האָט אויפן פאַסטוך געקוקט און דעם צער זיינעם געזעהן, און געזאָגט האָט אים, אַהיים זאָל גיין, און אויף זיין טויער זאָל זיך שטעלן, און ביז פאַרטאָג זאָל ער דאָרט שטיין, און ביז ער וועט אין פריהמאָרגן מיט זיין פאַסטוך־האָרן ציהען. און די גאַנצע צייט זאָל נישט אָפּטרעטן, און זי וועט זיך דערמאָנען, און מיט די ערשטע ציגעלאַך, די ערשטע געסט פון טאָג, און צו דער ערשטער טשערעדע־צונויפזאַמלונג וועט אויך זי זיך ווייזן...

און דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער האָט דאָס שפּילן

דערהערט, און פון געלעגער איז זי אויפגעשטאַנען און צו דער טיר האָט זי געגנעהענט, און דאַן פון שוועל פון טיר אַ גיי געטאָן, און מיט אויגן געשלאָסענע האָט זיך ערגעץ גיין און שפּאַנען געלאָזט. און דער וואַלד־איינוואוינער האָט דאָס דערזעהן, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן און איר דעם וועג פאַרשטעלן געוואָלט, אָבער דער תּמיד־שטענדיגער האָט אים פאַרהאַלטן: זאָל זי גיין און זאָל אים ניט אַרן, ס׳וועט גאָרניט זיין, און ווייט וועט זי נישט פאַרגיין...

און די טאָכטער איז איבער פלאַץ דעם ליידיגן געגאַן, מיט אויגן פאַרמאַכטע און מיט הענט פאַר זיך און פאָרויס אויס־געשטרעקטע, ווי עמיצן געזוכט און אין עפּעס זיך אָנהאַלטן ווען. און די עלטערע האָבן איר נאָכגעקוקט און זי אין אויג געהאַלטן, און זיי האָבן איר נישט געשטערט און זי גע־לאָזט, און ביז זי איז די ברייט פון אָרט דורכגעגאַן און צו די ערשטע וואַלד־בוימער צוגעקומען, און זיך דאָרט פאַר־האַלטן און פאַר איינעם אַ בוים שטיין געבליבן..

האָט זיך דאַן דאָס שפּילן ווידער דערהערט, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך צו דעם איינגעהערט. און פּלוצלום, און נישט געבליבן איז דער תּמיד־שטענדיגער, און אין די אויגן פון וואַלד־איינוואוינער האָט א פלעק־שאָטנדל אַ שווינדל געטאָן, און אין דערזעלבער צייט האָט, ערגעץ הויך און אויף אַ שפּיץ בוים איינעם, אַ פּארפעל פון אַ נאַכט־פויגל זיך דערהערט... האָט זיך דאָס שפּילן ווידער אָנגעהויבן און ווי אַ פּאַסטוך האָט אויפן פייפל אין פעלד גערופן:

— ער איז אַליין אין פעלד און אונטער אַ שטיין איצט זיצט, ווייל אין פעלד האָט זיך אָנגעוואָלקנט, און די זון איז פאַרשטעלט געוואָרן; און ווינטן בלאָזן שטאַרק, און מ׳ווייסט נישט, וואָס ווינטן וועלן ברענגען, צי אַ רעגן, צי אַ האָגל, צי

אַ גרויסן שטורם אויף טאָג, און פאַסטוכער אַליין זיינען, און פאַסטוכער קיין געשיצטע, און פאַסטוכער האָבן נאָר אַ געלאַטעט אויבערקלייד אויף זיך צו דעקן, און אין פעלד אַ שטיין אויף אונטער אים אַרונטערגיין... און דער נביא פון די פאַסטוכער אויף אַ וואָלקן רייט, און אויך אויף אים זיין אויבערקלייד, און מיט זיין באָרד אויפן ווינט צעשויבערט, און מיט זיין קאָפּ אין הימל אַנטבלויזט, און ער וואָרנט און ער רופט די פאַסטוכער — אונטער שטיינער און אונטער פעלזן זיך צו שיצן, און פאַסטוכער קומען אונטער שטיינער אַרונטער, און פאַסטוכער דאָרט זייערע פייפעלאַך פאַרענדיגן נעמען, די שוין אַרומגעשיילטע און מיט לעכעלאַך פאַרטיג, און די פייפעלאַך זיינען גרייט און ניי, און פאַסטוכער נעמען זיי אויספּרובן צום ערשטן. און דער יונגער פאַסטוך זאָגט: מיין געליבטער האָט איר טאַטע אָפּגעטאָן, מיין געליבטע איז פון איר טאַטן פאַרפירט, און דער טאַטע האָט איר דעם וועג צו מיר פאַרשטעלט, און אין נעכט אין לבנהדיגע האָט זי פאַרכשופט; און לעבן קאָן דאָך ניט מיט אים, ווייל מיט אים האָט שוין אָפּגעלעבט, און זיין ביי אים וועט דאָך נישט, ווייל די צייט איז ביי אים אָפּגעוועזן; און איך בין דאָך אַליין, און קיינעם האָב איך ניט, און פאַסטוכער קענען מיך, און זאָלן פאַסטוכער זאָגן, און אונטערן שטיין איז אַן אָרט נאָך פריי, און דאָס אָרט דאָ וואַרט אויף איר, און זאָל זי איצט אין אומגעוויטער קומען, און דאָס אויבערקלייד וועט פאַר ביידע קלעקן, און מיין און איר קערפּער וועט איינדעקן — און וואָס איז איר דער טאַטע?

— טאַטע! — האָט דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער דאַן ביים בוים שטייענדיג אויסגעשריגן און דעם בוים אַרומגעכאַפּט, טאַטע!.. און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך פון זיין אָרט אַ ריס געטאָן און צו איר צולויפן געוואָלט,

האָט זיך אָבער אין דער רגע אין די שפּיצן־בוימער אַ פויגל־פּאָך דערהערט, האָט זיך פאַרן וואַלד־איינוואוינער אויך אין דער רגע דער תּמיד־שטענדיגער זיך צוריקקערנדיג באַוויזן... און ווידער נישט אַליין איז ער געווען, און ווידער האָט מיט זיך עפּעס געפאַנגען געבראַכט. און איצט איז דאָס נישט קיין רוחל געווען, נאָר אַ גרויסער און מיט אַ פּייפל אין די הענט. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט אים פאַר אַ האָרן געהאַלטן, פאַר איינעם פון זיינע צוויי, וואָס זיינען אים אויפן שטערן העכער שלייפן געוואַקסן. און קליינע זיינען די הערנער געווען, און ווי ביי אַן עקסל אַ יונגן, אָבער דער תּמיד־שטענדיגער האָט אים פעסט געהאַלטן, און ביזן פלייש און ביז דעם וואָרצל פון האָרן זיך איינגעגראָבן. און דער רוח איז מיט קאָפּ עטוואָס אָפּגעבויגן און פאַרשעמט געשטאַנען, און ער איז אָפּהענטיג געווען, וואָס ער האָט זיך אין אַ פרעמדנס האַנט געטראָפן און זיין לאַגע איז פאַרצווייפלט. און אַרויסגעקוקט האָט פון אַ זייט און מיט אויגן־ווייסליכער שרעקנדיגע, און האָריג־געפּעלצט איז ער געווען און קלאָהען אויף די פיס זיינען ביי אים ווי ביי אַלע רוחות פאַרשאַרפט, און ער האָט זיך מיט זיי פעסט און עקסל־עקשנותדיג אין דער ערד אָנגעשפּאַרט. האָט אים דער תּמיד־שטענדיגער געהאַלטן אַ ווײַלע, ווי אָפּגעטעמט און זיך אָפּגערוהט פון אים צו ברענגען, און דערנאָך, שוין אַן אָפּגערוהטער, האָט זיך צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— רוח, הער: צוויי נעכט זיינען מיר איבערגעקומען, אויף דער דריטער נאַכט דאַרפן מיר דיין הילף האָבן.

— ס'איז קיין הילף נישטאָ! — האָט דער רוח געזאָגט.

— וואָס האָסט דו געזאָגט?

— אונזער האַר האָט אונז אויף מאָרגן זיין סוד נישט אַנטפּלעקט.

— פאַרוואָס?
— ער האָט זיך מיטן רוחל אָפּגעבריהט.
— איז דערום?
— ווייס איך נישט.
— ביזטו אין די הענט ביי אונז און מיר ווייסן, וואָס מ׳טוט מיט אַזוינע.

און דער רוח האָט געשוויגן און געטראַכט אַ ווײַלע, און דאַן צוגעגעבן און אַזוי געזאָגט:

— מוזט דו מיר אויפן וואָרט גלויבן און אָט איז מיין עצה: מאָרגן וועט אונזער האַר אויף זיין קראַנקן בעטל אַהער אין וואַלד אַרויסגעטראָגן ווערן, ער וועט אַליין ביים שפּילן זיין, און אַליין אָנפירן מיטן שפּילן, מוזט דו אים קריגן און אים שטאַרק אין די הענט האַלטן.

— און ווער קאָן אים אַרויסקריגן און אים באַפרייען?

— אַליין נאָר די געבשופטע, אַליין נאָר די, צו וועמען ער ווענדט זיך מיט זיין שפּילן.

— האַ?! — און דאָ האָט דער תמיד־שטענדיגער דעם רוח פאַרן האָרן צוגעצויגן און אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, און דער רוח האָט דעם קאָפּ אָפּגעצויגן און זיך נישט זעהן געלאָזט, אָבער פון תמיד־שטענדיגנס קוק האָט די אויגן נישט באַפרייען געקאָנט, און דער תמיד־שטענדיגער האָט אין זיי דעם אמת געלייענט. און דער תמיד־שטענדיגער האָט איבערגעלייענט: נישט געליגנערט האָט איצט דער רוח. האָט ער אים נאָך אַ ווײַלע געהאַלטן, און אַ צווייטע ווײַלע געשוויגן אים האַלטנדיג, און דאַן, און פון זיין פאַרקוועטשטן פויסט האָט זיין האָרן אַרויסגעלאָזט, אים אָפּגעלאָזט און „איצט גיי” אַ זאָג געטאָן...

און דער רוח האָט דעם קאָפּ באַפרייט, און אַ באַפרייטער דאַן מיטן צונג אַ קנאַק געטאָן, מיט אַ פרייד אַ גרויסער,

מיט אַן אויפגעלייגטער און מיט אַ הילכיג רוחישערי און אויסגעקערעוועט האָט זיך מיט רוקן צום תּמיד־שטענדיגן און מיט האַלבן קערפּער זיך אַ בויג געטאָן און מיט די הענט אין באָדן אָנגעשפּאַרט, און באַלד די פיס מיט אַנדערן האַלבן קערפּער איבער ערשטן אַריבערגעוואָרפן, און איינמאָל, צווייטמאָל און עטליכע מאָל, און אַזוי זיך געקוליעט; און אַזוי זיך קוליענדיג, און איבער און אַריבער, איז מיט אַ פייף און מיט אַ קנאַק אין וואַלד אַריין, אַוועק, און פון אויג נישט געבליבן...

און דער רוח האָט נישט געליגנערט, און געווען איז ווי דער רוח האָט פאָרויסגעזאָגט. און אין דער קומענדיגער נאַכט, נאָכדעם ווי די טאָכטער פון דעם וואַלד־איינוואוינער איז איינגעשלאָפן, נאָכדעם ווי אין וואַלד איז אַלץ פאַרשטילט געוואָרן, און די לבנה איז אויפגעגאַנגען, און איר שיין האָט מיט פאַרהוילעניש יענץ אָרט, וואָס איז פון בוימער אַרומגערינגלט געווען, באַשיינט. און אַלץ איז שוין גרייט געווען, און די צייט פון כשוף האָט זיך דערנעהענט, האָט זיך דאַן דער תּמיד־שטענדיגער פון זיין פריינט אָפּגעטיילט, גאָרנישט נישט געזאָגט און אַוועקגעגאַן, אַליין און פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַ צייט.. און געשראָקן האָט זיך דאָס מאָל זעהר דער וואַלד־איינוואוינער און פון דער טיר פון דעם היטער־שטיבעלע נישט אָפּגעגאַן, און געקוקט אַהין און דאָס מיט די אויגן געהיט. איז אַזוי אַוועקגעגאַן אַ צייט.

האָט זיך פּלוצלום די לבנה־ליכט מיט עפּעס אַ טונקלקייט באַצויגן, און נישט געזעהן האָט מען, פון וואַנען ס'נעמט זיך די טונקלקייט, צי די לבנה איז אונטער אַ וואָלקן אַרונטער, צי זי איז אין וואַלד און אונטער בוימעריגקייט געקומען; און נאָך דער טונקלקייט איז אין וואַלד עפּעס אַ ווינטל אָנגעקומען און די שפּיצן בוימער צעשאָקלט, און אַן ערנסט און אַ וואַלד־ווינטיגער איז

איבער די בוימער־שפּיצן איבערגעגאַן׳ און יענעם ערנסט האָבן דערנאָך אויך די שטאַמען פון די בוימער דערפיהלט׳ און אויך זיי האָבן זיך פון זייער הויך און שטיל־שטיין גערירט׳ און צעגיין האָבן זיי זיך גענומען און איינער צום אַנדערן זיך בויגן׳ מיט זייער גאַנצער גרויס און מיט זייער נישט־צעוויגטקייט צום אָנהויב . . . און די לבנה איז נאָך טונקעלער געוואָרן׳ און אין וואַלד איז אַ האַלב־פינסטערניש אַריין׳ און אַ גרויסער אומעט עפּעס האָט זיך אין יענער טונקלקייט צענאָגט׳ און דער ווינט האָט דאָס נאָגן צווישן די בוימער אָנגעזאָגט . . . און דער וואַלד־איינוואוינער איז אַליין ביים שטיבעלע געשטאַנען און דאָס צוגעזעהן׳ און מורא האָט ער געקראָגן פאַרן ווינט און פאַר לבנה־שיין געלאָשענער׳ פאַר זיין אַליין־זיין און נאָר מיט־דער־טאָכטער־בלייבן . .

האָט ער דאַן דערהערט: און ווי אין וואַלד האָט זיך איצט דאָס שפּילן אָנגעהויבן׳ אַזוי איז דאָס פּלוצלום איבערגעריסן און שטיל געוואָרן׳ און אַ טומל איז אויפן שפּיל־פּלאַץ דאָרט געוואָרן׳ ווי אַן איבערשלאָג און עפּעס אַן אומגליק וואָלט דאָרט געשעהן׳ וואָס וואָס האָט מען נישט וויסן געקאָנט׳ נאָר געפיהלט האָט מען׳ אַז דאָס שפּילן איז איבער־ראַשט און געפּלעפּט געוואָרן מיט אַמאָל . . . האָט זיך באַלד נאָכן רעש פון וויטן׳ באַלד און צווישן די בוימער נאָהענט׳ עפּעס ווי אַ צווייגן־ברעכן און אַן אין־וואַלד־טרעטן דער־הערט׳ און נישט געדויערט האָט לאַנג און פון די בוימער האָט זיך אַ געשטאַלט אַרויסגעוויזן׳ אַ הויכע און נישט מענשן־געוואוינליכעס׳ און די וואוקס איז וועדליג צוויי מאַן און העכער געווען׳ און ווי צו אַ שמחה איז די געשטאַלט אָנ־געטאָן געווען׳ אין הוילן נייען און אין הוילן שוואַרצן׳ און אויף די הענט האָט אויך ווייסע האַנטשן געטראָגן׳ און אַליין איז דאָס אָנגעבויגן געגאַן׳ און אין דער האַנט אַ שטעקן׳

אויף אין אים זיך אָנשפּאַרן, געהאט. און די געשטאַלט איז פון וואַלד אַרויסגעקומען, און מיטן קאָפּ האָט דאָס צו דער מיט פון די בּוימער־שטאַמען דערלאַנגט. און פאָרויס פּאַרן תּמיד־שטענדיגן גייענדיג, האָט קעגן תּמיד־שטענדיגן ווי אַ ריז אויסגעזעהן. און דער תּמיד־שטענדיגער איז אים בּיי זיין זייט געגאַנגען און אַ גרויסער ערנסט האָט איצט זיין פּנים און זיין גאַנץ בּאַנעמען אויסגעדריקט. און די געשטאַלט האָט זיך צום תּמיד־שטענדיגן פריי און נישט בּאַצוואונגען געהאַלטן, אויף אים ווייניג אַכט געגעבן און ווי פעסט און זיכער זיך געפיהלט, און נאָר דאָס איינציגע, וואָס ער איז אין זיין רשות בּיי אים, האָט אים, צו גיין מיט אים און בּיי זיין זייט זיך געפינען, גענויט.

זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען און נאָהענט צום אָרט פון וואַלד־איינוואוינער אונטערגעקומען. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט זיך צו זיין פריינט דאַן געווענדט, אים אויף די הויכע געשטאַלט אָנגעוויזן און ווי אים מיט די אויגן אָנגעטייט: זאָל ער וויסן, וואָס צו טאָן ער האָט, און וואָס דער נעכטיגער רוח האָט געזאָגט, זאָל געדענקען. און דער וואַלד־איינוואוינער האָט פאַרשטאַנען און די נאַכט און דעם ערנסט היינטיגן בּאַנומען, און צו דער טאָכטערס שטיבּעלע און צו איר שלאָפן־דאָרט זיך געווענדט, און ער האָט געהיט די טאָכטער און אויף איר פּנים, וואָס איז שוואַך פון לבנה בּאַלויכטן געווען, געקוקט און קיין ריר און קיין בּאַוועגונג פון איר פּנים איז פון אים נישט פאַרלאָרן געגאַן. און די געשטאַלט אין דרויסן איז דערווייל שטיל געווען און נישט געזאָגט גאָרנישט, נאָר אַז ס'איז צום שטיבּעלע אונטערגעקומען און אין דער נאָהענט־קייט פון דעם זיך דערפיהלט, האָט מיט אַן אויג מיט איינעם אויף דעם אַ קוק געטאָן פון דער זייט, און נאָך מער פון דער זייט האָט בּעת מעשה מיטן אַנדערן אויג אויפן וואַלד־

אײַנוואוינער אַ בליק געוואָרפן, און נישט וויסנדיג געמאַכט האָט זיך, און ווי נישט געזעהן גאָרנישט, און באַלד צום תמיד־שטענדיגן האָט זיך געווענדט, אַ קוק געטאָן אויף אים און זיין קוק האָט געהייסן: ער הינקט אויף זיין פוס און ער קאָן ניט שטיין אויף אים, זאָל ער אים ערלויבן און ער וועט זיך אויף דר׳ערד אַראָפּזעצן. האָט אים דער תמיד־שטענדיגער ערלויבט, און יענער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, זיין שטעקן צווישן די פיס גענומען, און מיטן פנים אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען, האָט זיך געווענדט, און באַלד אַהין אויפגעהויבן זיין פנים. איז אין וואַלד נאָך אַלץ דער ווינט געווען, און ביימער האָבן זיך געשאָקלט און גערוישט מיט שפּיצן. האָט דער תמיד־שטענדיגער פלוצלום דערזעהן, ווי אויף אַ בוים, וואָס אַנטקעגן דעם רוח זיצנדיגן, און סאַמע אויפן שפּיץ אויף זיינעם, האָט זיך אַ רוח באַוויזן; און אויסגעזעהן האָט יענער ווי דער נעכטיגער, און ווי דער, וואָס איז נעכטן דאָ געפאַנגען געווען, און וואָס נאָכן אויספרעגן ביי אים איז אויף דער פריי געלאָזט געוואָרן. איז ער איצט סאַמע אויפן שפּיץ בוים געווען און אַראָפּ האָט ער געקוקט, און צו זיין האַר, וואָס איז אונטן, אויף דער ערד, געזעסן, איז זיין בליק געווען געווענדט, און געוואַרט האָט ער, ביז דער אונטן־זיצנדיגער וועט אים פון דער ערד אַרויף מיט זיין קוק עפּעס באַפוילן. האָט אים יענער דערפיהלט, האָט ער צו אים די אויגן אויפגעהויבן און האַריש און אויף אַ רוח־אופן זיך מיט אים איבערגעקוקט אַ ווײַלע, און דאַן, און דער, וואָס איז פון אויבן געזעסן, האָט ד אָ ס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט, אַרויסגעקראָגן. האָט ער דאַן מיטן צונג אַ קנאַק געטאָן — פאַר זיך און פאַר פרייד פאַר גרויסער, פאַר אויפגעלייגטקייט און פאַר גרייטקייט זיין האַר צו דינען, און אויך פאַר ווייטע רוחות, און פאַר אַנדערע זיין־גלייכן, וואָס האָבן איצט נישט

געזעהן זייער האַר און אָפּגעשיידט געווען פון אים, אַ סימן געגעבן, און יענע האָבן פאַרשטאַנען. האָט זיך דאַן דאָס שפּילן אָנגעהויבן, און דערהערט האָט זיך, און אַ כּלי האָט פאַרצויגן און אין שפּילן אויסגעמאָלט:

— ווען די לבנה אין אָוונט אויפן ים ווייזט זיך, טרעפט זי אַ פישער־שיפל אויף זיין מיטן שטיין, באַזילבערט און באַגאָלדעט זי די רוהיגקייט דאַן אויף ים און דעם פישער זיין נעץ, וואו פאַרוואַרפן דאַרף, העלפט. און פאַראַנקערט איז שוין דאָס שיפל, און דער פישער אויף זיין נעץ און מזל וואַרט. און וואָס צו טאָן האָט ער ניט, ווייל אַ צייט מוז אויסוואַרטן... קוקט ער אויף לבנה און אויף ים, וואָס איז צעשפּרייט, און קיינעם האָט ער ניט ביי זיין זייט, און לבנה זיין איינציגע פאַרבּרענגערין דאַן; דערציילט זי אים כּונם ים־מאַן, וואָס אויפן גרונט האָט ווייסע געוויקסן־כּלות פּיל, און מיט קליינע פישעלאַך באַפּוילט זיי אין אָוונט, און צו יעדער כּלה אַן אַנדער פישעלע שיקט אונטער, און דאָס פישעלע דרייט זיך אַרום אַרום כּלה, באַקוקט זי און באַשמעקט זי מיט פיסקעלע, און דאַן צום ים־מאַן שווימט און אַ גרוס פון זיין כּלה ברענגט.. און דער פישער דעם קאָפּ אַרויף צו לבנה האַלט, און אין ים אין פאַרשפּרייטן געפינט זיך, און אין זיין כּלה, וואָס אויפן ברעג זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אים צום ברעג באַלייט, און דערנאָך אַהיים אַוועקגעגאַן, און אָפּגעייענדיג געוויס זיך אומגעקוקט אויף צוריק, און לאַנג אים אין זיין אָפּשווימען נאָכגעקוקט, און ער וויל זי איצט זעהן, און ביי לבנה איר געשטאַלט אים ווייזן בעט, און לבנה ווייזט זי אים. און איר שטיבעלע פון ברעג אויפן הימל טראָגט איבער, און די כּלה קוקט דורכן פענסטערל אַרויס, און צו איר געליבטן אויפן ים קוקט אַראָפּ, און פאַר איר שלאָפן־גיין אַ „גוטע־נאַכט" אים ווינשעוועט, און אַ גליקליכען פיש־פאַנג

אין זיין נעץ, און דאַן דעם קאָפּ פון פענסטערל נעמט אַריין, און אין שטיבעלע אויף נאַכט גייט אָפּ, און דער פישער אַליין אויפן ים דאַן בלייבט, אויף צו נעכטיגן, און די גאַנצע נאַכט פון דער, וואָס אין שטיבעלע, צו טראַכטן...

האָט דאָס דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער אין וואַלד פאַרנומען, און פון איר געלעגער האָט זיך אויפגעהויבן, און אויף דער שוועל אַרויס, און מיט איר פאָטער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, זיך אָנגעשלאָגן. און דער וואַלד־איינוואוינער האָט די הענט צעשפּרייט געהאַלטן, אום איר דעם וועג פאַרשטעלן און זי ווייטער גיין נישט צו לאָזן. און די טאָכטער האָט דעם קאָפּ צום הימל אַרויף געהאַלטן און מיט די פאַרמאַכטע אויגן דורך די וויעס די געשלאָסענע, ווי די לבנה און איר שיין דאַן געזוכט. איז אָבער די לבנה נאָך פאַר אירע אויגן נישט געווען, ווייל אין וואַלד פון בוימער פאַרשטעלט איז זי געשטאַנען, און פאַרצויגן איז דאָך היינט מיט עפּעס געווען, און אויף דער טאָכטערס פּנים האָט נאָר מיט אַ שוואַכער שיין דערלאַנגט. און דער רוח אויפן בוים־שפּיץ איז נאָך ווי פריהער אויף זיין אָרט געזעסן און אויף זיין האַר, וואָס איז פון אונטן געווען, געקוקט. און דער תּמיד־שטענדיגער האָט זיי ביידע אין אויג געהאַלטן, האָט זיך אין וואַלד ווייטער דערהערט:

— און אַז אַ שטורם מאַכט זיך אַמאָל אויפן ים, ביינאַכט און ווען לבנה איז אויפן הימל, און דער פישער אין דער מיט געפינט זיך, און כוואַליעס צעשפּילן זיך, און ווינטן ברעגגען גיכע וואָלקנס צו טראָגן, און פאַרביי לבנה און איר שיין פאַרשטעלנדיג טראָגן זיך דורך. און אַ טונקלקייט פאַלט אויפן ים־זילבער און אַ כמאַרעדיגקייט דאָס ים־גאָלד פאַרטונקלט, און שיפעלע הוידעט זיך, און שיפעלע קאָן שוין רוהיג נישט בלייבן, און דער פישער מוז דעם אַנקער אויפהויבן און

אויף גיך די נעץ אַרויפנעמען, ווייל פון אַלע זייטן כוואַליעס טראָגן זיך, און אין אַלע הימל־עקן סכנה מיט טונקלקייט פאָרן זיך··· און די כלה אין שטיבעלע אונטער לבנה ווערט פון שלאָף אויפגעוועקט, צי אַ ווינט, צי אַליין די לבנה קלאַפּט איר אין פענסטערל אָן, און זי כאַפּט זיך פון בעט אַראָפּ און קוקט דורכן פענסטערל אַרויס, און דערזעהט וואָס אויפן ים טוט זיך, ווענדעט זי זיך דאַן צו לבנה, אַז איר פישער, וואָס איז מיט זיין שיפעלע פאַרבליבן, און וואָס אויפן שיפעלע איצט שטייט און מיטן רודער אין אַלע זייטן רודערט, זאָל דעם יַמס בייזקייט איינעמען און דורך זיין ווילדער מיט זיך דורכטראָגן, און צום ברעג אַ גאַנצער זאָל דערגרייכן און אַהיים בשלום אָנקומען, און קיין כוואַליע זאָל זיך אים אין וועג ניט אויפשטעלן, נישט פון אַ זייט און נישט פון אונטן אויף אים, און קיין גרוב פון פאָרנט זאָל אים ניט איינשלינגען ווען; בעט זי פאַר לבנה···

אָבער אַז דער ים שוין מער צעשפּילט זיך, און די לבנה איז שוין מיט זיך אַליין פאַרנומען, ווייל וואָלקנס זיינען אין אַן אָנגעלויף אָנגעלאָפן, און שטורם אויפן ים שוין אַ שוואַרצער איז, און וואַסערן און כמאַרעס — נאָך שוואַרצער, און אַ גרויס פאַרבלאָזיגקייט אויף די האָריזאָנטן הערשט, און אַ רעש און אַ גרויסער טומל איז אין מיט פון ים, און דאָס שיפעלע אין ים אַ קליינס געפינט זיך — וואָס זאָל דעמאָלט טאָן, און וואָס זעהט זיך דאַן אָן דאָס שיפעלע, וואוהין זאַל זיך דאָס ווענדן און וואָס וועט זיין און געשעהן דערמיט···

און דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער האָט דאַן אויף איר פאָטער אַ גיי געטאָן און אים פון זיין אָרט אָפּגעשטויסן, און אין מיטן פון יענעם פלאַץ, וואו דער רוח, דער האַר, איז געזעסן און תּמיד־שטענדיגער איז געשטאַנען, איז געקומען — אַן אָנגעשטרענגטע, און ווי מיט כח אומגעוואוינליכן און פון

פּאָטער נישט אויפגעהאַלטן און פון די אַרומיגע באַוואוג־דערט... און שטיין איז זי געבליבן, און דער פּאָטער איז צו איר אונטערגעלאָפן, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט איצט ווי שוואַך און נישט ביכולת אויסגעזעהן, און דער רוח, דער האַר, האָט דאָס צוגעזעהן, און אַ גרויס צופרידנקייט און אַ שמייכלענדיגע בטיחות האָבן זיך אין זיינע, אין די זייטן קוקנדיגע, אויגן באַוויזן. און דער רוח פון בוים־שפּיץ האָט אַלץ אויף זיין האַר געקוקט און ווייטער די צייט פאַר דער רעכטער געפונען, און ווידער אין וואַלד ערגעץ זיין סימן געגעבן. האָט זיך דאַן ווידער דערהערט, און די כּלי האָט ווידער געצויגן:

— און דאַן, און אַז דער שטורם איז שוין אויפן ים, און אַז טאָן עפּעס איז שוין אוממעגליך, און אַז אויך גרויסע שיפן זיינען אין אַזוינע פאַלן פאַרלוירן, און פון קלענערע איז אָפּגערעדט, און פון אַ זוינע קליינע איז גאָרנישט נישט צו האָפן; און דאָס שיפעלע איז אַ שפּענדל אין ים, און דער ים איז אימהדיג געוואָרן, און די לבנה איז נישט אַרויסצוזעהן, און דאָס, וואָס ס׳זעהט זיך יאָ אַרויס, איז אַליין דערשראָקן און דעם שרעק פון פישער נאָך פאַרגרעסערט; און זיינע מינוטן זיינען די לעצטע, און דאָס שיפעלע איז שוין נישט איינמאָל פאַרפלייצט געוואָרן און ביים אונטערגיין געהאַלטן, נאָר מיט נסים און מיט לעצטן איז דאָס נאָך אויפן וואַסער פאַרבליבן — איז וואָס איז דאַן דער־כלה געבלי־בן? אז איר צער איז גרויס, און איר געליבטער איז ביים עק דאָרט, און מיט וואָס אים העלפן האָט זי ניט, און ליכט איז קיין ליכט, און לבנה — נישט לבנה, און וועלט און וואַסער איז פאַר איר געבעט פאַרשטעלט; און וואָס איז איר איר שטיבעלע, אַז דאָס שיפעלע האָט זיך שוין איבערגעקערט, און דער פישער איז אין וואַסער אַריין, און ביים עק פון

שיפּעלע זיך האַלט, און האַלטן וועט זיך נישט לאַנג, און ביז אַ כוואַליע וועט קומען און אים דאָס שיפּעלע פון דער האַנט אַרויסרייסן, און אָט האָט די כוואַליע אַ פּאַטש געטאָן, און דאָס שיפּעלע איז אין אַ גרוב אַריין, און דער פישער איז אַליין אַרויס, אויף איניגע מינוטן זיך נאָך צו ראַנגלען, און דערנאָך און אויך ער וועט פאַרשווינדן; איז וואָס זאָל זי טאָן, אויב נישט אויפן שוועלפענסטער פון שטיבעלע זיך שטעלן און מיטן לעצטן אָטעם איר געליבטנס געראַנגל זעהן, און דאַן, און אין דער לעצטער מינוט פון דער הויך און פון שטיבעלע פון אויבן, אויך זיך אַליין, אַהין און אין וואַסער וואַרפן . . . און אָט איז די מינוט די לעצטע, און ביים פישער האָבן זיך שוין די הענט אָפּגעלאָזן, און מער קיין כח האָט ער ניט, און אין די זיך־טראָגנדיגע וואָלקנס האָט אַ בליץ געטאָן, און אין ים האָט זיך אַ גרוב געעפנט, און דעם לעצטן און דעם איינציגן מענשן, וואָס אויפן ים, האָט אין דער טיף אַריינגעשליידערט . . . און די כלה פון פישער האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט, און די כלה פון פישער האָט זיך פון דער הויך און פון פענסטער אַראָפּגעלאָזט, און . . .

— אין דער מינוט האָט זיך אַ ריס געטאָן דאָס שפּילן, און דעם וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער האָט זיך פון איר אָרט אָפּגעריסן, און דער רוח, דער האַר, האָט זיך פון זיין אָרט אַ שטעל געטאָן, און דעם שטעקן, וואָס ער האָט אויף זיך אָנגעשפּאַרן געהאַט, האָט צווישן די פּיס אַריינגעכאַפּט, און פּלוצלום זיך מיט אים אין דער לופטן אַ הויב געטאָן . . . און צום וואַלד־איינוואוינערס טאָכטער איז ער צו, און זי האָט שוין די הענט צו אים אויסגעשטרעקט געהאַלטן, און מיט גרויס מיה און גלוסטונג זיך צו אים געצויגן אַרויף. און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זי אַרומגעכאַפּט, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זי פאַרהאַלטן געוואָלט, אָבער די

טאָכטער האָט זיך פון אים אויסגעריסן, און דער רוח האָט איר אַ האַנט אַראָפּדערלאַנגט, און אָנגעכאַפּט האָט זי, און צו זיך אויפן שטעקן אַרויפגעכאַפּט, און זי אויף פאַר זיך און רייטנדיג אַרויפגעזעצט; און אַזוי, און זי אַרויפזעצנדיג, זיינען זיי אַלץ העכער און העכער אונטער לבנה געקומען, העכער און העכער געפלויגן, און דער רוח האָט זי אַרומגענומען גע־האלטן, געהאַלטן און נישט אָפּגעלאזט.

און דער פאָטער האָט זיי אין הימל רייטנדיג דערזעהן, און דער וואַלד־איינוואוינער איז מיטן פנים צו דר׳ערד געפאַלן, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט דאָס צוגעזעהן, און דער תּמיד־שטענדיגער האָט פאַר זיין פריינט קיין הילף און קיין טרייסט נישט געהאַט...

און אויף מאָרגן, אַז דער טאָג איז געקומען, האָבן ביידע פריינט זייערע זאַכן צונויפגענומען, און שטילע און נישט גערעדט צווישן זיך, דאָס אָרט יענץ פאַרלאָזט, אום צום תּמיד־שטענדיגנס שטיבעלע און צו זיין היים זיך אומצוקערן. זיינען זיי געקומען אַהין, און דער וואַלד־איינוואוינער האָט זיך ביי זיין פריינט באַזעצט, און דער וואַלד־איינוואוינער איז פון דעמאָלט אָן ביים תּמיד־שטענדיגן פאַרבליבן, און אַזוי אויף צייטן לאַנגע, און נאָך עד היום געפינט זיך דאָרט.

---

# אין ווײַן־קעלער.

— און אז דער טרעגער, וואָס אונזער ערד און וועלט אויף זיינע אַקסל טראָגט, ווערט אַמאָל מיד זי צו טראָגן, גיט ער זי אַ צווייטן, זיינעם אַ פריינט, אַ ליידיגייער, איבער, און אַליין לאָזט זיך אין שענק אַוועק...

אַן אויפדערנאַכט אַמאָל, ס׳איז פינסטער און אומהיימליך, קומט ער אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס צו גאָט און צו מענשן אָן. דאָרטן איז נעבן אַ גאַס אַ רוישיגער, אַן אונטערגאַס און פון מענשן אָפּגעטאָן פאַרהאַנען. ליגט דאָרט אין אַ מויער איינעם אַ סקלאַד־קעלער צופוסנס, פירן אין קעלער אַריין עטליכע טרעפּעלאַך אַראָפּ. טרעפט מען זיך דאָרט אין אַ שטוב אַ נידעריגער, אין אַן אַלטער און מיט צימערן איינגע, און די ווענט אין די צימערן זענען מיט עפּעס אַ שוואַרצן לאַק אַ גלאַנציגן באַשמירט, און אויף די ווענט די שוואַרצע, אַלטע בילדער עפּעס רויט־געפאַרבטע הענגען. שטייען אין די צימערלאַך אַלטע טישן נאָך פון אַמאָל פאַרבליבענע, פּראָסט הילצערנע און נאָר ווייס געריייניגט, און ביי די טישן בענק אַלטע, אויכעט פּראָסטע און לאַנגע, און ווערדליג איינציגע מענשן זאָלן זיך אויף זיי זעצן, און די צימערלאַך זענען נידעריגע און פון די ווענט קוקן אויף זיי די אַלטע בילדער מיט אַמאָליגע שכּורים, גרויסע לייט און היגע באַזוכער אַראָפּ.

קומט אַהין דער וועלט־טרעגער צו גיין אין אָוונט, און די צימערלאַך זענען שוין פאַרנומען, און ביי יעדן טיש פּאָרן, מאַנסבילן מיט פרויען זיצן, און אין איינעם אַ צימער נאָר

מאַנסבילן געפינען זיך, געפינט ער זיך דאָרט אַן אָרט ביי אַ טיש, זעצט זיך אַוועק און הייסט דעם דינער זיינעם אַ וויין זיך דערלאַנגען. דערלאַנגט ער אים, און אַנטקעגן דער עולם איז שוין אַ באַטרונקענער, און די פנימער זענען זיי שוין פון וויין און פון טרינקען רויט, און זייערע אויגן שוין נישט גלייך קוקן, נאָר צעשוואומענע און צעמישטע זענען. און אַמאָל איינער און אַמאָל אַן אַנדערער כאַפּט זיך פון זיין אָרט שוין אויף, אום צו דעם, וואָס אים אַנטקעגן זיצט, מיט זיין גלאָז זיך גלעזלען, אָדער אַזוי זיך גלאַט, פון שכרות אַן אויסגעשריי צו אויסשרייען.

מאַכט זיך דאָרט אַ יונגער עולם אַמאָל ביים טיש, יונגע געלערנטע, וואָס זענען נאָך פון תלמידים־בענקל נישט אַראָפּ, און צווישן זיי רייך־קינדער, און אַזוינע, וואָס רייבן זיך און האַלטן זיך נעבן רייכע, ביליגע טרוימער און וואָלוועלע שענק־גייסטער, וואָס מיינען די וועלט פאַרריכטן און איר ביזאַהעריגן געשטעלטן שטייגער מיט ווערטער צעשטערן — צעשרייען און צעהיצן זיי זיך אינמיטן טרינקען, צעגוואַלדעווען און צעטומלען זיך, איינס דאָם אַנדערע ניט הערנדיג, און איינער אַ מער היציגער, שטעלט זיך אַרויס און טומלט זיך מער פון אַלע, שרייט אויס און כעסט זיך אויף דער וועלט:

— זי האָט זיך פאַרשולדיגט, אַז די האָר זענען נישט אירע.

— אין תפיסה זי, די אָנזעצערין — שרייען אַנדערע, און מיט די פויסטן אין טיש קלאַפּן.

— ביים בעל־הבית פון „סגי־נהור" (אַזוי הייסט דער שענק) זי פאַרזעצן! — פאַלט איין דאַן איינעם.

— אין איר מיט אַ לאָך מאַכן, פּולווער, און זי אויפרייסן! — שרייט אַ צווייטער.

— פעטער! — קערעוועט זיך דאַן אַ שכּורער צום וועלט־טרעגער, וואָס אָפּגעזונדערט ביי זיין טיש זיך זיצט — ווער זענט איר און וואָס טוט איר דאָ?

— דער וועלט־טרעגער בין איך! — באַקומט ער אַ ענטפער.

— ווער?! — הערט יענער ניט איין און גלויבט ניט דעם געהערטען.

— דער וועלט־טרעגער! —

— כאַ, כאַ, כאַ! — צעלאַכט זיך יענער און אויף אַ קול צו זיין חברה קערעוועט זיך:

— חברה, הערט נאָר, ווער עס זיצט דאָ מיט אונז! דער וועלט־טרעגער איז ער.

און די חברה לויפט זיך צום טרעגער דאַן אָן, און מיט שפּאָט און שכּרות רינגלען אים ביי זיין טיש אַרום, האַלטן אים פאַר משוגע און די וועלט פאַמעלאַך צו טראָגן עצהנען און זעהן זי ניט אַראָפּוואַרפן, אום חלילה זי נישט צעברעכן — וואָרנען...

— גוט — איז דער טרעגער מסכּים.

— אַן עבירה נאָר זיין מיה, קיינער וועט דאָך אים פאַר דער טרחה נישט באַצאָלן, זאָגט דאַן איינער.

— אוודאי גיבן בעסערע פרנסות — זאָגט דאַן אַ צווייטער.

און די חברה איז זיך לסוף מיאש פון אים און לאָזט אים אויף זיין אָרט ביי זיין זיצן און זיין משוגעת איבער, קערט זיך צו איר אָרט און איר טרינקען אום, אַזוי אויף לאַנג און ביז שפּעט אין אָוונט אַריין, און ביז אַלע ווערן דאָרט אויף זייערע ערטער איינגעשלאָפן, ווער דעם קאָפּ און די הענט אויף דעם טיש אָנגעשפּאַרט, ווער אויפן אַקסל ביי זיין חבר, און ווער אַזוי, אויף זיין אָרט און גלייך זיצנדיג; ווערן זיי

אַזוי איינגעשלאָפן, און קיינער וועקט זיי ניט, ווייל פון „סגי־נהור" טרייבט מען ניט קיין מענשן, און „סגי־נהור" איז אי בייטאָג, אי ביינאַכט אָפן, און מענשן קענען וויפיל זיי ווילן זיך פאַרברענגען; און האַלבע נאַכט ווערן די צימערלאַך טאַקע אָפגעליידיגט, אָבער ווער ס'בלייבט נאָך, בלייבט, ווער סע טרינקט, טרינקט, און ווער ניט – קאָן אַזוי זיצן.. זיצט זיך אַזוי ווייטער דער טרעגער, און אין זיין צימערל איז שוין קיינער ניטאָ, אויסער יענע נאָר, וואָס שלאָפן, און אויך די צימערלאַך זענען שוין ליידיג, און די נאַכט־דינער ביי די עקן טישן און אָהן אַרבעט דרעמלען. און אין שטאָט דער רויש האָט זיך שוין איינגעשטעלט, און אין גאַס, וואו „סגי־נהור" געפינט זיך, גייט שוין גישט קיינער, נאָך ווען־ניט־ווען אַ פאָר פיס פון אַ פאַרשפּעטיגטן אַהיימגייער פאַרביי די נידעריגע פענסטערלאַך, וואָס צום דרויסן קוקן, פאַרבייגיין דערהערן זיך...

שטעלט זיך דאַן אין צימערל פון טרעגער דער נאַכט־שלעפער אַריין, נישט באַמערקט פון קיינעם און פאַרביי די דרעמלענדיגע דינער דורכגעגאַנגען. און אָט איז ער אויף דער שוועל שטיין געבליבן. און אָנגעטאָן איז ער אין אַ טיגערפעל אַזוינער, ווי אין אַ רעקל אָהן אַרבל, און דער עק פון טיגער שלעפט זיך אים אַ טויטער און אַ באָמבלענדיגער נאָך. און אַליין זעהט ווי געדראָלן און רויט־פאַרבלאָזן אויס, פון באַשטענדיגן טרינקען און וואָס אויך איצט איז אונטער דער כוסה, וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש און שוין נישט איינע דאָרט אַריינגעכאַפּט. שטייט ער און האַלט זיך אויף דער שוועל דאָרט שוואַכליך, אָבער נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען, ווייסט ער נאָך, און אַז עמיצער דאָ אינטערעסירט אים, זעהט מען אויף אים; דערזעהט ער דעם וועלט־טרעגער דאַן ביי זיין טישל זיצן, גייט ער צו אים צו, ווי צו זיינעם

אַן אַלטן באַקאַנטן, קומט אים צום טיש אונטער און פאַרנעמט אַן אָרט אַנטקעגן, דערלאַנגט אים אַ האַנט צום גריסן און לאָזט זיך אויף אַ בענקל אַראָפּ.

— ווי גייט עס? — פרעגט ער ביים וועלט־טרעגער, זיך אַראָפּזעצנדיג.

— גוט, און באַרג אַרויף.

— און וואָס איז די גדולה דיינע, דאָס, וואָס דו טראָגסט אָט די שכּורים אָהן געלט? —

און דער שלעפער ווייזט דאָ דעם טרעגער אויף די אַנט־קעגן שלאָפנדיגע נאַכט־פאַרשוינען אָן.

— ניין, ענטפערט אים דער גייסט, און ווי ביי דיר?

— שלים!

— וואָס אַזוינס? —

— די פרומע זענען אויסגעשטאָרבן און נישטאָ, און די, וואָס זענען פאַרבליבן, איז כאַפּט זיי, ווי זאָגסט דו, דער טייוול.

— איז ביי וועמען ביזטו געבליבן?

— ביי איינעם אַ שטיקל פריינט נאָר.

— און ווער איז ער?

— ער איז קליין און נישטיג, דאַר און שוין הויט און ביין, און זיין פּנים איז אים געל געקנייטשט, און ערד איז אים אין די קנייטשן. די אויגן האָבן זיך אים צעמישט, זיינע ווייסליכער האָבן די שוואַרצליכער פאַרגאָסן, אַ גראָה וואַסערל איז אים שוין אין די אויגן, און אַז ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל מיט זיי, זעהט ער שוין, ווי נישט אויף דעם עולם אויס: דאָ האָט שוין נישט וואָס צו טאָן, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אויסגעבראַכט, ווייַן און ווייבער האָט ער זיינע קליינע כּחות אָפּגעגעבן, און איצט איז ער אַזוי פאַרבליבן, און אַלע אָוונט נאָר האַלוצינאַציעס באַפּוילן אים...

ווי ער קומט נאָר אין זיין בחורישער היים אין אָוונט,

ער פאַרמאַכט נאָר די טיר נאָך זיך, דרייט דאָס ליכט אַרויס און בלייבט אַליין אין צימער. אַזוי רירט זיך אים באַלד אַ וואַנט אויף אַנטקעגן, אַ לייכטער שאָטן טוט זיך אים אַ ווייז דאָרטן, און פריהער שוואַכליך און נישט אָנגעזעהען, אָבער באַלד וואַקסט אַ פאַרשוין פאַר אים אויס — אַ הויכער און אַ ציכטיגער, מיט גלאַטע האָר פאַרקעמט און מיט אַ שרינט אַזוינעם, מיט לעצטע מאַנירן און אין אויג אַ מאָנאָקל. באַווייזט ער זיך צו מיין פריינט, נעמט זיך אַ פלאַץ ביים טיש אים אַנטקעגן, אַ פוס אויף אַ פוס פאַרלייגט, האַלט זיך פריי און נישט געצוואונגען, און מיין פריינט איז שוין צו אים צוגעוואוינט, ער שרעקט זיך נישט פאַר אים און אויף זיין אומגעבעטן קומען, האָט שוין מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן...

און די לעצטע צייט האָט ער מיין פריינט מיט אַזאַ באַזוך באַפוילט: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, עפעס געשוויגן אַ צייט, און מיין פריינט האָט אין דער האַנט ביי אים עפעס אַ משונה ספרל באַמערקט: שוואַרצע טאָוועלאַך און שוואַרצע בלעטלאַך און אויך עפעס אַ פאָרמאַט אַ אומגעוואוינליכער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער ביי אים אַ פרעג געטאָן.

— טאַקע פון דיינעטוועגן געבראַכט, דיר דאָס ווייזן געוואלט.

— וואָס אַזוינס?

— וואָס מ׳שרייבט פון אונז.

— ווער פון ווער פון וועמען?

— אין אייניגע יאָרטויזנט אַרום פון אונזער טויזנטער.

און דאָ האָט אים דער פאַרשוין דאָם ספרל דערלאַנגט, און מיין פריינט האָט עס גענומען און אין דרין אריינגעקוקט. און נישט ווי אונזערע איז יענער ספר געדרוקט געווען, נישט שוואַרץ אויף ווייס פאַפיר, נאָר פאַרקערט — מיט ווייס אויף שוואַרץ. און מיין פריינט האָט דאָס כתב יענץ לייענען נישט

געקענט און אין ספר גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. האָט ער עס צוריק דעם פאַרשוין אָפּגעגעבן, זאָל ער דאָרט לייענען. און יענער לייענט: ס'איז אים אַלצאיינס — כּתב פון צוריק מיט טויזנטער, און כּתבֿ, וואָס שפּעטער מיט טויזנטער. און זאָגן זאָגט ער, אַז דאָס בוך קער צו אַ מענשהייט שוין אַ שוואַרצער, וואָס האָט די איצטיגע וועלט פאַרנומען, און פון די ווייסע איז שוין קיין זכר נישט געבליבן, און נאָר די געשיכטע זייערע בלאָנקעט נאָך ווי־ניט־ווי אין די געדעכענישן אַרום, און ווען־ניט־ווען דערמאָנט מען זיי.

און אַזוי שרייבט זיך דאָרט אין בוך: נאָך גרויסע געשלעגן און מלחמות צווישן די ווייסע, אַז אַ גרויסער יאוש איז זיי באַפאַלן, ווייל אַז צו זייער געטרוימטן שלום, האָבן זיי געזעהן, וועלן זיי שוין נישט קומען, און אַז בעסער ווי זיי זענען, וועלן זיי ניט ווערן, און וואָס זיי האָבן גוטס געהאַט, האָבן זיי שוין אָפּגעגעבן, און זייער צייט שוין צו עלטער בויגט זיך, און זייער בלוט און באַרוף ענדיגט זיך, און אַנדערע און געזונטערע דאַרפן זיי ירשענען קומען, און אויך די אַנדערע וועלן מסתמא נישט בעסער זיין — האָבן זיך זייערע קלוגסטע און אויסדערוויילטסטע אויף אַ באַראָט צונויפגענומען, און פאַר די איבערגעבליבענע, פאַר די פעלקער און פאַר די פעלקלאַך זייערע, אַ באַשלוס אָנגענומען: ענדע! און זאָל עס גיין, ווי עס גייט, בעסער מאַכן איז אוממעגליך, און זאָרגן איז שוין ניטאָ פאַר וועמען, און זאָל זיך יעדערער, ווי ער פאַרשטייט, זיין לעבן ענדיגן, און פאַר פרעמדן כּלל און פרעמדן פּרט זיך קימערן איז אַ נאַרעשקייט ...

און דער געשיכטע־שרייבער גיט דאָ צו און שרייבט ווייטער:

„און אַ געוואוינליכע ערשיינונג און אַ טאָגטעגליכע

איז עס דאַן געוואָרן, און אין די צייטשריפטן איז דאָס פאַרצייכנט, און אין די טאָגבלעטער האָט מען דאַן לייענען געקאָנט, אַז אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן האָט מען יענע חכמים, וואָס האָבן דעם באַשלוס אָנגענומען איינציגווייז ביי זיך אין די היימען אין די פריהמאָרגנס אין די וואַנעס און אין די באָד־צימערן געטראָפן, — אויסגעטאָנענע און אין די וואַסערן זיצנדיגע, אויסגעגאַנגענע, און די וואַסער איז פול בלוט געווען: זיי האָבן זיך די אָדערן געעפנט, און אַזוי־ערנאָך זייערע חשבונות מיט דער וועלט פאַרענדיגט"...

און דער פאַרשוין מיין פריינטס האָט דאָס לייענען פאַר־ענדיגט, דאָס ספרל פאַרמאַכט און מיט מיין פריינט זיך איבערגעקוקט.

— איז וואָס? — האָט אים מיין פריינט געפרעגט — זאָלן מיר זיך אויך אין יענע חכמים פאַרשרייבן?

— המ... — האָט דער פאַרשוין געשטאַמלט — כ׳מיין ס׳איז צייט... ווייל פון אונזער וועלט איז נישט צו האָפן...

און דער נאַכט־שלעפער גיט דאָ צו:

און מיין פריינט מיט זיין פאַרשוין זענען שוין פאַר־שריבענע, און אויך איך בין צו זיי צוגעשטאַנען.

— איז וואָס וואָלסט דו געוואָלט? — פרעגט דאַן דער וועלט־טרעגער ביים שלעפער.

— האַלטן מיר דיך נישט פאַר נאַרעשער פוז אונז, און איך בין געקומען אויך דיר דאָס פאָרשלאָגן.

— אין „צער בעלי־חיים" אַריין?

— רוף עס, ווי דו ווילסט, און זאָל עס הייסן, ווי סע וויל זיך.

— ניין! — ענטפערט דער וועלט־טרעגער.

— און דיין גדולה און דיין באַרג אַרויף? —

שווייגט דערויף דער טרעגער. האַלט נאָר זיין כוס אין די הענט אַרומגענומען, און זיין פּנים איז פאַרטראַכט צו די הענט געווענדט, און אין „סגי־נהור" שוין גרויסע נאַכט־שטילקייט הערשט דאַן, און די יונגע לייט, וואָס אין טרעגערס צימער ביים טיש שלאָפן, שלאָפן שוין איצט אויף א גרויסן אמת, און אויך די דינער, די אויף־נאַכט־פאַרבליבענע, עפּעס פאַרזונקען און פאַרדרעמלט זיינען, און ביי די עקן טישן, ווי אויף אַ ווילע נאָר, זיך צוגעזעצט, זיינען אזוי זיצנדיג פאַר־בליבן, און דער נאַכט־שלעפער זיצט אַנטקעגן טרעגער, זיצט און וואַרט אויף אים...

— האַ!... — וועקט זיך דער טרעגער דאן פון שטיל־פאַרטראַכטזיין אויף, און מער, ווי צו זיין אַנטקעגן־זיצנדיגן, צו זיך אַליין טוט אַ זאָג:

— מיין גדולה? יאָ... כ׳האָב געהערט נישט לאַנג, ווי אין די וועייטסטע וועלט־רוימען האָט ביינאַכט אַמאָל עפּעס אַ לייכטער שאָס געטאָן. צי אַ וועלט איז דאָרט אונטערגעגאַנגען, צי אַ וועלט מיט אַ וועלט האָבן זיך אָנגעשלאָגן און באַגעגנט, האָב איך נישט געזעהן, נאָר געזעהן האָב איך, ווי אויף דער ערד און אין א שטיבעלע איינעם האָט א פענסטער אויף יענעם שאָס מיט אַ לייכטן ציטער זיך אָפּגערופן. און אַ מענש האָט זיך דאָרט אויפגעוועקט, און איז פון זיין געלעגער אַראָפּ, און די הענט האָט ער געוואַשן, און אויף גאָטס דרויסן ארויסגעקוקט, און געזאָגט האָט ער: עפּעס איז איצט געשעהן אויף דער וועלט, מ׳דאַרף דערויף בעטן, און מ׳דאַרף זיך באַדענקען.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— „וואָס ס׳איז פאָרגעקומען פון אויבן איז מיר נישט קלאָר, צי אַ הימל־קערפּער האָט געפּלאַצט, צי אַ נייע וועלט־געראָד

איז געבוירן, ווייס איך נישט; אָבער וואָס ס׳זאָל דאָרט נישט זיין — איז דאָס געשעהן, און מיט אייביגן לעבן און מיט געטליכן טויט איז דאָך דאָס פאַרבונדן, און אפשר האָט דאָס נאָך אָדער שוין קיין מויל נישט, דאַרף דאָך דאָס עמיצער פאַרן מויל ברענגען, און איך בין דאָך דער זוכה, און איך האָב דאָס פון שלאָף דערהערט, און איך שטיי שוין פאַר גאָט, פאַר זיין דרויסן און פענסטער, און דער וואַכנדיגער וועלט־טרעגער איז איצט פאַרנומען, מיט זיין משא און זיין מיה צו טראָגן, און ווער זאָל פאַרן געשעהענעם דאָס וואָרט זאָגן?״

און געוועזן בין איך דער טרעגער דאַן, אויף דער וועלטס וועג אויסגעטרעטענעם, און ווייטע געזאַנגען פון זעלטענע הימל־גערעדער האָב איך געהערט, און געגאַנגען דאַן בין מיט מיין משא אָנגעלאָדן, מיט דער הייליגער און שווערער. האָב איך די רייד פון יענעם מענשן דערהערט, האָב איך דאַן מיינע אַקסל איינגעבויגן און טיפער אויף זיך דעם יאָך גענומען, מיין יאָך און מיין מיה, מיין ליבע אין מיין גדולה...

— ענליכעס אויף דעם האָבן מיר שוין געהערט פון דיר — האָט דער נאַכט־שלעפּער דעם טרעגער אינמיטן איבער עפּעס נייעס, וועלט־טרעגער, האָסטו?

— און דאָס אַלטע איז דיר ווייניג? — פרעגט דער טרע־גער ברוגז.

— ניין, דערעסן... און דיין מענש איז אַ נאַר און זיין מויל מאָלט נאַרעשקייטן.

— און וואס וואָלסט דו געזאָגט?

— אויסגעשפּיגן און געגאַנגען שלאָפן...

און אַנשוויגן אויף אַ ווײַלע ווערן דאַן ביידע. דער טרעגער לאָזט ווידער זיינע אויגן צו זיין כוס אַראָפּ, און דער נאַכט־שלעפּער קוקט אויף אים און ווי זיין

נאַרעשן אומשולד באַדויערט; שטעלט זיך דאַן אויף דער שוועל דער נאַכט־וועכטער אַריין, און אויך ער און נישט באַמערקט פון קיינעם, פון דער שטילער גאַס אין „סגי־נהור" קומט צוגיין, אַן אָנגעפּעלצטער, און קיילעכיג מיט בגדים אָנגעפּאַקטער, און אויף זיין ברוסט אַ היטער־פייפעלע הענגט אים, אויף טאָמער עפּעס מאַכט זיך, און טאָמער עפּעס אומרוהיגעס אין גאַס געשעהט — צו פייפן און די אַרומיגע היטער צו מודיע זיין, קומט ער אַריין, און אַ שווייגער איז ער, און מיט טרעגער און שלעפער שוין לאַנג באַקאַנט, זעצט ער זיך צו זייער טישל צו און פאַרנעמט אַן אָרט דאָרט מיט זיין אָנגעפּעלצקייט — און טרעגער מיט שלעפער זיינען צופרידן מיט זיין קומען, און ביידע אויף אים זייערע בליקן און זייער אויפמערקזאַמקייט ווענדן.

— און וואָס זאָגסט דו, היטער? — ווענדעט זיך צו אים מיט שפּאַס דער שלעפער.

— זאָג, זאָג, — ענטפערט דער היטער. — זאָג, וואָס דו ווילסט, מ׳הערט דיך אַ היפּש ביסל, מ׳שלאָפט במילא.

און דער היטער ווערט אַנשוויגן, און ער איז ערנסט היטעריש אין זיין שווייגן, און דער שלעפער ווענדעט זיך דאַן אָפּ פון אים, און צום טרעגער דאַן קערעוועט זיך: —

— דערצייל עפּעס, טרעגער, אַהיים איז נאָך פריה צו גיין, די נאַכט איז נאָך גרויס, און דו האָסט דאָך באַגעגענישן.

און דער גייסט פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע, דערמאָנט זיך אָן עפּעס און טוט אַ זאָג:

— הער זשע, שלעפער, און פאַרשטיי.

און דער טרעגער דערציילט.

— דאָ נישט לאַנג, — זאָגט ער, — האָט ער דעם מזל־עמער באַגעגנט. מיט זיין שטאַנג און מיט זיינע עמער אויף די אַקסל, און די שטאַנג איז אים אויף דער ברייט פון דער

פלייצע געלעגן, און די עמער האָבן זיך אים געבאָמבלט, און ליידיג וואַסער־פירעריש איז ער אים אַנטקעגן געקומען. האָב איך אים אַריינגעקוקט אין די עמער און זיי טרוקן און צעלעכצט געזעהן. האָב איך זיך צו אים געוועגדעט און ביי אים „וואָס איז די מעשה״? — אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס די עמער טרוקן און ווי לאַנג שוין דעם ברונען נישט געזעהן, זעהן אויס? האָט ער מיר געענטפערט: מזל־יונגפרוי*) האָט חתונה און איך וויל איר מיט ליידיגן איבערגיין ... אַ דאנק מיר איז זי אין הימל אַרויפגענומען, אַ דאַנק מיר האָט זי אַן אָרט צווישן די מזלות באַקומען, און איצט גייט זי צו אַ פרעמדן זיין.

— וואָס הייסט?

— איר טאַטע איז פון די געפאַלענע מלאכים געווען, ער האָט מיט אַ ערד־פרוי געלעבט, ער האָט מיט איר אַ קינד געהאַט, און געגלוסט און זיך געזעטיגט, און געמיינט, אַז הימל און ערד זיינען זיינע. איז דאָך אָבער דערנאָכדעם אויף אַזוינע מלאכים די שטראָף אויסגעפאַלן, און דער הימל האָט זיך פאַר זיי פאַרשליסן באַדאַרפט, און אויף צוריק אַרויפצוקומען איז זיי שוין נישט באַשערט געווען, — האָט מען זיי נאָר אַ קליינע רגע צייט געגעבן, און ווער ס׳האָט געוואָלט האָט זי אויסנוצן געקאָנט. זיינען אָבער פון די מלאכים פיל אין זייער ערדישקייט און מיט זייערע ווייבער פאַרנומען געווען, האָבן זיי פאַרזאַמט די רגע, זענען זיי אויף קלאָג און אויף מענשן־צוגלייך הינטן געבליבן, און נאָר אייניגע פון זיי האָבן זיך געכאַפּט און באַדענקט אין דער צייט, און אין יענער רגע האָבן זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט. צווישן

*) מזל־עמער און מזל־יונגפרוי — צוויי מ.לות פון די צוועלף.

יענע איינציגע איז אויך דער מזל־יונגפרויס פּאָטער געווען. האָט ער אָבער נישט נאָר זיך אַליין, נאָר אויך זיין ווייב און איר פרוכט פון איר לייב אַרויפגעמען געוואָלט, האָט ער אויף גיך צום ערשטן דאָס קינד אַרויפדערלאַנגט, און איך בין גראַדע ביים הימל און ביים אַרויפדערלאַנגען געשטאַנען, און איך האָב עס פון זיינע הענט אַ כאַפּ געטאָן, האָב איך דאָס איבערגע־נומען, און יענער האָט דאָס ווייב געוואָלט ארויפגעבן און דערנאָך אויך אַליין אַרויף, האָט זיך שוין אָבער אין דער רגע דער הימל צוגעשלאָסן, און דער מלאך איז מיטן ווייב אין די הענט אין דער לופטן שוין פאַר אַ פאַרשלאָסענעם און פאַר אַ צוגעמאַכטן הימל שטיין געבליבן.

און דאָס קינד האָט זיך אין מיינע הענט געטראָפן, און די ערשטע צייט האב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט, אָבער דערנאָך האָט זיך עס צו מיר צוגעוואוינט, און איך האָב דעם אַ טאַטן און אַ מאַמען פארביטן. און איך האָב דאָס דערצויגן, און דאָס קינד איז מיר ליב געוואָרן, און באַשטענדיג איז דאָס מיט מיר ביי מיין אַרבעט געווען, ווען איך האָב פון מזל־ברונען געשעפּט און דער וועלט אַראָפּ רעגן און שפע געגעבן, און געהאַלטן האָב דאָס ביי דער זייט באַשטענדיג, און קיינמאָל דאָס אַליין און אויף הפקר נישט אָפּגעלאָזט.

אַז ס׳איז אונטערגעוואַקסן, און אַז די אַנדערע מזלות האָבן דאָס דערזעהן ביי מיר, האָבן זיי דאָס באַטראַכט און געלויבט אַלע, און איינעגע פון זיי האָבן זיך אַפילו דערין מתקנא געווען, און דאַן אויך אין מיר, וואָס האָב עס אַזוי נאָהענט ביי זיך תּמיד.

און אַזוי ווי אין יענע צייטן זיינען נאָך הימל־גערעדער און מזלות נישט פעסט געווען און פון צייט צו צייט פּלעגט זיך נאָך אַמאָל אַ שטערן אויסגליטשן, פאַלן און פון דער ראָד

פֿעלן, האָט זיך טאַקע אַמאָל געמאַכט, און איינער אַ שטערן־מזל איז גייענדיג פון וועג אַראָפּ און ערגעץ וואו פֿאַרבלאָנדזשעט, צי אין אַ תהום אַראָפּ, האָט אונז אין ראָד דאַן א באזעצער געפעלט, און איינס אן אָרט איז דאָרט ליידיג געשטאנען, האָבן זיך מזלות צונויפגענומען און באשלאָסן: דאס אָרט דעם קינד און פון מיר דערצויגנס אָפּגעבן, און — נישקשה: שעמען דערמיט איז זיך נישט געווען, און געשיינט האט דאס נישט ווייניגער פון אנדערע, און ליב געווען איז דאס מער פון אנדערע, און דאס קינד האט דאס אָרט פארנומען, און אַ גלייכע צווישן גלייכע געוואָרן.

און דאָס קינד איז מיר טייער געוואָרן, און דאָס קינד איז דאָך צו מיר נעהענטער, ווי צו אַלעמען, געווען, און געטאָן האָט דאָס אָהן מיר גאָרנישט, און נאָך יעדער מינדעסטער זאַך פֿלעגט עס זיך צו מיר ווענדן, וויילֹ, ווי געזאָגט, טאַטע־מאַמע האָט דאָס נאָך שוואַך געקאָנט, און איך האָב דעם פֿאַרביטן טאַטע־מאַמע.

און איך פֿלעג דאָס אַראָפּקוקן לערנען, ווי אַזוי ס׳זאָל זיך פֿאַר דער מזל־ראָד האַלטן און דאָס קעפל זאָל זיך דעם נישט פֿאַרדרייען, און אַמאָל פֿלעגט דאָס ביי מיר דעם עמער בעטן, איך זאָל דעם אָנווייזן וואו און וואָס צו באַגיסן, און איך האָב דעם נישט אָפּגעזאָגט און דעם געגעבן, און דאָס קינד האָט שוין די ערד געקאָנט, און זומער און ווינטער געוואוסט, און ווי סע פּירט זיך אין זומער און אין ווינטער, און אָפּטוועגן זי האָט אַזוי דעם עמער געהאלטן, פֿלעגט זי זיך פֿאַרטראַכטן, און אַמאָל נישט דערגיסן און אַמאָל איבערגיסן, ווי א קינד, און איך האָב געשמייכלט און איך האָב איר מוחל געווען אויף דעם, וואָס זי האָט מיר דארט „אָפּגעטאָן”.

און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איך האָב דאָס ליב געקריגן, און פֿאָרמען זיינען ביי דעם געוואָרן, ווי ביי דעם

געוויסן מין פון יענע קינדער, און רייצן האָט דאָס מיך געגומען, און אָפּט און פאַרבאָרגן פלעג דעם שוין נאָכקוקן פון אַ זייט. און דאָס קינד האָט נישט געוואוסט, און דאָס אונטערגעוואַקסענע האָט זיך נישט געהיט פון מיר, אָבער איך פאַר אַנדערע האָב זיך שוין יאָ געהיט, און אַנדערע צו איר שוין אין געהיטקייט געהאַלטן: ווי האַלט מען זיך צו איר, ווי קוקט מען אויף איר, ווער האָט אויף איר אן אויג געוואָרפן און ווער פון אַלעמען ווערט מער געאַכט פון איר...

און איך האָב גאָרנישט נישט באַמערקט, אויסער איר געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו מיר, און איך בין צופרידן געווען און אויפגעלייגט זעהר, און אין האַרצן האָב שוין אויף דער צייט אַרויסגעקוקט, ווען זי וועט נאָך מער אונטערוואַקסן, און איך וועל צו איר נאָהענט צוקומען, און דאָס, וואָס איצטער איז נאָך אומעגליך, וועל איר שפּעטער אויפקלערן, און דערווייל האָב זי געהיט און קיין פרעמד אויג אויף איר רוהען נישט געלאָזט. און אַזוי איז אַ צייט אַוועקגעגאַנגען, און איך האָב איר אין איין נאָכקוקן געהאַלטן, און זי פלעגט אויף דער ערד אַראָפּקוקן, און די ערד איז איר עפּעס ניט געפעלן, און אָפּט פלעגט זי מיך צורופן, און אויף הינטן און אויף אַראָפּ מיר אָנווייזן:

— פּעטער, מזל־עמער, וואָס וואַקסט ביי דיר נישט?

— וואָס נישט? —

— דאָס, וואָס דו באַגיסט און האַלטסט אין איין באַגיסן: די גראָזן און די בוימער דיינע.

— די בוימער זיינען דאָך הויך.

— דאָס איז הויך ביי דיר? און פאַרוואָס דערלאַנגען זיי דעם הימל נישט?

— מער איז זיי נישט באַשערט און נישט געגעבן.

און זי פלעגט זיך פון דער ערד אָפּקערעווען, און פון

מיר ווי אַ באַליידיגטע און אַנטוישטע אַוועקגיין, און אַוועקגיין פֿלעג דאָן צו אַנדערע מזלות, און ביי אַנדערע און שוין נישט ביי מיר אַן אַנדער אינטערעס צו זוכן... און יענע פֿלעגן איר דערציילן און מיט איר פיל צייט פֿאַרברענגען, און יעדערער האָט איר, וואָס ער האָט געוואוסט, דערציילט, און אַלע פֿלעגן פֿאַר איר דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, אַרויסברענגען, און דערציילן פֿלעגן איר פון געוועזנס, און אויך נישט געוועזנס פֿלעגן פֿאַר איר אויסטראַכטן, און זי האָט געהערט און אַלעמען אין מויל געקוקט, און אַ שטאַרק־גלויביגע איז זי געווען, און אין אומגלויבליכעס האָט נאָך מער געגלויבט, און יענע האָבן פֿאַר איר אַזעלכעס אויסגעקלערט, וואָס אויף דער ערד האָט זי פון דעם קיין שפור נישט געזעהן, און אויך צווישן די מזלות קיין סימן פון דעם ניט געפֿונען; האָט זי זיך אין מעשיות פון העכער־מזלות פֿאַרליבט, און מזלות האָבן איר צוגעשטעלט אַזוינע, און מזלות האָבן נישט געקאַרגט פֿאַר איר קיין אויסגעטראַכטס.

פֿלעג זי איצט אַ פֿאַרפֿרעמדטע זיין און צו מיר שוין זעלטן קומען, און אין מיין ערדאַרבעט קיין אָנטייל נישט גענומען, און אין אָפּגעזונדערטקייט פֿלעגט שוין זיצן, און שווער איז זי שוין אַרויסבאַקומען געווען פון איר אָפּגעזונ־דערטקייט. און אין די אָוונטן, נאָך זון־זעצן, פֿלעגט זיך אויף איר מזל־בעטל אַרויפֿזעצן, און לאַנגע שעהן פֿאַר איר אַנשלאָפֿן ווערן פֿלעג אויף הויכע הימלען און אויף די ווייטע שטערן קוקן...

און אָט יענע צייט האָב שוין פֿאַר רעכטפֿאַרטיג געפֿונען, און אין יענער צייט האָב איר שוין מיין ווילן געוואָלט אויפֿדעקן, וואָרום געזעהן האָב איך, אַז נישט אומזיסט זיינען מזלות פֿאַרנומען מיט איר, און נישט אומזיסט גיבן איר מזלות אַזויפֿיל אויפֿמערקזאַמקייט אָפּ, ווייל פיל פֿרייד האָט

זי פּאַר אַלעמען געשאַפֿן, און גליקליך פילט זיך יעדער אין איר נאָהענטקייט צו זיין; האָב איך איר איינמאָל אַ פּאַרנאַכט, ווען אַלע זיינען שלאָפֿן אַוועקגעגאַנגען, אין אויער איינגערוימט — אַז אַלע וועלן אַנשלאָפֿן ווערן, און אַז אַלץ אין ראָד ביי אונז וועט שטיל ווערן, זאָל זי צו מיר אַרויסגיין, איך וואַרט אויף איר, איך דאַרף זי ביים ברונען האָבן...

האָט זי ניט פאַרשטאַנען און מיך אָנגעקוקט, און זיך פאַרוואונדערט און מיך באַטראַכט, ווי נישט געוואוינליך, און דאָך, און נישט חושד זייענדיג גאָרנישט, האָט מיר צוגעזאָגט און געהאַלטן איר צוזאָג... און איך האָב זי געוואַרט ביים ברונען, און אַ לבנה איז דאַן אויפגעגאַנגען, און אויף דער ערד איז דאַן אַ זומערנאַכט געווען, און פון דאָרטן האָט זיך פיל גוטס און ערדשאַפֿט געטראָגן, און פאַרבאָרגענע ריחות פון וועלדער און טייכער פאַרבאָרגענע; איז זי צו מיר אָנגעקומען און ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז, פּעטער? וואָס האָסט מיך באַדאַרפט עפּעס פאַרבאָרגן?

— גאָרנישט — האָב איך איר פאַרפרעמדטע פראַגע דערפיהלט, איר געענטפערט און זי פאַר לבנה באַטראַכט — זעץ זיך.

און זי האט זיך נעבן מיר אויפן ראַנד פון ברונען אַוועקגעזעצט, און איך האָב צו איר אַ האַנט אויסגעשטרעקט און זי אַרומנעמען געוואָלט.

— ביזט נאַס און שמעקסט מיט וואַסער, פּעטער.

און זי האָט מיר די האַנט אָפּגעווענדט און זי מיר צוריק דערלאַנגט, און איך האָב איר שוין גאָרנישט זאָגן געקאָנט, און געזאָגט האָב איך, אַז עפּעס קאָן נישט אַנשלאָפֿן ווערן די לעצטע צייט, און אַז זי איז מיר זעהר ליב, און זאָל זי מיט מיר אַ שטיקל אָוונט פאַרברענגען... און זי האָט

פֿאַרבראַכט ווי פֿאַרבראַכט, און געזעסן מיט מיר ביז זי איז שלעפֿעריג געוואָרן, און איך האָב זי זיך לייגן אָפּגעשיקט, און לאַנג איר דאַן נאָכגעקוקט נאָך איר אַוועקגיין, און אַזוי און מיט גאָרנישט ניט בלייבנדיג, האָב איך לאַנג דאַן נאָכגעדענקט יענעם אָוונט.

און מזלות האָבן איר ווייטער דערציילט, און מזלות האָבן אונטנאַרימער געקוקט אויף איר, און זי האָט ניט באַמערקט, און איבערגליקליך אין איר אומוויסן פֿון זיך געווען; און געווען איז זי דאַן גליקליך, און די שיינהייט האָט זיך געפּרייט אין איר, און די שיינהייט איז פֿאַר אַנדערע אָנגעגרייט געווען, און נישט פֿאַר מיר און נישט פֿאַר מזלות קיינעם: איר באַשערטער איז העכער מזלות געווען.

אַמאָל האָב איך, אין הימל קוקנדיג, אַן אָוונט איינעם, ווען איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפֿן, נעבן אַ שטערן איינעם אַ פֿאַרשלייערטע פּרוי דערזעהן, מיט אַ דין געוועב איבערן פּנים אַראָפּגעלאָזט, און אינגאַנצן איינגעהילט און אינגאַנצן איינגעוויקלט, איז געשטאַנען און צו אונזערע מזלות געקוקט. געזעהן האָב איך, אַז איר קוק, דער פֿאַרשטעלטער, איז צו מזל־יונגפֿרוי געווענדט, איר שלאָף באַוואַכט, אויף איר בעטל קוקט, און קומט איר איצט צו חלום.. האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען גאָרנישט, ווייל דאָס זעהונג איז אומגע־וואוינליך געווען, און אויך אין הימל מאַכט זיך עס זעלטן, האָב איך געקוקט דערויף און דאָס פֿון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, ביז ס׳איז פֿאַרגאַנגען און פֿון יענעם אָרט נישט געבליבן..

אויף מאָרגן איז זי, די געגאַרטע מיינע, צו מיר צום ברונען אונטערגעקומען, און אַזוי ווי איך בין פֿאַרטראַכט און פֿאַרנומען געווען בשעת איר אָנקומען, האָט זי מיך אָנגערופֿן און מיך „פּעטער״ אַ רוף געטאָן:

— פּעטער, האַ, פּעטער!

— וואָס איז? — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן און זי דערזעהן.
— אַ חלום האָט זיך מיר באַוויזן.
— וואָס אַזוינס?
ס׳איז צו מיר מיין מאַמע געקומען, אַן אָנגעטאָנע און אַ פאַרשלייערטע, און איר פנים האָב איך נישט געזעהן, נאָר זי איז איבער מיין בעטל געשטאַנען און זי האָט זיך אָנ־אָנגערופן און מיר אַזוי געזאָגט:
— טאָכטער, דיין טאַטע האָט מיך אין הימל געוואָלט דערהויבן און איבער מיר איז אויך אַליין אויף דער ערד פאַרבליבן, און דו האָסט די זכיה געהאַט און דו ביסט צווישן די מזלות איינגעזעצט געוואָרן, זעה, טו פאַר אונז און דערהויב אונז.
— און וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע? — האָב איך געפרעגט.
— ליב דאָס דערהויבענע — האָט זי מיר געענטפערט — וואָס האָט זי געמיינט, פעטער?
— כ׳ווייס ניט — האָב איך געענטפערט, און איך בין ערנסט געוואָרן.
און זי האָט מיך פאַרלאָזט און צו אַנדערע מזלות זיך אָנפרעגן געגאַנגען, און יענע האָבן איר אויפגעקלערט, און ווי יעדער פון זיי האָט פאַרשטאַנען איר אויפצוקלערן, און אַלע האָבן זי אויפן געדאַנק אַרויפגעפירט, אַז איר צייט דער־נעהערט זיך, און אַז איר ליבע־צייט קומט אָן שוין, און אַלע אויגן פרייען זיך מיט איר, און אַלעמען איז איר קערפּער ליב, און אַז איר מוטער איז איר צו וויסן געבן געקומען אויף דער צייט, און אַז געזאָגט האָט זי, אַז איר ליבע זאָל זי צווישן הויכן זוכן.
און זי האָט זיך פאַרקלערט, און זי האָט אַרויף קוקן גענומען, און זי האָט צווישן די שטערן געזוכט, אַ באַשיידע־ניש אויף איר יוגנט־פראַגע צו געפינען...

און אין אַ שטיקל צייט ארום האָב נעבן יענעם שטערן ווידער אין אַ ביינאַכט אַמאָל איר פּאָטער שטיין דערזעהן. אַ מענש, ווי אַלע מענשן, אָבער מיט אַ פּנים פון אַ אַמאָליגן מלאך פאַרבליבן, און קיין פליגל האָט ער נישט געהאַט, ווי מלאכים, נאָר אויפן אָרט פון פליגל איז ביי אים אַ טאָרבע געהאַנגען — ער האָט, ווי אַ ערדישער בעל־תשובה אויס־געזעהן. און ער איז געשטאַנען, און אויך אויף זיין טאָכטער געקוקט, און אויף מאָרגן איז זי ווידער אַמאָל צו מיר און שוין מיט א נייעם חלום געקומען;

— פעטער, מיין טאַטע האָט זיך מיר באַוויזן!

— און וואָס געזאָגט?

— „ליבע איז אין דער הויך, ווי ליבע אין דער נידער; אויף גרויסער ליבע איז מען נישט מחויב צו פאַלן" — איך פאַרשטיי נישט, פעטער!

— איך אויך נישט.

און זי איז ווייטער צו אַנדערע אַוועקגעגאַנגען, און זיי האָבן איר ווייטער געזאָגט, וואָס געזאָגט. און זי איז שוין דאַן צום שכל געקומען, און צום געוויסן אָנהויב פון יענעם באַוואוסטזיין . . . און אַרומקוקן אַרום זיך האָט זי גענומען, און אין יענער צייט און אין גרויער יוגנט זיך דערזעהן, און הערן פון אַ ז ו י נ ע זאַכן האָט זי שוין געהערט, און פאַר־שטאַנען האָט זי שוין מער, ווי געהערט; און איך האָב יענע צייט שוין פאַר דער לעצטער געפונען, און אַז אויב נישט איצט, איז פאַרפאַלן: אין ערשטן פאַל, וואָס וועט זיך איר מאַכן, וועט מיך פאַרלאָזן, און אויפן ערשטן רוף פון אַ פרעמדן עמיצן, וועט געוויס זיך אָפּרופן . . . און מזלות האָב איך גע־זעהן, אַז מיין פאַרשטייען, און אַז אונטן אַרום שפּעטן פון מיר. און פון זייער אייגן איר־ליבע־צו־דערגרייכן האָבן זיך מיאש געוועזן, און דערפאַר זיינען זיך אין מיר מתקנא.

און ווילן אויך מיר די זאַך צעשטערן... האָב איך אַ צייט דאַן געפּונען, און איינמאָל, ווען איך האָב זי, גייענדיג מיט פולע עמער, דערזעהן, האָב איך זי אָפּגעשטעלט מיט די עמער, בין איר אַנטקעגן געבליבן, און אַזוי בלייבנדיג, מיין גאַנץ האַרץ איר געגומען אויפּדעקן: און אַזוי, און אַזוי, און פון זינט זי אין הימל געקומען, איז צו איר מיין אויג גע־ווענדט, און פון זינט זי האָט אונטערוואַקסן געגומען, האָט זיך מיין השגחה פון איר ניט אָפּגעטאָן, און פון אלעמענס אויגן האָב זי געהיט, און די צייט דערלעבט, די אַזוי גע־וואַרטע פון לאַנג, און מיין ברונען איז פאַר איר, און די גאַנצע וועלט־שפע פון איר וואָרט הענגט אָפּ: און ווערט זי זיינע, אַזוי וועט ער אויף דער ערד זיין גאַנץ גוטס אָפּגעבן און פון דער וועלט צוריק אַ גן־עדן מאַכן, און זי איז די וועלט זיינע און זי איז אים ליבער פון דער וועלט...,

האָט זי מיך אויסגעהערט און שטיין געבליבן, געשטאַנען און ווי פאַרטראַכט געווען, און דאַן, און אַז איך האָב איר פאַרטראַכטקייט פאַר איר צושטימען אָנגענומען, פאַר איר געגויגטקייט צו מיר, און מיר מיין טאָן־פאַר־איר און זאָרגן געדענקענדיג, האָב איך אויף גיך די עמער אַראָפּלאָזן גע־וואָלט, זיי אַוועקשטעלן און צו איר זיך דערנעהערן, האָב איך די עמער אַ קער געטאָן און זיי אויסגעגאָסן, און זי האָט זיך צעלאַכט און מיך פון מיין איילעניש ניכטער גע־מאַכט:

— כאַ, כאַ, פעטער, איר האט דאָך די עמער אויסגע־גאָסן...

— כאַ, כאַ, פעטער, וואָס האט איר געזאָגט?

און איך בין שוין נישט געגעהענדיג און נישט צו גייענדיג אַזוי געבליבן, און זי איז אַוועק און מיר, פון די אויגן פאַרשוואונדן, און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך נישט באַגעגנט און איינס

דאָס אַנדערע אויסגעמיטן, און פון דעמאָלט אָן זיך נישט געטראָפן און מער דאָס פאַרן מויל נישט געבראַכט...

און מזלות זיינען געוואָרע געוואָרן דערפון, און מזלות האָבן זיך אָנגעשטויסן, און זי האָט זיי נישט געזאָגט גאָר־נישט, אָבער דערציילן זיי דאַרף מען נישט, און תּמיד און ווען איך בין פאַרביי זיי דורכגעגאַן, האָבן זיי אויף מיר מיט די פינגער געטייטלט, געשמייכלט, און איינס דאָס אַנדערע אויף מיר מיט די אויגן זיך אָנגעוויזן...

און זי איז נאָך אַ צייט פריי געוועזן און נישט געקערט צו קיינעם, ביז זי האָט איינמאָל אים דערזעהן, דערזעהן און אים ליב געקריגן, דערזעהן — און מיט לייב און מיט לעבן, און ווי אַזאַ יוגנט, און ווי אַזוינע קאָנען ליב קריגן...

און געוועזן איז דאָס דער שטערן, נעבן וועלכן איר פאָטער און איר מוטער האָבן זיך איר באַוויזן, און געוועזן איז דאָס ווידער אַן אויפדערנאַכט אַמאָל, און איך האָב זיך דעמאָלט נאָך דער טאָג־אַרבעט אַרום אונזער מזלות־גאָרטן ארומגעדרייט, אַרום פאַרקאַן, און אַלע ווייַלע אין אינווייניג אַריינגעקוקט, און אינווייניג בין איך ניט אַריין, ווייל אינווייניג איז דאַן זי געוועזן, און פאַרבראַכט האָט זי עפּעס אַליין דאָרט, און עפּעס שלאָפן נישט געגאַן, ווי אַלע מאָל. און אין גאָרטן איז דאַן אַ זעלטן אָוונט־בוימער־שטילקייט געוועזן, און נאָך מער, ווי אין די בוימער, האָט דאָס שטילקייט אויף די ווייסע זאַמד־סטעזשקעס גערוהט, און דער גאָרטן האָט מיט הימל־מזלדיגס געשמעקט, און אויך מיט ערד־גוטס, וואָס די ערד האָט דאַן פון איר טיף אַרויפדערלאַנגט. האָב איך דערזעהן, ווי נעבן יענעם שטערן האָט זיך אַ קינד באַוויזן, אַ קליינס און אַ שליחל, און דאָס קינד האָט אין דער האַנט אַ לאַמטערנדל געטראָגן, און דאָס לאַמטערנדל האָט געברענט, און דאָס קינד האָט דאָס אין דער האַנט, ווי אין אַ וועג

ערגעץ אָנגעגרייט, געהאַלטן. און דעמאָלט, און דער שטערן
איז גרעסער געוואָרן פון אַ שטערן, און געוואַקסן און אויס־
געוואַקסן איז ער מיט זיין קײַלעכיגקייט, און פאַרטונקלט און
פאַרדעקט איז ער אָבער געוועזן, נאָר ביי אַ זייט זיינער
איינער און סאַמע ביי זיין ראַנד, האָט זיך אַ דינע און
קײַלעכיגע ליכט־שאַרף אויסגעשאַרפט, און ווי דאָס קײַלעכיגקייט
פון אַ תּבואה־מעסער ביי אַ לבנה אין די ערשטע טעג פון
איר געבוירן, האָט אויסגעזעהן; — האָט דאָס ליכטיגקייט דאַן
דעם שטערן באַלויכטן און אין שטערן האָט זיך אַ פּנים
באַוויזן, און אין דער רגע האָב איך פון דער זייט גאָרטן,
און זי פון יענער זייט, דאָס פּנים יענץ באַמערקט, און זי
האָט אירע הענט צו איר קאָפּ אַרויף אַ הויב געטאָן, און
מיט זיי ווי די האָר פון הינטן פאַרריכט, און זי האָט זיך
עפּעס פאַרשעמט, און זי האָט די אויגן פון אַהין צוקוקן
אַראָפּגעלאָזט. און דער שטערן האָט אויף איר יאָ געקוקט,
און אויך מיך האָט ער געזעהן, און פאַר מיר האָט ער זיך
ווי געשעמט אַביסל, און דאָס קינד מיטן לאַמטערנדל האָט
זיך דאַמאָלסט פון זיין אָרט אָפּגעטיילט, און אַראָפּ און צו
אונז, גלייך צום גאָרטן צו, און צו איר אין — פאַרשעמטקייט —
שטיין זיך אַראָפּגעלאָזט. און דאָס קינד איז אַזוי געגאַנגען
און דעם וועג באַלויכטן, און זי האָט אונטן אַרום אַלע ווילע
מיט אַן אויג אַרויף אַ קוק געכאַפּט, און דאָס קינד און זיין
אָנקומען באַמערקט. און זי איז ווי אומרוהיג געווען און
איינגעשטאַנען שלעכט, און דאָס קינד איז פון דער לופט
אַראָפּ, און גלייך צו איר און אין גאָרטן זיך צוגעשטעלט.
און דאָס קינד האָט זי אין אַ זייט דאַן אָפּגערופן, צווישן
בוימער און פאַרשטעלט ערגעץ, און זי האָט זיך ווי געקוועקלט
און אין אָנהויב נישט זיכער געגאַנגען, און דאָך האָט מען
געזעהן, ווי זי האָט זיך דעם קינד נאָכגעצויגן, און נישט

אַזוי דעם קינד, ווי דעם אויבן־שטייענדיגן און אַויף איר קוקנדיגן שטערן פּאָלגנדיג. און זי איז צווישן בוימער געקומען, און וואָס זי האָט דאָרט געטאָן מיטן קינד, ווייס איך נישט. און עפּעס האָט עס איר געזאָגט, און עפּעס האָט עס איר איבערגעגעבן, וואָס וואָס, האָב איך נישט באַמערקן געקאָנט; און דערנאָך, און אַז דאָס קינד האָט זיך צוריק אין לופט אויפגעהויבן, און צוריק מיטן לאַמטערנדל אויף צוריקוועגס זיך געלאָזט, האָב איך געזעהן, ווי זי איז פון אונטער די בוימער אַרויס, גיך אין איילעניש פון גאָרטן זיך אַרויסגעלאָזט, דורך דער פּאָרטקע דורכגעשלייכט און זי פּאַרמאַכט נאָך זיך, און שטיל און בעתן פּאַרמאכן די פּאָרטקע, האָט צום לעצטן מאָל דעם קאָפּ אַרויף אַ הויב געטאָן און מיט אויגן אַהין אַ קוק געגעבן, אַ קוק און באַלד אַוועק, און אַהיים און צו איר געלעגער אָפּגעלאָפן...

און זי איז אַן אַנדערע געוואָרן, און איך האָב, וואָס ס׳איז געשעהן, געוואוסט. און אַנדערע מזלות, וואָס האָבן נישט געוואוסט, האָבן דאָס אויך אויף איר באַמערקט, און באַשטענדיג האָט זי זיך אין איין די־האָר־פּאַרריכטן געהאַלטן, און עפּעס פּלוצלום פלעגט זי זיך פּאַרריטלען און ווי פּאַר זיך אַליין זיך פּאַרשעמען, און פון דעמאָלט אָן און אָפּט פלעג באַמערקן, ווי זי פלעג צום ברונען, ווען איך בין ניט געווען, קומען, פלעג זיך איבער אים איבערבויגן און שטיל און איילנדיג אין אים און אין זיין טיפקייט זיך שפּיגלען... און אויך אין גאָרטן איז זי אַן אָפטער גאַסט געוואָרן, און אויף יענעם אָרט צווישן די בוימער, פלעג ווי עפּעס דאָרט פּאַרגעסנדיג, אַהין זוכן קומען: דאָס האָט זי זיך דאָרטן מיט דעם בילד פון שטערן באַהאַלטן, מיט דעם, וואס דאס קינד האט איר גע־בראכט, און וואס זי האט עס פון אלעמען באהאלטן געהאַט.

און נאָר איך איינער האָב געוואוסט דערפון, ווייל איך האָב איר נאָכגעקוקט און זי באַמערקט עס צו האָבן..

און איך בין טרויעריג געוואָרן, און איך האָב מיין אַרבעט פאַרלאָזט, און מיינע עמער פלעגן וואַרטן אויף מיר, און איך פלעג זיי אַ צייט נישט געדענקען. און אויף דער ערד זיינען גרויסע היצן געוואָרן, און גראָזן און בוימער האָבן זיך אַ טרונק געבעטן, און פעלדער האָבן געטריקנט, און וועלדער האָבן זיך געדרויכערט, און טעכער זיינען איינגעגאַן, און פון קליינע טייכלאַך זיינען די בעטן ליידיג געשטאַנען, און איך האָב עס נישט באַמערקט, און מזלות פלעגן מיר דערמאָנען דערפון, און אויך דעמאָלט פלעג איך פויל אַרבעטן, און אויך דעמאָלט פלעג אָהן חשק טאָן...

און זי איז אויפגעלעבט געווען, און אַ שמחה האָט איר פון די אויגן אַרויסגעקוקט, און מזלות פלעגן זיך אין איר שפּיגלען, און מיט איר אויפגעלייגטקייט אויך אַליין אויפגעלייגט זיין, און געוואוסט האָבן זיי נישט וואָס, נאָר דאָך געוואוסט, אַז איר צייט דערנעהענט זיך שוין זיכער...

און אין אַ שטיקל צייט אַרום, אין אַ צווייטן אָוונט, האָט איר דעם שטערנס שליחל מתנות געבראַכט: האַלז־בענדער און פּערל־צירונגען, אוירינגלאַך און רינגעלאַך־מתּנות. און זי האָט זיי שוין נישט אויסבאַהאַלטן געקאָנט, און דערזעהן האָבן די מתּנות ביי איר אַלע, און אַלע האָבן זי אַרומגערינגלט און זיי געהאַלטן און געשאַצט אין טייערקייט, און זי האָט וואָס צו טאָן נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן און וואָס צו ענטפערן, און אַלע האָבן זי אויספרעגן גענומען, און אַלע האָבן זי מיט פראַגעס אַרומגערינגלט, און זי איז פון ברונען צום גאָרטן געלאָפן, און פון גאָרטן צום ברונען, און הין און צוריק, און יונגע פּיס האָבן זי געטראָגן...

און איך האָב דעם קאָפּ פאַרלוירן, און איך האָב זיך אין

שטערן מתקנא געווען, און איך האָב מיט איר גאָרנישט נישט גערעדט, און זי האָט מיך אויסגעמיטן. און איר פרייד פאַר מיר וויזן האָט זי נישט געוואָלט, און איך אויף איר פרייד קוקן האָב נישט געקאָנט, האָב איך זיך אָפּגעזונדערט, און זי און אויך די מזלות אויסגעמיטן. און אַמאָל, אין אַן אָוונט איינעם, איז דער הימל־בעטלער געקומען, געקומען און אַלע מזלות צונויפגערופן, זיי צונויפגערופן און זיי אַזוי געזאָגט:

— זייט גרייט, מזלות, מזל־יונגפרוי ווערט ביי אייך צו־גענומען!

— וואָס איז?

— זי ווערט אויפגעבראַכט און פאַר אַ גרויסן שטערן אָפּגעגעבן. זייט גרייט, איר ווערט אַלע צו דער חתונה געבעטן.

און די מזלות האָבן זיך גרייטן גענומען, און זיי גרייטן זיך שוין פון אַ צייט, און די כלה האָבן זיי מיט ליבע אַרומ־גערינגלט, און זי ווערט פון אַלעמען מיט אַלעם ליבסטן באַזאָרגט, און זי איז שטיל און האָט זיך זייער געטריישאַפט איבערגעגעבן, און זיי לערנען זי, און זיי עצהנען זי, ווי זי זאָל זיך פירן און ווי זיך האַלטן באַדאַרף; און אַלעמענס הענט זיינען איצט מיט אַרבעט פאַרנומען, פאַר זיך און פאַר דער כלה צוצוגרייטן, און זיי בענקען שוין און קאָנען זיך נישט שיידן, און דערווייל גיבן איר דאָס בעסטע אָפּ, פון אַלעם גוטן און וואָס ס׳פאַרמאָגן נאָר מזלות... איינער נאָר איך קאָן אויף דער חתונה נישט זיין, איינער נאָר איך קאָן זיך פון דער קנאה נישט באַפרייען, און (דאָס זאָג נאָר דיר) אין דער שטיל האָב באַשלאָסן מיט ליידיגע עמער איר איבער־צוגיין...

און דאָס, וואָס דו זעהסט אויף דיין ערד אַצינד, דאָס איז אַ דאַנק מיין אָפּגעלאזנקייט געוואָרן; מיין שפע האָב פאַרשלאָסן, און אויף דיין וועלט איז וואָס ס׳איז געוואָרן —

געוואָרן, און די ערד דאַרף טרינקען — טרינקט זי בלוט פאַר וואַסער, און מענשן דאַרפן עסן, עסן זיי מענשן פאַר ברויט, און גייסט גייט אין די הייזער און שפּייזט זיך פון אָפּפאַל און פון שטיקלאַך דאַרע, און מענשליכע זעהערס זיינען מיט אויגן־קראַנקייט געשלאָגן, און געוויסע וועלט־פאַרזאָרגערס אין די שענקען שכּורן, און פּאָעטן — שפּעטן, און געוויסע דיכטער, אַז זיי הערן מזלות די נעז שנייצן, נעמען עס פאַר דונערן און פאַר גרויסע געשעהענישן אָן — טפלי — און דער עיקר, דער נאַכט־שלעפער, זאָגט מען, שלעפט זיך שוין אין די שענקען אַרום, און צווישן אַזוינע, ווי ער, צווישן עובר־בטלע און קראַנקלינגען, מיטגלידער פאַר זיינער אַ חברה, פאַר „צער־בעלי־חיים" ווערבעוועט...

— און אָט האָסט דו דיר די מעשה, שלעפער, און דאָס האָט מיר דער מזל־עמער דערציילט.

— נישקשה פון אַ שטיין אין מיין גאָרטן! — זאָגט דער נאַכט־שלעפער.

— יאָ, נישקשה, שמייכלט דער וועלט־טרעגער.

— נו, און ווי ביזט דו מיט דער חתונה?

— איך בין אויך פאַרבעטן און גיי.

— און פאַר די ליידיגע עמער?

— כ'האָב קיין מורא ניט.

— וואָס איז?

— דער הימל־בעטלער האָט אונז אַ וועג אָנגעוויזן. און עס איז אַזוי געוועזן: — ווען איך בין אין דער לעצטער צייט איינמאָל מיט דער וועלט־משא אויפן אַקסל געגאַנגען, פאַרטראַכט געווען און פאַרקלערט און פאַר מיינע זאַכן תכליתים פאַרזאָרגט. און שווער און ביטער איז מיר אויפן האַרצן געווען פון דער צייט קלערנדיג, און וויסט איז מיר געוועזן, און אַ באַרג מיט פראַגעס האָט אויף מיר געהויערט; און געדענקט האָב איך,

וואָס מען פרעגט מיך אָפּ באַשטענדיג, און אַלע שפּעטערס און אָפּלאַכערס האָבּן זיך מיר פאַר די אויגן פאַרגעשטעלט, און פון איינער אַ פראַגע האָב איך זיך נישט באַפרייען געקאָנט: „ס׳איז דאָך אין די הענט ביי דיר... איין שלעכטן האַלט, און די משא דיר פון די אַקסל פאַלט, און — פּטור, און דאָס געוועזענע איז אויס, און דאָס קומענדיגע וועט נישט קומען, און נאָך וואָס האַלטן זיך מיט דעם, און צו וואָס וועסט דו דאָס ברענגען, אַז דער וועג איז אָנגעצייכנט, און דער גאַנג איז אויסגעשטעלט, און אַרויסגיין פון אים איז אומעגליך?...

— מעגליך — האָט מיר עפּעס פּלוצלום אין די אויערן דאַן אַ זאָג געטאָן. און אַז איך האָב זיך אויסגעדרייט און פון וועמען דאָס פּלוצלומדיגע קול קומט, זעהן געוואָלט, האָב דעם הימל־בעטלער מיט אַ פריילִיך געמיט און מיט אַן אויפגעלייגט פּנים דערזעהן, און ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן אויף דער גיך:

— וועלט־טרעגער, ביסט אין הימל איינגעלאַדן, ביי דער חתונה פון שטערן מיט מזל־יונגפרוי ביי צו זיין, און לאָז זיך נישט בעטן.

האָב איך אים געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך גיין און ווי אזוי קאָן איך חתונות אין זינען האָבן, אַז מזל־עמער האָט פון אונז די שפע אָפּגעטאָן. און מזל־עמער האָט זיין ברונען געמאַכט אויסטריקענען, און זיין אַרבעט האָט פאַרלאָזט, און זיינע עמער זיינען צעלעכצט, און מיר האָבן באַלד ניט מיט וואָס צו קומען.

האָט מיר דער בעטלער געענטפערט: האָב קיין מורא ניט, ביי דער חופּה וועט עפּעס געשעהן... ביי דער חופּה וועלן די זיבן גיי־שטערן און די זיבן בעטלערס זיין.. און זיין וועט דעמאָלט אַן עת רצון, און אַלע, וואָס נויטיגן,

ווערן אַהין צו יענער שעה איינגעלאַדן, און וואָס געהערט
דיר און דיין משא, וועט איר מער פון דיין מזל נישט
אָפּהענגיג זיין, וועסט דו דאָס, וואָס האָסט אַלע יאָרן געגאַרט,
פועלן, וועסט דו דערהויבן ווערן און העכער פון מזלות
שטיין...

וואָס הייסט?

— ס'איז מעגליך און זיי נאָר דערביי... און אָט האָסט
דו דיר אַ וועג, און אָט גייט ער באַרג אַרויף, און גייסט דו
מיט אים, וועסט דו דעם מזל מיט זיינע עמער אויסמיידן...
און איך בין אַוועקגעגאַנגען מיט דעם וועג, און באַלד אַרויף
זיך גענומען, און באַלד האָב איך ווינטן פון הימל־גערעדער
דרייען זיך דערהערט, ווייטע און פרעמדע, און וואָס איך
האָב קיינמאָל ניט געהערט אַזוינע, און געזאַנגען פון פרעמד־
זונען האָב פאַרנומען, וואָס זייערע פייער־רעדער האָבן מיר
פאַר די אויגן געשווינדלט, און אויך איך האָב זיך צעזונגען
און אויפן וועג מיט נאָך אַזוינע, ווי איך זיך באַגעגנט,
און אַלע זיינען איינגעלאַדענע, און אַהין און אין דערהויבנ־
קייט גייען, און פאַר אַלעמען דער הימל־העלפאַנד גייט און
מיטן שווערן קאָפּ זיינעם שאָקלט, און מיט בערג און מיט
גוטס, און מיט חתן־כלה־מתנות, חתן־כלה צו דערפרייען...

— און דאָס איז דיר מיין גדולה און מיין באַרג ארויף,
שלעפּער, און יעצט גיי איך...

און דער וועלט־טרעגער הויבט זיך דאַן פון ביים טיש־
זיצן אויף, פון זיצן און פון דערציילן לאַנגן, און אויך דער
נאַכט־היטער מיט זיין געפעלצקייט שטייט אויף, און אויף
זיין פנים איז גאָרנישט צו דערקענען, אַזוי געקומען, אַזוי פאַר
דער מעשה, אַזוי אויך איצט און נאָכן דערציילן זעהט אויס, און
ער פאַרריכט דעם פעלץ זיך היטעריש, און דאָס היטער־פייפעלע
אויף זיין ברוסט־ברעטל געפינט, און ער קערעוועט זיך צום

פענסטערל פון צימער אויס, און זעהס, אַז יאָ, אַז אין דרויסן טאַקע טאָגט שוין באַלד. גיט ער דאַן אויף שלעפּער עפּעס אַ קוק אַ בייזן, און שלעפּער, ווי אין דער ערד פאַרשווינדט, און וועלט־טרעגער לאָזט זיך פון צימער אַרויסגיין, און פאַרן אַוועקגיין גיט נאָך אויף די שכורים, אויף די ביים טיש שלאָפנדיגע, אַ קוק, און פאַרלאָזט זיי שטיל, און אַזוי נאָך אים דער היטער; און אין דרויסן דער טאָג שוין פאַרנעמט זיך, און איינציג־איינציגווייז פון די הויפן, מיט די בעזימער אין די הענט די הויף־היטער אויף צו פאַרקערן און די גאַסן רייניגן זיך באַווייזן, און דער טרעגער זאָגט אַ גוטן טאָג דעם היטער און גייט פון אים אָפּ, און דער היטער גייט צו זיך אַוועק, צו זיין היים און צו זיין שטוב, אום פאַר דער נאַכט דעם טאָג צו רוהען...

און אינדערפריה, אַז גרויסער טאָג איז שוין אין שטאָט, אַז הויכע זון איז שוין אין הימל, גרויסער רעש שוין אויף די גאַסן, און די גאַסן שוין אָפּגערייניגט אום ווידער פון טאָג און טומל פאַרשמוצט צו ווערן; און טרעגער מיט וועלט איז שוין ווייט, מיט זיין משא און מיט זיין שווערער באַרג־אַרויף צו טראָגן, און מיט איר זיך צו מיהען — דערוועקט זיך ערשט דאַן דער עולם, דער אויף נאכט פאַר־בליבענער, אין שענק אין „סגי־נהור“, דערוועקט זיך און ווישט זיך די אויגן אויס, און נאַכטיש בלאַס זיינען זיי און בלאַסע שמייכלען אויף זייערע ליפּן, פאַרלאָזן זיי דאַן דאָס צימערל אין „סגי־נהור“ און אויף דער גאַס אַרויסקומען, קומען אַרויס און צום ערשטן צו אַן אומריין אָרט ווענדן זיך, גייען אַהין אַריין און מיט די פנימער צו די ווענט שטעלן זיך, שטעלן זיך אַוועק און גיבן דאָס נאַכט־געטראַנק דאָרט אָפּ...

---

# אינהאלט.


| | זייטע |
|---|---|
| דער נזיר און דאָס ציגעלע | 7 |
| צום באַרג | 47 |
| שדים | 101 |
| אויפן גרעניץ | 137 |
| אין וואַלד | 165 |
| אין וויין־קעלער | 211 |

Druck von Zahn & Baendel
Buchdruckerei für alle Sprachen
Kirchhain N.-L.

4A
~~43259~~